STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07168

SEFER GENAZE DERUSHOT VE-RAAYANOT

Hersch Kohn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר
גנזי דרשות ורעיונות
אוצרות אידעען און געדאנקען

חלק א.

דרשות פאר ימים נוראים, שלש רגלים
און אלע אידישע ימים טובים, הזכרת
נשמות, הספדים, אינסטאַליישאָן, און אלע
פערשידענע געלעגענהייטען.

— פון —

הרב צבי הירש הכהן
רב לעדת
"תפארת ישראל דריווערסייד"
ניו יאָרק.

בהוצאת בית מסחר ספרים "פרדס"
י. ז. בוכבינדער, נשיא.
27 רחוב קאנאל, ניו יאָרק.

תרצ"ג.

ANGLO
HEBREW
PRINTING
CO.
372 EAST HOUSTON STREET
New York City, N. Y.

TREASURES OF IDEAS *and* THOUGHTS

Sermons for all Jewish Holidays, Memorials, Eulogies, Installations, and for all Other Occasions

By

RABBI HERSCH KOHN

of

Congregation Tifereth Israel of Riverside

New York City

Vol. I.

Published by

THE PARDES PUBLISHING HOUSE, Inc.

Uriel Z. Bookbinder, Pres.

27 Canal Street New York

Copyright 1933

By Rabbi Hersch Kohn

and Pardes Publishing House, Inc.

מוקדש

לזכרון נשמת אמי מורתי

הצנועה הצדקת אשת חיל

מרת יוטא פיגא ע"ה

בת הרה"ח המפו' ר' מנחם מענדל ווידער ז"ל

נפטרה בשם טוב

ביום כ"ו תשרי, תרע"ז.

ומנוחתה כבוד על מרום "הר הזתים"

בעיה"ק ירושלים תובב"א.

בעזהי"ת.

פארוואָרט:

איך בין אויפגעטראָטען מיט מיין גאנצען הארצען צו דער גרויסער פאראנטוואָרטליכער ארבעט, אויף דעם אויס־דריקליכען פארלאנג פון מיינע פילע פריינד און פארעהרער, און איבערהויפט י. ז. בוכבינדער, וועלכער האָט מיך ערמו־טיגט און באוועגען ארויסצוקומען אין דער עפענטליכקייט.

והפעם אודה את ה', וועלכער האָט מיר געהאָלפען מעודי עד היום הזה, און האָט מיר מזכה געווען צו זעהן די ערשיינונג פון דיזען ספר "גנזי דרשות ורעיונות" "אוצרות אידעען און געדאנקען". איך האָף צו השי"ת, אז מיין ווערק וועט נושא חן זיין ביי אַלע קלאסען אידען.

פארשטענדליך, אז די אָפּשאַצונג פון דעם ספר לאָזען מיר איבער אין די הענד פון די קריטיקער און מבינים, ווייל ווי באוואוסט איז דער מחבר אלעמאָל כחומר ביד היוצר, אין די הענד פון זיינע אָבשאַצער.

איך בין אָבער איבערצייגט דאָס די ווערטהע מבקרים וועלען נעמען אין בעטראכט דעם בעוואוסטען מאמר החכם "מה שהרצון חושק, אפיסת היכולת עושק".

גלייכצייטיג מאך איך אויפמערקזאם מיינע געעהרטע לעזער, דאָס איך פרעטענדיר נישט, אַז אַלע געדאנקען, רעיונות און גוטע ווערטער אין דעם ספר זיינען מיינע, איך האָב געטאָן מיין הייליגסטע פליכט און מדקדק געווען נאָכצוקומען דעם מאמר חז"ל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם, עד מקום שידי מגעת, און איבעראל באַצייכענט די מקורים פון וואנען איך האָב דעם וואָרט אָדער געדאנק געשעפּט, און

אזוי ווי דיזער ספר ענטהאלט דרשות און רעיונות לכל עת מצוא, האב איך זיך באנוצט מיט דער פאפולערער אידישער שפראך, אויסמיידענדיג הויכע פראזען און שווערע אויסדרוקען, אזוי, אז אלע קלאסען רעדנער זאלען זיך מיט דעם אן קיינע שוועריגקייטען קענען באנוצען.

ויהא רעוא דאימא מילתא דתתקבל.

פארענדיגענדיג מיין הקדמה, פיל איך א חוב צו דערמאנען מיט יראת הכבוד מיין ליבען פאטער, אאמו"ר הרב הגאון הצדיק חד מבני עליה כקש"ת מוהר"ר חנוך חיים הכהן שליט"א, וועלכער זיצט בחצרות ה' בתוככי ירושלים עיה"ק ת"ו, אריבער דריי צעהנדליג יאהר, על התורה ועל העבודה, השי"ת זאל אונז העלפען מיר זאלען זוכה זיין אין גיכען זיך צו פאראייניגען ולהתראות בשובע שמחות.

און עס זאל אין גיכען מקוים ווערען די הבטחה "הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא והשיב לב אבות אל בנים ולב בנים אל אבותם.

כעתירת המצפה לישועת ד',

צבי הירש הכהן.

בחודש אלול, תרצ"ג. ניו יארק.

D E D I C A T E D

to the officers of my Congregation

Mr. Louis Ginsberg

President

Mr. Jacob Cohn

and

Mr. Jacob W. Bermant

Vice-Presidents

with gratitude and admiration for their whole-hearted devotion and undivided interest in the

CONGREGATION TIFERETH ISRAEL OF RIVERSIDE

and the

RIVERSIDE TALMUD TORAH

THE AUTHOR

ואלה יעמדו על הברכה

מחברי בית הכנסת „תפארת ישראל דריווערסייד" ישלם ד' פעלם

הרב ר' שלום הכהן כשדן
ר' שמואל אבעלאָף
יהודא אייכעל
ר' יוסף זאב בראַנדוויין
זוג' געלא איטא בת רייכל
ר' מתתי' בראַנדוויין
ר' יחזקאל גאָלדשטיין
ר' יעקב גוטמאַן
ר' יצחק גלאזער
זוג' אסתר בילא
ר' יעקב דיקשטיין
זוג' הינדא חי'
ר' אברהם אלי' האַלפּערן
ר' יואל דוואָרקין
ר' משה הוטשניקער
ר' מרדכי יהודא הוירש
ר' שמואל דוד הוירשפילד
ר' ישראל וואַגנער
ר' משה מנחם לאזארום
ר' יעקב לואים
זוג' חי' מלכה
ר' בנימין מרדכי לעווין
ר' חיים סאלאמאַן
ר' שלמה סינדעבאנד
ר' חיים סאָנענבערג
ר' אברהם קרעינער
ר' יצחק דוד הלוי קאננער
מר. יוסף ריטשמאַן
ר' אליעזר שוסטאק
היי שרה דוואָרמאַן
היי שיינע אלטארש
בילא וויינטרויב
מרים פעלדמאַן
שרה ראָזענקראַנץ

חברה בני אברהם דהאַרלעם

ר' ישראל לינדער, פּרעז.
ר' מענדל אפרת
ר' צבי אפרת
רעזו. שלום בינדער
ר' יודא זאב בלומענטאַל
ר' אליעזר גאָלדפאַרב
רעזו. יעקב האָך
ר' ברוך סאָללער
ר' פייביש עללענבויגען
ר' חיים פאלבערג
ר' משה יוסף פּערלאָוו
ר' שמואל קאַצענעללענבויגען
ר' יוסף ברוך רייטער
ר' פסח שוואַרץ
ר' מ. שעכטער
מרס. אננא מאַרקוס,
פּרעזידענט וואשינגטאָן הייטס לחם עניים קאָול און אייד סאָסייעטי און אגודת אנשי מעמד

חברת דגל בנות ירושלים

צפּורה ראָזען, פּרעז.
שפּרינצא סאילער,
טשערמאַן חברה קדישא
בלומא לעינס, וויס-פּרעז.
פייגא רייזא בוללער
אסתר שפּרינצא בענין
הי' פייגא גאַרני
חיי שרה דאמיניץ
ש. פּ. דיקשטיין
שרה לאה הערשטיין
חנה רייזעל וואדערקאמען
אסתר וואַרשאַווסקי
חיי שרה טאוב
פּעשע רייזעל טאָמאָס
דזשעני כהן
איידא כהן
רבקה לעפקאָוויץ
לאה גיטל קיססעל
פייגא רעיפעלסאָן
ליבא שעכטער

ואלה יעמדו על הברכה

HENRY ABELSON
SAMUEL C. ADELSON
Mrs. GERTRUDE ADELSON
ABRAHAM BASES
Mrs. D. BARON
B. BERKOWITZ
HON. SOL BLOOM
MORRIS BOLLT
Mrs. SADIE BREAKSTONE
L. BRENNER
DAVID L. CHARAL
BEN COHEN
SAM COHEN
BENJAMIN DLUGAS
JACOB ELISHEWITZ
Mrs. FANNIE EPSTEIN
HENRY FEDER
MEYER FRANK
DR. M. LEO GITELSON
HARRY GOODMAN
SIMON GOLDMAN
AARON GOODMAN
Mrs. CLARA HAMMERLING
A. HARTSTEIN
ROBERT HERRING
HENRY I. JACOBS
Counsellor JOSEPH JAME
HON. I. JAMES BRODY
HENLEY KAYDEN
G. L. KAYDEN
M. KAPILOFF
Mrs. FANNIE KARASIK
ARTHUR I. KRAFT
Counsellor SAMUEL LESSER
MORRIS LEVITAN
J. LIPSON
MICHAEL MILLER
H. MORTON
BERNARD NEARMAN
Mrs. ESTHER PANISH
ABRAHAM PAVENICK
DAVID A. POLLACK
ISAAC PONTIN
IGNATZ PRICE
BENJ. REICH
BERNARD REICH
B. ROSENS
FRANK E. ROSEN
IRVING SABSOWITZ
Mrs. SARAH SCHOENHOUSE
Mrs. ROSE SCHEER
SIGMUND SCHNEE
HON. BENJAMIN SHALLEK
Mrs. R. SHAPIRO
DR. DAVID SHAPIRO
H. SINGER
Counsellor JOSEPH SPEISER
Mrs. IDA TAUBENFELD
DAN TROTZKY
NAT TROTZKY
LESTER UDELL
IRVIN I. WACHT
HENRY WEISSMAN
CHARLES A. WILTSCHEK
A. WOLKOFF

געווידמעט

צום אייביגען אנדענק פון האשה החשובה הצנועה,

אשת חיל עטרת בעלה

מרת גיטל עטיל ב"ר שלמה איסרלים ע"ה

נפטרה בשם טוב ח' אייר, תרצ"ב, ניו יארק

תנצב"ה

ועל הטוב יזכר בעלה העסקן הנכבד, מיין איבערגעגעבענער פריינד

החסיד המפורסם לשם ולתהלה רודף צדקה וחסד,

הנגיד **ר' יוסף הלוי איסרלים שליט"א**

מגזע הרמ"א ז"ל

מיט זיין בעליעבטע פאמיליע

וביחוד האברך יקר הערך וטוב לב

מר סעם איסרלים נ"י

וועלכע האבען געהאלפען גרינדען די שוהל

קאנג. תפארת ישראל דריווערסייד

ישלם ד' פעלם ותהי משכורתם שלמה.

מנאי המחבר.

נר תמיד

SAM HYMAN

In Memory of his Father

ר׳ אלי׳ יושע הימאַן

נפ׳ ד׳ כסלו, תרצ״א

Mr. LOUIS GINSBERG

In Memory of

אמו, רוחמה גינזבערג

נפ׳ ז׳ אלול, תרפ״ה

JACOB JOSEPH MELTZER

נפ׳ כ״ד כסלו, תר״ע

Mr. JACOB COHN

In Memory of

אמו, רבקה כהן

נפ׳ יוד מנחם אב, תרפ״ו

אחיו, זאב וואָלף כהן

נפ׳ ה׳ שבט, תרפ״ג

מרס. אסתר ריטשמאַן

לזכר נשמת אמה

האשה החשובה הצדקת

מרת לאה ב״ר שבתי ריטשמאַן

נפ׳ ח׳ אייר, תרצ״א

אחיה

ר׳ אברהם מאיר ריטשמאַן

נפ׳ ו׳ אדר, תר״ץ

Mrs. ESTHER ROSENBLUM

In Memory of

JACOB RUBENSTEIN

נפ׳ כ״ח תשרי, תרצ״ב

BELLA ROVENGER

נפ׳ ט״ו אדר א׳, תרצ״ב

ר׳ יצחק יוסף בערינהארט

לזכר נשמת הוריו

ר׳ יצחק יוסף בערינהארט

נפ׳ ג׳ תמוז, תרפ״ט

מרת צארטל בערינהארט

נפ׳ כ״ט ניסן, תרפ״ז

FRANK M. LOWENTHAL

In Memory of

his beloved Father

ISRAEL S. LOWENTHAL

נפ׳ ה׳ טבת, תרצ״ב

ר׳ הילל פאדאוו

לזכר נשמת אמו

מרת סטירל פאדאוו

נפ׳ ד׳ סיון, תרצ״ג

אשתו, מרת דבורה פאדאוו

נפ׳ יוד מנחם אב, תרצ״ב

נר תמיד

MRS. FANNIE STERN
DR. ARTHUR STERN
SAMUEL STERN
BEN STERN
WILLIAM STERN

In Memory of
dear Husband and
beloved Father

ר׳ משה הלוי שטערן ע״ה

נפ׳ י״א מנחם אב, תרצ״ג

ר׳ חיים זאב אש

לזכר נשמת אשתו

מרת **יהודית אש ע״ה**

נפ׳ שביעי של פסח, תרצ״א

MR. ADOLPH ORNSTEIN

In Memory of
his beloved Father
MORRIS ORNSTEIN
נפ׳ כ״ט חשון, תרפ״ד
and Mother
SARAH ORNSTEIN
נפ׳ כ״א מנחם אב, תרע״ח

מרס. רבקה הערשקאָוויץ
ר׳ דוד הערשקאָוויץ
ר׳ יוסף הערשקאָוויץ

לזכר נשמת בעלה ואביהם
ר׳ ברוך יעקב הערשקאָוויץ
נפ׳ י״א כסלו, תרצ״א

Mrs. ELSIE LEVITAN
Mr. SIDNEY BERLINER

In Memory of their Mother
ELIZABETH BERLINER
נפ׳ י״ט כסלו, תר״ץ
and Brother
CYRUS W. BERLINER
נפ׳ י״ח חשון, תר״ץ

Mr. HERMAN SHAKIN

In Memory of
his beloved Father
THEODOR SHAKIN
נפ׳ י״ג סיון, תרפ״ז

Mrs. HERMAN SHAKIN

In Memory of
her beloved Father
MAX SMITH
נפ׳ א׳ שבט, תרפ״ו

Counsellor
JACOB M. GOLDENKOFF

In Memory of
his beloved Mother
רחל גאָלדענקאָף
נפ׳ א׳ סיון, תרצ״ב

Dr. MAX SPIEGEL

In Memory of
his beloved Mother
ESTHER SPIEGEL
נפ׳ כ״ז אדר, תרפ״ט

נר תמיד

MR. HARRY HORLICK

in Memory of

his beloved Mother

מרת מיכלא רויזע ב"ר יושע ע"ה

נפ' י"ב אלול, תר"צ

לזכר נשמת האשה הח'

מרת רבקה

ב"ר נחמן קאמינקער

נפטרה ט"ז מנחם אב, תרצ"ב

לזכר נשמת

האי גברא יקירא עושה צדקה וחסד

MR. SAMUEL BERNSTEIN

נפ' בח' תמוז, תרצ"ג

ר' יחיאל מיכל שעכטער

לזכר נשמת האשה החשובה

מרת פרידא ב"ר אברהם שעכטער

נפ' ער"ח טבת, תרפ"ט

MR. WILLIAM H. FRIEDMAN

In Memory of

his beloved Father

ר' פנחס פריעדמאן

נפ' ט"ז ניסן, תרפ"ח

ר' יהודא ליב פיינגאלד

לזכר נשמת אביו

ר' יוסף ב"ר משה יהושע

AL SCHRANZE

In Memory of

his beloved Mother

בילא ב"ר ישעיהו

MAX RUBIN

In Memory of

his beloved Father

ר' משה זאב ב"ר ברוך

MEYER STAUB

In memory of

his beloved Father

משה יעקב ב"ר יהודא

Counsellor

MYRON S. YOCHELSON

In memory of

his beloved Mother

יענטא בת הרב יצחק הכהן

ר' אברהם בלייכער

לזכר נשמת אשתו

מאליע ב"ר שלום

מרס. גאלדע טישלער

לזכר עולם

In Memory of

her beloved husband

ר' יצחק שמואל

ב"ר משה טישלער

נפ' כ"ב כסלו, תרצ"ד

בעיר ברידזשפארט, קאנג.

מזמור לתודה

עס איז מיין הייליגסטע פליכט אויס צודריקען מיין אינערליכען דאנק צו די ווירדיגע קהילות

קאָנג. קהל עדת ישורון דהארלעם

חברה בני אברהם אנשי ספרד דהארלעם

און בעזאָנדערס מיין חשוב'ע שוהל

קאָנג. תפארת ישראל דריווערסייד
250 וועסט 106טע סטריט, ניו יאָרק.

וועלכע האלט מיך בכבוד און ווירדע שוין 7 יאָהר לטובה. זאָל דאָ פאראייביגט ווערען — למזכרת עולם — די נעמען פון די עוסקים באמונה בעבודת הקודש אין מיין שוהל.

ואלה יעמדו על הברכה:

בעאמטע:

מר. לואיס גינזבערג, פרעזידענט.

מר. דשייקאָב כהן, וויים-פרעזידענט.

מר. יוסף הערשקאָוויץ, סעקרעטער.

די ווירדיגע גבאים יראים ושלמים

ר' שמואל צבי קאפלאן ר' צבי דזשאָזעף

הטיבה ה' לטובים!

מלכא דעלמא יברך יתכון יפיש חייכון ויסגא יומיכון ויתן ארכא לשניכון, ותתפרקון ותשתזבון מן כל עקא ימן כל מרעין בישין, מרן דבשמיא יהא בסעדכון עם כל זמן ועידן, אמן.

עבד לעבדי ה'.

המחבר.

תוכן הענינים

פאַרוואָרט.
ערקלערונג פון דעם ארויסגעבער.
אלול — תכין לבם תקשיב אזניך.......................................17
סליחות — יפה צעקה לאדם...23
ראש השנה — מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת.........29
ראש השנה — הללוהו בתקע שופר..............................34
ראש השנה — ערבוב השטן...38
ראש השנה — קול ברמה נשמע....................................44
יום כפור — לפני ה׳ תטהרו..49
יום כפור — זבח תודה יכבדנני.......................................57
סוכות — ברודערליכקייט און גלייכהייט........................62
חנוכה — אור הגנוז..71
פרשת שקלים — כי תשא את ראש................................79
פרשת שקלים — מטבע של אש......................................86
פסח — עליה לרגל, דעמאָנסטראַציעס..........................91
אחרון של פסח — לא בחיל ולא בכח...............................99
שבועות — כבוד אב ואם...106
שבועות — לא זו הדרך...114
שבועות — דוד מלך ישראל חי וקים..............................118
שבת חזון — וואוהין זאָלען מיר אַנטלויפען?...............125
שבת נחמו — שיבת ציון...131
מאָהערם דעי — כל רואיהם יכירום
כי הם זרע ברך ה׳..139
אינסטאַלליישאַן — מנהיג לפי דורו................................144
פדיון הבן — וכל בניך למודי ה׳.....................................150
צאתך לשלום — מתוך דבר הלכה.................................158
חתונה — מצא אשה מצא טוב..162
הספד — והחי יתן אל לבו...166
יזכור — לה׳ הארץ ומלואה..170

לוח הטעות והתקון

תקון	טעות	שורה	זייט
איבער	אָבער	27	19
מחבר	מחרב	22	21
זייעט	זעהט	1	36
וויס ניט	ערוואַרטעט	10	36
גענוג	געווים	29	39
רופען ארויס	ארויסרופען	21	41
ציהען אונז ארויס,	ארויס ציהען אונז	23	41
עהרליכער	הערליכער	6	42
מאנה, כה	מאינה, זה	2	44
ווערען	לערען	11	48
בת ת' זוזי	בת זוזי	8	69
הירש חיות ערקלעהרט	הירש ערקלערט,	27	73
זין	זאך	3	86
היינט צו טאָג	היינט צו	24	89
נועלין	נעעלין	5	91
בהילוכן	בפילוכן	8	91
ובכסות	ובכלות	11	94
מיט זיינע ער־	ליט זיינע הערש־	12	99
ספרי	לפרי	2	100
דסיתוא	דכיתוא	21	100
אויבען־	ליבען־	3	112
(חסר) טערנעמונגען פון א אויסגעלאַסענעם און וואולגאַרען	אונ־	27	115
ה' אלהיך	ולא יהי לך	15	116
(חסר) לא יהגו בגרונם, רוממות אל בגרונם.	גרונם,	7	117
(חסר) דעריבער לא יהגו בגרונם קען זייער רופען קיין פעולה נישט האָבען, און קיין ווירקונג נישט מאַכען	אודאי איז	12	117
אל	קול	18	117
ועיני	יעגני	14	131
דערפילען	דערפיהלען	22	139
וגנאי	וגני	8	143
געזעהן	וועזעהן	5	148
קודם	קרדם	6	164
ומזוג	ומזג	18	164
דעם	העם	6	165
אָבער נישט הייליגען נאר	אָבער נאָר	10	172

פאָרוואָרט פון די ארויסגעבער.

כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו. (מלאכי ב.)

דער מחבר הרה"ג ר' צבי הירש הכהן, ווי ער שטעלט זיך אליין פאָר אלעס א נייער אויף דעם פעלד, פילען מיר אונזער חוב צו ערקלערען, אַז די נייע ערשיינונג פון "אוצרות אידעען און געדאַנקען", צייכענט זיך אוים מיט אַ וואונדערבאַרען טאַלאַנטפולען כח. און עס איז פאַר אונז אַ כבוד צו זיין די אַרויסגעבער פון דעם וויכטיגען אוצר, אַפילו ווען דער מחבר איז אַ פנים חדשות אויף דעם פעלד, אויף וויפיל עס איז בע־קאַנט צו אַלע חובבי ספרות הדרוש, דאָס די פאַרנאַכלעסיגטע באַהאַנדלונג פון דער גרויסער דרוש ליטעראַטור פאר די לעצטע צייט, ער־שיינען דורך אונזער פארלאג גאנצע סעריעס. פון אונזער זייט, קלייבען מיר פון די בעסערע כחות און פעהיגערע טאַ־לאַנטען, דאָך הערשט אין יעדען מחבר אַ בעזונדערע אייגענ־ארטיגער קינסטלערישער אויסדרוק, וואָס אונטערשיידעט זיך און צייכענט זיך אוים איינער פון צווייטען, און דעריבער ווילען מיר האָפען, אַז דער סעט "אוצרות אידעען און געדאַנ־קען" מיט זיינע פיל פאכיגע אייגענארטיגע שטימונגען פון אידעען און געדאנקען, איבער די שווערסטע פּראָבלעמען אין יעדען ווינקעל פון מענשענס לעבען, האָט זיך איינגעגעבען דעם ווירדיגען מחבר די שאַפונג אַלעס א ווערטפולע אויף דעם געביט פון דרוש, צופּאַסענדיג זיך פּאַלשטענדיג צו דעם מאָ־דערנעם דור, שטעהענדיג טריי אויף דעם פונדאמענט פון אונ־זער אַלטע טראַדיציע. עס איז ביי אונז קיין ספק נישט, אַז דער אוצר וועט זיין אַ וויכטיגער זייל אין דער דרוש ליטעראַטור, און וועט פארנעמען דעם חשוב'סטען פּלאַץ, אלעס אַ ערשט קלאַסיגע מאָדערנע ווערק.

מיר ווילען האפען, אז די אלע וועלכע וועלען זיך באנוצען מיט דעם "אידעען און געדאנקען" וועלען זיך איבערצייגען אין אונזערע ווערטער, און געבען די געהעריגע אנערקענונג און אפשאצונג, וואס וועלען פארשטארקען אונזער ענערגיע פארטצוזעצען אונזערע וויטערדיגע סעריעס בעהי"ת.

מיט דרך ארץ, -

בית מסחר ספרים "פרדם". -

י' ז. בוכבינדער, נשיא.—

מנשים באהל תבורך

זוגתי היקרה המלומדת

אשת חיל עטרת בעלה

ה ר ב נ י ת

מ"ת ל א ה תחי'

העומדת על ימיני לעזרני

בעבודת הקודש.

די ביאגראפיע פון מחבר.

הרה"ג ר' צבי הירש הכהן, איז א אור איניקעל פון דעם גאון וקדוש ר' נפתלי כ"ץ זצ"ל, אבד"ק פוזנא, בעהמ"ח ספר "סמיכת חכמים" ולמעלה בקודש עד אהרן הכהן. געבוירען אין ירושלים, געקומען קיין אמעריקא אין 1922. זיין ערשטע רבנות אין "קהל עדת ישורון" אין הארלעם, פאר די לעצטע 7 יאהר רב אין דער באריהמטער קאנגרעגיישאן "תפארת ישראל דריווערסייד", אפטאון, ניו יארק. א גרויסער כלל טוער, א חבר אין פילע רבני'שע ארגאניזאציעס, און עקזעקיוטיוו מיטגליד אין פילע נאציאנאלע און לאקאלע ארגאניזאציעס. אקטיוו אין אלע אידישע כלל אנגעלעגענהייטען.

אלול

תכין לבם תקשיב אזניך,

נשא לבבנו אל כפים אל אל בשמים.

מר"ח אלול עד אחר יום הכפורים המה ימי רצון, ואף כי בכל השנה הקב"ה מקבל תשובה מן השבים אליו בכל לב, מכל מקום ימים אלו מובהרים יותר ומזומנים לתשובה להיותם ימי רחמים וימי רצון.

מיט דעם אָנהויבען זיך פון חודש אלול, אַבוואָהל אַלעס איז נאָך זומערדיג אויף גאָט'ס וועלט, פון דעסטוועגען פיהלט זיך שוין די אלול-דיגע שטימונג, עפּעס אַן אונבעשטימטער געפיהל זאָגט אונז אונטער, אַז עס דערוואַרטעט אונז עטוואָס, וואָס וועט אַריינברייגגען אַן ענדערונג אין דעם גאַנג פון אונזער לעבען. די נאַטור הויבט אָן אַרונטערוואַרפען פון זיך דעם גרינעם שלייער. די בוימער פאַרלירען זייערע בלעטער און בלייבען ליידיג און געל, די שמייכעלדיגע, וואַרימע זון הויבט אָן זיך אָפּצוקיהלען ביסלעכווייס. דער טאָג ווערט קלענער, און די גאַנצע שטימונג ווערט אָנגעפילט מיט קיהלען פּע-סימיזם.

און אָט די ענדערונג אין דער נאַטור, רופט אַרויס אונזער אויפמערקזאַמקייט, דאָס אַזוי ווי דער נאַטירליכער זומער איז ניט אייביג, אַזוי איז דער זומער פון אונזער לעבען אויך ניט אייביג. און דאָס ענדערט אויך אונזער שטימונג און דער-מאָנט אונז אין דעם אָנקומען פון חודש אלול, מיר זאָלען זיך פאַרטראַכטען און מאַכען א חשבון הנפש מיט זיך אליין, און

זעהן וואו האלטען מיר ערגעץ אין דער וועלט. יעדערער פון אונז זאל ארייננקוקען ווי ווייט ער איז פארגאנגען מיט זיינע מעשים ביז יעצט, און זאל בעשליסען וואוהין צו ריכטען זיין לעבענס וועג אין דער נאהענטער צוקונפט.

דאס ווארט אלול בעדייט "מרגל" (מלשון מרגלים), ווי דער תרגום מאכט אויף מרגלים מאללי ארעא, יעדער איד דארף אין אנפאנג פון חודש אלול ווערן א מרגל, און בודק זיין זיינע אייגענע מעשים אין דעם פערלויף פון די פערציג טעג, וואס עס איז פון ר"ח אלול ביז נאך יום כפור, ער דארף זיין א מרגל אויף זיך אליין, און זעהן: היש בה עץ אם אין? ווי אונזערע חז"ל ערקלערען, אז דאס מיינט, צו איז דא צווישען זיי א צדיק, וועלכער זאל מיט זיין זכות מגין זיין אויף זיינע מיט מענשען, אזוי דארפען מיר זעהן, אויב מיר בעזיצען גענוג תורה, מצות און מעשים טובים, וועלכע זאלען אויף אונז מגין זיין צום יום הדין הגדול והנורא.

נאך א פסוק געפינען מיר אין דעם זעלבען זין: "וישובו מתור הארץ מקץ ארבעים יום" (במדבר, י"ג — כ"ה). די בע־דייטונג פון דעם פסוק איז: וישובו—מען דארף תשובה טאהן. מתור הארץ—מען דארף גוט דורך זעהן דאס ערדישע אין אונז, וועלכע שלעפט אונז ארונטער, מקץ ארבעים יום, דאס מיינט, אין די פערציג טעג צווישען ר"ח אלול און יום כפור, אין די טעג, אין וועלכע יעדער איד איז פערפליכטעט צו זיך אליין, צו מאכען א חשבון הנפש, און צו פאררייכטען מיט תשובה דאס אלעס וואס ער האט קאליע געמאכט אין די איבעריגע מאנאטען פון יאהר, און דערביי האבען אין זינען, אז דער עיקר איז "רחמנא ליבא בעי", השי"ת וויל אז אלעס וואס דער מענש טהוט, זאל זיין מיט הארץ, מיט כונה.

אמת, מיר דאווענען, מיר לערנען, מיר טוהען מעשים טובים. אבער .בעטראכטענדיג ווי אזוי זיי זיינען גע־

טאָהן געוואָרען, מוזען מיר קומען צום שלום, דאָס אונזערע הערצער זיינען ניט געווען דערביי.

אָט צום ביישפיל: מיר זיינען יעצט אלע פארזאמעלט אין שוהל און מיר דאווענען. אָבער וואו זיינען אונזערע הערצער? וואו זיינען אונזערע געדאנקען?

דער נביא שרייט אויף דעם: "על זה היה דוה לבנו, על אלה חשכו עינינו על הר ציון ששמם שועלים הלכו בו". עס טהוט דעם נביא וועה דאָס הארץ, עס איז פינצטער אין די אויגען, זעהענדיג דעם הר ציון וויסט און פוקסלאך געהען ארום אין איהם. בריינגט אויף דעם דער גאון עולם וצדיק רבי יונתן זצ"ל, א משל: עס האָט פאסירט, אז דער לויתן, דער קעניג פון די פיש, איז קראנק געוואָרען, און מען האָט געזאָגט, אז ער קען נאָר דאן געזונט ווערען, ווען ער וועט אויפעסען דאָס הארץ פון א פוקס. איז געווען די פראַגע, וואו נעהמט מען א הארץ פון א פוקס, וועלכער איז דער קליגסטער צווישען חיות? ער וועט דאָך געווים זיך ניט לאָזען כאפען, אום צו געבען זיין הארץ אויף א רפואה. זיינען די פיש געווען בעזאָרגט און געטראכט וואָס צו טאָהן. איינמאָל האָבען א גרופע פיש שווימענדיג נאָהענט צום ברעג דערזעהן א פוקס לויפענדיג ביים ברעג. רופען איהם די פיש צו, און זאָגען צו איהם, הער נאָר אדוננו פוקס! מיר זיינען אין זעהר א טרויעריגע לאגע, אונזער קעניג, דער לויתן איז געשטאָרבען, און מיר זוכען יעצט א נייעם קלוגען קעניג, וועלכער זאָל פארנעהמען זיין פלאץ, און אזוי ווי דו פוקס ביזט דאָך א קלוגע חיה, וואָלטען מיר וועלען דו זאָלסט ווערען אונזער קעניג. זאָגט צו זיי דער פוקס, ווי קען איך, וואָס לעב נאָר אויף דער יבשה זיין א קעניג אבער די פיש אין וואסער? ענטפערען איהם די פיש, עס איז דאָ אן עצה. מען וועט דיר געבען א גרויסען פיש, און דו וועסט זיך ארויף זעצען אויף זיין רוקען און אזוי וועסט דו ארום שווימען און קעניגען. דער פוקס

האָט זיך געלאָזט איבער ריידען, און האָט זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן פיש'ס רוקען, אבשווימענדיג א היבשע שטרעקע פון ברעג, האָבען איהם די פיש אויסגעזאָגט דעם ביטערן סוד, אז דער צוועק פון זיין רייזע איז ניט צום קעניגען, נאָר מען וועט ארויס רייסען זיין הארץ אלס א רפואה פאר זייער אמת'ן קעניג דער לויתן. הערענדיג אזא בשורה טובה, זאָגט דער פוקס צו די פיש, זיינע בעגלייטער. איהר פיש זיינט נאַ־ראָנים, ווייסט איהר ניט, אז א פוקס טראָגט ניט מיט זיך זיין הארץ ? איך האַלט גאָר מיין הארץ אין וואלד אונטער א בוים. נעהמט מיר צוריק, וועל איך נעהמען מיין הארץ און אייך געבען. נאָכדעם ווי ער איז געקומען אויף דער יבשה, האָט ער זיך פון די פיש אויסגעלאַכט און איז אוועק זיין וועג.

דער נמשל דערפון איז, אז מיר זיינען ווי יענער פוקס. מיר לאָזען אונזער הארץ אין דער היים, ווען מיר גייען דאווגען, אָדער ווען מיר טוהען עפּעס פאר אונזער גייסטיגען עקזיסטענץ, מיר טוהען זאכען אויטאָמאטיש, מצות אנשים מלומדה, עס פעהלט די כונה, מיר זיינען יוצא מיט דעם וואָס מיר מאכען מיט'ן מויל, דאָס איבעריגע לאָזען מיר איבער אויף צו הערען דעם חזן מיט'ן כאָהר, וועלכע ריהרען אָן נאָר די נערוועו אָבער ניט דאָס הארץ, און מיט די ווערטער על הר ציון, מיינט דער נביא די בתי כנסיות ומדרשות, ווי אונ־זערע חז"ל בעשטעטיגען דאָס מיט דעם דרש פון : אוהב ד' שערי ציון, אוהב ה' שערים המצוינים בהלכה, השי"ת האָט ליב די בתי כנסיות ומדרשות, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט הלכה, מכל משכנות יעקב, מעהר ווי אלע קאָסטבארע טעמפּלען פון יעקב, ששמם, וועלכע זיינען ליידיג און פוסט. פרעגט זיך דאָך ווי אַזוי זיינען זיי פוסט ? מיר זעהען דאָך אידען קומען יאָ אין די שוהלען. דער ענט־פער איז : שועלים הלכו בו, די אידען, וואָס קומען אין די

שוהלען זיינען ווי די פוקסען, וועלכע לאזען איבער זייערע הערצער אין דער היים, און נעהמען זיי נים מים, מים זיך. און אן דעם הארץ האבען אלע זייערע מעשים קיין ווערדע נים, ווי דער גרויסער חסיד ומקובל ר׳ משה חיים לוצאטא שרייבט אין מסלת ישרים פ׳ ט״ז: כי הלב הוא המלך לכל חלקי הגוף ונוהג בם, ואם הוא אינו מביא עצמו אל עבודתו יתברך, אין עבודת שאר האיברים כלום, כי אל כל אשר יהיה שמה רוח הלב ללכת ילכו, ומקרא כתוב מפורש: תנה בני לבך לי (משלי, כ״ג—כ״ו). אין דעם ליגט דער זין פון חודש אלול, פון זאגען סליחות און בלאזען שופר, כדי מים פערציג טעג פריהער זיך פארצוברייטען צו דעם גרויסען יום הדין.

מיר בלאזען שופר יעדען טאג פון דעם חודש, כדי אויפ־צו וועקען די אידען, זיי זאלען מיטנעהמען מיט זיך זייערע הערצער ווען זיי טוהען עפעס לעבודת השי״ת אין דער גינם־טינער צייט פון יאהר, עס זאל זיין אמת׳ע אויפריכטיגע תשובה, כאטש מען דארף א גאנץ יאהר עוסק זיין אין תורה, מצות ומעשים טובים, זיינען אבער די פערציג טעג פון ר״ח אלול ביז יום כפור די גינסטיגסטע, ווי מיר האבען אוי־בען דערמאנט אין אנפאנג פון אונזערע רייד: ימים אלו מובחרים יותר ומזומנים לתשובה, להיותם ימי רחמים וימי רצון.

אויף אן עהנליכען אופן זאגט דער מחבר אין ״שלחן ערוך״: ״יתגבר כארי לקום בבקר לעשות רצון בוראו״, דער מענש זאל זיך שטארקען ווי א לייב, אויפצושטעהען אין דער פריה צו טאהן דעם ווילען פון זיין באשעפער. באמערקט אויף דעם רמ״א הקדוש, וכששוכב ידע לפני מי הוא שוכב, איז די פראגע, ווער רעדט דא פון לייגען זיך? דער מחבר רעדט דאך וועגען אויפשטעהען מוהטיג צו עבודת הבורא. קען מען דאס פארענטפערען, אז דער רמ״א האט מיט דעם

לעצמען זאץ געמיינט, אז אויב דער מענש וועט זיך לייגען ווי א בהמה, אהן יראת ד', וועט ער דאן אויך אויפשטעהען ווי א בהמה. דערפאר באטאנט ער, אז וכששוכב ידע לפני מי הוא שוכב, אז אויב דער מענש וועט זיך לייגען מיט גאט אין הארצען, וועט איהם ניט שווער זיין להתגבר כארי לקום לעשות רצון הבורא. און אום צו קומען צו דער פאלשטענדי־גער מדרגה ווי א מענש, שטארק און מוהטיג לעבודת הבורא, מוז מען פריהער נעמען אין אנבעטראכט, אז וכששוכב ידע לפני מי הוא שוכב, און אום צו קומען צום יום הדין ריין אין גייסט און מוהטיג אין האנדלונג, סיי בין אדם למקום, סיי בין אדם לחבירו, מוז מען זיך פריהער צו גרייטען, וועלען מיר מקים זיין תכין לבם, וועט מקוים ווערען, תקשיב אזניך. ווען אונזערע הערצער וועלען זיין גרייט פאר תשובה, אין דער פאסיגסטער און גינסטיגסטער צייט פון תשובה, אין די הייליגע פערציג טעג, וועלכע זיינען א פארבערייטונג פון דעם יום הדין הגדול והנורא. און מיר וועלען תשובה טאהן אויפריכטיג בלב שלם, אונזער דאוועגען און לערנען זאל נישט זיין בלויז מן השפה ולחוץ. ולבם לא נכון עמם. נאר בלב שלם, דאן וועט זיין — תקשיב אזניך. וועט דער רבונו של עולם צו הערען צו אונזערע תפלות און פארלאנ־גען, און מיר וועלען זיכער האבען א כתיבה וחתימה טובה.

סליחות

יפה צעקת לאדם.

רבותי! אלע פעלקער פייערן דעם אנפאנג פון נייעם יאהר מיט פרייד און געהויבענע שטימונג. מיר אידען זיינען אבער אנדערש אין דעם זין פון מקבל זיין דעם נייעם יאהר, לא ככל הגוים בית ישראל, שוין מיט א וואך אדער עטליכע טעג פריהער, פאנגען מיר אן זיך צו צוגרייטען צו פייערן דאס אנקומען פון נייעם יאהר, און גראד ניט מיט פוסטע פרייד, מיט הוללות ושכרות ווי די גוים, נאר מיט תשובה און זאגען סליחות.

מיר קלייבען זיך אויף צוזאמען צו די ערשטע סליחות נאך האלבע נאכט, די שוהל ווערט העל באלויכטען, און א סליחות׳דיגע שטימונג הערשט אין יעדען ווינקעלע, און אויף אלע אנוועזענדע. עס האבען זיך פארזאמעלט אלט און יונג, מענער און פרויען, יעדער איז געשפאנט. עס וועט באלד נעמען זאגען סליחות דער ניי אנגאשזירטער חזן מיט זיין כאר, ער מאכט היינט זיין פרעמיערע, זיין ערשטען אויפטריט פאר זיין עולם. עס וועט זיין א מין פראבע און באשטימונג. פון זיין יעצטיגע סליחות זאגען וועט מען קריגען א בעגריעף אויף זיין פעהיגקייט צו צופרידען שטעלען דעם עולם מיט די תפלות און נגונים פון ראש השנה און יום כפור.

רבותי, איך דענק, אז ניט דאס דארף זיין דער צוועק פון זיך צוזאמענקומען צו די ערשטע סליחות. עס איז ניט

כדאי זיך צו שטערן פון שלאף און רוה נאך האלבע נאכט, אום צו קענען נאכהער צו קריטיקירען און זאגען סבינו֗ת אויף דעם נייעם חזן, אדער גלאט געהן אין שוהל צו סליחות, ניט וויל מען פיהלט אין הארצען די נויטווענדיגקייט צו מאכען א חשבון הנפש בעפאר מען געהט זיך שטעלען צו דעם גרויסען יום הדין, נאר אוים נייגעריגקייט צו זעהן ווי קוקט אוים די שוהל אין דער סליחות נאכט. דער צוועק פון זאגען סליחות מיינט און דארף זיין נאר תשובה, יעדער איד זאל און דארף קומען מיט דעם איינציגען געדאנק, אז ער קומט זאגען סליחות, אום דאן אנצופאנגען מאכען ביי זיך אליין א חשבון הנפש, און דורכבלעטערען, וואס ער האט א גאנץ יאהר אבגעטהאן גוטעם אדער ח"ו פארקעהרם. אויב ער פיהלט ביי זיך, אז ער האט געטאהן גוטס, קען ער דער־ווארטען אז זיין געבעט און סליחות זאגען וועט האבען א גוטען אפקלאנג, וויל ער האט זיך פארדינט ביי השי"ת, מיט זיין פערגאנגענהייט, און אויך מיט דעם וואס ער בע־שליסט גלייך אויפ'ן ארט אויך אויף ווייטער אנצוהאלטען דעם סטאנדארד פון תורה, מצות און מעשים טובים. ווען אבער ער פיהלט, אז ער האט א סך מצות און מעשים טובים פארפעהלט און פארנאכלעסיגט צו טאהן, קען ער נאך יעצט אויך בעפאר ער שטעלט זיך צום יום הדין האבען א הרהור תשובה און נעהמען אויף זיך צו פארריכטען אלע פעלערען אין דער צוקונפט, וויל עס איז קיין מאל ניט צו שפעט פאר תשובה.

מיט דעם מנהג פון זאגען סליחות א וואך אדער עטליכע טעג פאר דעם יום הדין באצוועקען מיר א העכערען געדאנק פאר דעם פרומען אידען, און אויך פאר דעם אידען, וואס איז געווען נאכלעסיג אין אפהיטען אידישקייט, און דערמיט זיינען מיר אידען פיל אנדערש פון אנדערע פעלקער מיט דעם פייערען דאס אנקומען פון נייעם יאהר. און ווי מיר ציטירען

ווייטער דעם מאמר פון בעל העקרים, אז פריהער דארף דער איד צוגרייטען א רייפען באַדען, צו אקערען און פארזייען, זיך צוגרייטען מיט וואָס צו געהן צום יום הדין, און נאכהער אז ער וועט קומען צוגעגרייט וועלען דאן העלפען די תפלות ותחנונים, און די תפלה וועט זיין אַ ווירקזאַמע.

און זאָל דאַ אויך קלאָר ווערען, אז דאָס גוטעס און ח"ו דאָס שלעכטעס, וועלכעס קומט אויף דעם מענשען, קומט ניט פון השי"ת, נאָר ווי עס איז דערמאָנט אין מאמר פון בעל העקרים, שהתפלה וכשרון המעשה מועיל לבטל הגזרה בכל עת, וגזירת השי"ת תשתנה בלי ספק לרע ח"ו או לטוב כפי ההכנה שנתחדשה באיש ההוא, אז דער מענש קען זיך אליין אויס-קלייבען גוטעס, אויב ער דינט צו השי"ת עהרליך און איבער-געגעבען, און ער קען אויף זיך ברייגגען שלעכטעס, אויב זיין אויפפיהרונג אין לעבען איז א שלעכטע צו גאָט און צו מענשען, אז נאָר שלעכטעס קען זיין, זיין בעלאָהנונג.

מיר וועלען דאָס קלאָר מאכען און באלייכטען מיט א משל. א פויער האָט זיך אמאָל גע'חלום'ט, אז ער איז שטארק הונגעריג און נעבען איהם שטעהט א קריגעל מיט איינגע-מאכטץ. עס האָט איהם זעהר געשמעקט און געצויגען צום עסען, ער האָט אָבער קיין לעפעל ניט געהאט, און זוכענדיג א לעפעל האָט ער דערוואכט פון זיין שלאָף און די איינגע-מאכטץ איז ממילא פארשוואונדען. אויף דער צווייטער נאכט האָט ער זיך צוגעגרייט א לעפעל פאר זיין שלאָפען געהן, פי-לייכט וועט ער ווידער זעהן אין חלום די פיינע איינגעמאכטץ, אָבער די איינגעמאכטץ האָט זיך מעהר אין חלום ניט בא-וויזען. דער נמשל איז, אז מיר דארפען זיך פריהער פאר דעם יום הדין איידער מיר געהען בעטען דעם אל מלא רחמים, אויף די נויטווענדיגסטע בעדערפעניששען פון לעבען, פאר זיך און פאר אונזערע ליבע און טהייערע, ווי געזונד, לעבען און

פרנסה. דאָס איז די גוטע איינגעמאכטץ. דארפען מיר זעהן צו גרייטען א לעפעל, מיט וואָס דאָס צו נעהמען, דאָס מיינט, מיר זאָלען זיך מאכען ווערטביים רבש״ע דאָס צו קריגען, און דאָס זאָל און דארף זיין דער הייליגער צוועק, און ניט קיין אנדערער פאר וועלכען מיר זאמלען זיך צונויף אין די שוהלען צו זאָגען סליחות, און צייגען פאר השי״ת אונזער בארייט־קייט, אז מיר האָבען זיך פאָרבערייטעט אלס א בית קבול, און מיר זיינען וויליג צו זיין אויפריכטיגע אידען, אמת׳ע, עהרליכע, און ווען מיר וועלען זאָגען: שמע קולנו ד׳ אלהינו חוס ורחם עלינו וקבל ברחמים וברצון את תפלתנו, דאן ווען דער אב הרחמים וועט דארפען ענטשיידען. מי יחיה ומי ימות, מי בקצו ומי לא בקצו, מי במים ומי באש, מי ינוח ומי ינוע, מי יעשר ומי יעני, מי ישפל ומי ירום, זאָלען מיר ניט קומען פאר איהם מיט ליידיגע הענט, נאָר מיר זאָלען זיין גרייט מיט א לעפעל, וועלכעס איז: תשובה, תפלה וצדקה, וועלכעס וועט גורם זיין לכפר על כל עונותינו, און אָנהויבען א נייי לעבען, פאָרטזעטצען די מדות טובות, און אויסראטען מיט דעם וואָרצעל דאָס שלעכטע.

דער בעל העקרים אין מאמר ד׳, פרק י״ח, דערקלערט דעם געדאנק, אז א מענש דענקט אז מיט דעם וואָס ער טהוט תשובה און ווערט געהאָלפען, האָט ער באוועגען השי״ת צו ענדערן זיין בעשלום לטובתו. עס איז אָבער א טעות צו דיינ־קען אזוי. לא איש אל ויכזב ובן אדם ויתנחם, דאָס מיינט, ביי השי״ת גיבט נישט קיינע שינויים, קיינע ענדערונגען, ער איז משפיע אימער נאָר גוטעס, און דער מענש מיט זיין בחירה, מיט זיין אויסדערוועהלען די גוטע מדות, תורה און מעשים טובים, גרייט זיך צו די לעפעלע, די כלי. און אז דער מענש האָט מיט וואָס צו נעהמען קריגט ער פון השי״ת לפי מעשיו הטובים.

און דאָס איז דער לשון פון בעל העקרים: "ואין להקשות איך ישתנה רצון הבורא על ידי התפלה? זה אינו כי לא איש אל ובן אדם ויתנחם, רק הענין הוא, ההשפעות העליונות יושפעו על המקבל רק בהיותו במדרגה ידועה והכנה ידועה לקבלם, ואם לא יכין האדם את עצמו לקבל את השפע ההוא, הנה הוא המונע הטוב מעצמו, על דרך משל, שאם נגזר על איש שיצליחו תבואותיו בשנה פלונית, והוא לא יחרש ולא יזרע בשנה ההיא, אף אם ימטיר ד' מטרות עזו על פני תבל ארצה, לא תצליחנה תבואותיו אחר שלא חרש ולא זרע, והוא המונע הטוב מעצמו, על שלא הכין עצמו לקבלו, וגזירת השי"ת תשתנה בלי ספק לרע ח"ו או לטוב, כפי ההכנה שנתחדשה באיש ההוא, ומזה יתבאר שהתפלה וכשרון המעשת מועיל לבטל הגזירה בכל עת. וכן אמרו חז"ל (רה"ש דף י"ז, ע"א), יפה צעקה לאדם בין קודם גמר דין ובין לאחר גמר דין, שכך היה רצון השי"ת מתחלה שתתקים הגזירה רק בהיותו באותה מדרגה ובאותה ההכנה ואם תשתנה ההכנה תשתנה הגזירה עכ"ל.

און זאָל יעדער רעכט דענקענדער מענש האָבען דאָס אין זינען, אז עס זאָל איהם ח"ו ניט אויסקומען צו זוכען תשובה ווען עס וועט שוין זיין צושפעט, און ווען עס וועט שוין זיין דער לעפעל, וועט מען שוין די איינגעמאכטץ ניט קע־נען עסען. אזוי ווי עס וואָלט געווען נאריש פון א מענשען צו דערוואַרטען, אז דער רעגען זאָל מאַכען וואקסען תבואה אויף זיין פעלד, ווען ער האָט ניט געאַקערט און געזייט, דערפאר דארפען מיר זעהן, "דרשו את ד' בהמצאו", רופט צו השי"ת אין יעדער צייט, סיי ווען אייך איז גוט אויפ'ן הארצען, סיי ח"ו פארקערט, האַלט אָן מיט איהם אן אייביגען קאָנטאקט, און קומט ניט אין שוהל איינמאָל אין יאָהר אָדער דעם לעצ־טען חודש אין יאָהר שליסען מיט איהם בעקאנטשאַפט, דאן וועט איהר זיין הילף לייכט געפינען, איהר וועט זיין רייף און

ווערטפול צו קענען פאדערען און נעהמען, די ישועות ונחמות וואס הקב"ה האט פאר אייך און פאר'ן כלל ישראל אנגע-גרייט, איהר וועט זאגען סליחות מוטהיג מיט דרייסקייט און כונה, און מיר וועלען זוכה זיין צו א שנת חיים וברכה, אמן.

ליום א' דראש השנה

אשרי העם יודעי תרועה.

מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת.

רבותי! עס ווילט זיך פרעגען, ווארום זעהן מיר ראש השנה צו שופר בלאזען און נאכהער צו די מוסף'דיגע תפלות, א גרעסערען עולם און מעהר אידען פילען אן די שוהלען ווי צו שחרית? דעם ענטפער אויף דעם קען מען פיליכט געבען, אז אידען האלטען תקיעות שופר און די מוסף'דיגע תפלות, פאר מעהר וויכטיג, ווייל אין די מוסף'דיגע תפלות, און איבערהויפט אין דער תפלה ונתנה תוקף, אין וועלכער עס ווערט אויסגערע-כענט די וויכטיגסטע פאסירונגען אין מענשליכען לעבען, אונטער וועלכע דער מענש איז אונטערוואָרפען, און ער האט יעצט די צייט און די מעגליכקייט צו בעטראכטען ווי הילפ-לאז און אונמעכטיג ער איז, געגען די געטליכע קראפט, וואס באשטימט יעצט דעם גורל פון יעדען באשעפע-ניש, מי יחיה ומי ימות, מי במים ומי באש, מי בקצו ומי לא בקצו, מי יעני ומי יעשר, מי ישפל ומי ירום. פאסירונגען וועלכע ער האט געזעהן מיט זיינע אויגען אין טאג טעגליכען לעבען א גאנץ יאהר. דער איז פאראָרעמט גע-זואָרען, און דער איז געשטאָרבען, פערשיידענע אומגליקען און צרות האבען פאסירט דעם יאהר. מענשען האבען פאר-לאָרען זייערע פרנסות, זייער האב און גוטס, און יע-דער איינער שרעקט זיך פאר'ן עתיד, ווער ווייסט וואס מיט איהם אליין וועט פאסירען? קיינער וויל דעריבער נים דורך לאזען דעם וויכטיגען מאמענט פון תקיעת שופר און

תפלת מוסף. דענקענדיג אז יעצט איז די צייט צו אויסבעטען אלדאס גוטס ביים אל רחום והנון. די פראגע איז אָבער, צו קען מען אין די עטליכע שטונדען ווען מען קומט ניט צוגע־גרייט פון בעפאָר, אלעס גוט מאכען, דאָס וואָס מען האָט פארנאכלעסיגט א גאנץ יאָהר? מיר שטעהן אלע גרייט צו הערען דעם קול השופר, און מיר ווילען זיך דערהויבען אין דער הייליגער אטמאָספערע צו דער מדרגה פון בעלי תשובה. אָבער, האָבען מיר זיך פאָרבערייטעט צו דעם פון בעפאָר?

זיינען מיר שוין טאַקע אין דער לאגע פון אמת'ע בעלי תשובה, אז דער קול השופר זאָל האָבען די געהעריגע וויר־קונג און מכפר זיין אויף אלע אונזערע זינד, וואָס מיר האָבען א גאנץ יאָהר אָפגעטאָהן? מיר ווערען דאָס ערקלערען מיט א פאסירונג, וואָס האָט געטראָפען א לאנגע צייט בעפאָר.

אין א דאָרף האָט געלעבט אַן אָרימער ישוב'ניק מיט עטליכע דערוואקסענע טעכטער, שהגיעו לפרק בתולה נשאת, מען האָט זיי געדאַרפט חתונה מאכען. אָבער קיין נדן איז ניטאָ, האָט זיך דער ישוב'ניק מישב געווען און האָט זיך ארויס געלאָזען אויף דער מדינה צו קלייבען געלט אויף הכנסת כלה, אזוי וואנדערענדיג, איז ער איינמאָל אריינגעקומען צו א גרויסען גביר אין הויז נאָך א נדבה. דער גביר, זייענדיג א פריינדליכער מענש, האָט ער דעם אָרימאן געבעטען זיצען, און איהם איינ־געלאָדען צו עסען מיט איהם מיטאָג. דער ישוב'ניק קוקט זיך צו צו דעם רייכטום פון הויז, און באוואונדערט אלעס, בעזאָנ־דערס דעם מנהג פון טיש פיהרונג. ער זעהט צו יעדער געריכט גיט דער בעל הבית א קלונג מיט דעם גלעקיל, וואָס שטעהט פאר איהם אויפ'ן טיש, און באלד קומט אריין א פיין גע־קליידעטער משרת, און סערווירט אויף פיינע געשיר פיש, פלייש, זופ און נאָך פערשיידענע מאכלים, וועלכע פילען אָן דאָס הויז מיט זייער געשמאקען גערוך. ער קוקט און בעוואונ־דערט דאָס קלינגען פון גלעקיל, ווי נאָך יעדער קלינגען ווערען

אריין געבראכט פערשיידענע שפייזען, ער דערוואַרט זיך קוים מען זאָל שוין ענדיגען דאָס עסען, און בעקומענדיג פון גביר א שעהנע נדבה, איז ער צו געגאנגען צו איינעם פון די משרתים, וועלכע האָבען בעדינט ביים טיש, און איהם געבעטען, ער זאָל איהם טהאָן אַ טובה, און אָנווייזען דעם פלאַץ, וואו דער גביר האָט געקויפט דעם כשופ׳דיגען גלעקיל. דער משרת איז געווען צו איהם פריינדליך, און האָט איהם אָנגעצייגט אוואו דער גלעקיל איז געקויפט געוואָרען. דער אָרימאַן איז מלא שמחה אריין אין געשעפט און געקויפט דאָס גלעקיל, ריכטיג ווי דעם גביר׳ס, טראכטענדיג דערביי, גענוג שוין צו קלייבען נדבות, אבי איך האָב שוין דאָס גלעקיל, וועט מיר שוין קיין זאַך ניט פעלען, און איילענדיג קערט ער זיך צוריק אהיים.

זיין פלוצלונגער צוריק קומען האָט ארויסגערופען גרויס בעוואונדערונג ביי זיינע בני בית, זיי האָבען זיך געטראכט: איז דאָס מעגליך, אז ער איז אזוי גיך בעגליקט געוואָרען און האָט שוין געקראָגען אַלעם וואָס ער בעדארף? דער ישוב׳ניק ווי ער וואָלט לייענען זייערע געדאנקען, זאָגט צו זיי, זייט רוהיג קינדערלאך, עס וועט אונז שוין גאָר ניט פעלען. דו מיין ווייב באדארפסטו ניט טהאָן קיין זאַך. פארשפרייט נאָר אַ קלאָרען טישטוך אויפ׳ן טיש, און עס וועט שוין אַלעס רעכט זיין. די פרוי האָט אויסגעלייגט א ריינעם טישטוך, און אלע האָבען זיך געזעצט ארום דעם טיש. דער ישוב׳ניק אויבענאָן, האָט זייער פאָרזיכטיג ארויסגעוויקעלט דעם גלעקיל, און טראכט זיך, ווי איבעראשט וועלען זיי אלע באלד ווערען, ווען זיי וועלען זעהן וואָס ער קען אויפטאָהן. ער קלינגט איין מאָל. א צווייטען מאָל, און א דריטען מאָל, אויף דעם זעלבען אופן ווי דער גביר האָט דאָס געטאָהן, און קוקט צו דער טיר, אז עס זאָל זיך בעוויזען דער פיינגעקליידעטער משרת מיט די גוטע שפייזען. אָבער אומזיסט איז זיין ווארטען, ניטאָ קיין משרת, ניטאָ קיין שפייז, און זיי זיצען אלע פערהונגערט. ער

איז אויסער זיך פון ערשטוינונג, און א געדאנק פאלט איהם איין, געווים האט איהם דער קרעמער אפגענארט און ניט גע־געבען דעם זעלבען גלעקיל ווי דעם גביר׳ס. ער איז ניט פויל, נעמט דעם גלעקיל און געהט אוועק צוריק אין שטאדט, צום קרעמער מיט א טענה. פארוואס האט ער איהם אפגענארט. ער האט דאך איהם בעצאלט דעם זעלבען פרייז ווי דער גביר, טו פאר וואס זשע, ווען דער גביר האט געקלונגען איז אריינ־געקומען א משרת און געבראכט פיינע שפייז, און אז ער האט געקלונגען, איז קיין זאך ניט געשעהן.

דער קרעמער האט דעם ישוב׳ניק בערוהיגט, און ער־קלערט, דער אונטערשייד צווישען דער גביר׳ס גלעקיל מיט דיינעם, בעשטעהט אין דעם. דער גביר בעפאר ער האט גע־קלונגען, האט אנגעקויפט פיל שפייז, האט געדונגען א גוטען קוכער, צו צוגרייטען פיינע מאכלים, האט אן געשטעלט משרתים, צו דערלאנגען צום טיש, דעריבער האט געהאלפען זיין קלינגען, ווייל דאס איז געווען א סיגנאל צו זיינע משרתים זיי זאלען דערלאנגען דעם עסען צום טיש. דו אבער, האסט קיין שפייז ניט איינגעקויפט, קיין קוכער און קיין משרתים ניט אנגעשטעלט, ווילסטו דאס דיין גלעקיל זאל האבען די זעלבע ווירקונג ווי דעם גביר׳ס ?

אט דער ביישפיל מאכט קלאר און גיט אונז צו פער־שטעהן, וואס מיר קענען דערווארטען פון זאגען די אויבענ־דערמאנטע תפלות, און פון הערען דאס שופר בלאזען היינט.

מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת, מי שלא טרח בערב שבת מה יאכל בשבת ? (עבודה זרה, דף ג׳, ע״א).

אויב מיר האבען אנגעגרייט פאר ראש השנה גוטע שפייז, תורה ומצות ומעשים טובים, וועט העלפען דאס קלינגען מיט דעם גלעקיל. דאס מיינט מען די תפלות און דאס שופר בלאזען.

דאן וועלען אלע אונזערע וואונשען און פערלאנגען פער־ווירקליכט ווערען. און מיר קענען מיט זיכערהייט דערוואר־טען א שנת חיים וברכה. ווען אָבער מיר האָבען ח"ו ניט אָנ־געגרייט קיין שפייז, מיר זעצען זיך צו א ליידיגען טיש, און דערווארטען, אז דאָס קלינגען אליין זאָל אָפּטאָהן די גאנצע ארבייט. דאָס הייסט, מיט דעם זאָגען די פּאָר תפלות, און הערען דאָס שופר בלאָזען זיינען מיר שוין יוצא ידי חובתנו. דאן וועט ניט העלפען דער בלאָזען מיט'ן שופר.

אשרי העם יודעי תרועה!

זאָל זיך יעדער פון אונז פארטראכטען, אז מיר האָבען זיך געדארפט פריהער צו גרייטען מיט תשובה און מעשים טובים.

אם אין אדם חורש בימות החמה, מה יאכל בימות הגשמים? אם אין אדם מתקין עצמו בפרוזדור, איך יכנוס לטרקלין? (מדרש משלי פ"ו).

עס איז אָבער קיין מאָל ניט צו שפּעט צו טאָהן תשובה, און טאָקע דאָס טאָהן בלב שלם, דאן וועט העלפען דאָס קלינגען און דאָס שופר בלאָזען. ווי עס זאָגט דער פייטן: ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה. און מיר ווע־לען פארדינען און זוכה זיין צו האָבען א שנת חיים וברכה. אמן.

ראש השנה

הללוהו בתקע שופר.

די ראש השנה׳דיגע שטימונג האָט אַרום גענומען דעם גאַנצען עולם, אַלע זיינען געקומען אין שוהל יום טוב׳דיג גע-קליידעט. די מענער שטעהן אין שוהל איינגעוויקעלט אין די טליתים, יונג און אַלט זיינען פול מיט ערוואַרטונג, אַט באַלד וועט מען אַ קלאַפּ טאָהן אויף דער בימה, דער בעל תוקע וועט זיך איבערדעקען מיט דעם טלית איבערן קאָפּ, און וועט נאָך פאָלגען די קאָמאַנדע פון רב, וועלכער וועט מסדר זיין די תקיעות, און דער קול השופר וועט אַנוואַרפען שרעק און יראת הכבוד, יעדערער וועט אַ בלעטער טאָהן זיין הארץ, און בע-טראַכטען, וואָס האָט ער אויפגעטאָן אין פערלויף פון יאָהר, און אויף וואָס ער דאַרף זיך מתודה זיין און בעטען אַ כפּרה, סליחה ומחילה. דאָס זעלבע אין דער פרויען שוהל, שטעהן יונג און אַלט און וואַרטען מיט אַ פאַרכאַפּענדיגען אָטעם, אויף דעם מאָמענט פון שופר בלאָזען. אַ הייליגער ציטער געהט דורך אַלע הערצער, און אַ הרהור תשובה פילט אָן אַלע גע-דאַנקען.

ווי שעהן און ערהאָבען איז דיזער מאָמענט. ווען ער וואָלט דורך געדרונגען אַלע הערצער אָן אויסנאַהמע, ליידער, ליידער, איז דאָס ניט אַזוי, אַ גרויסער טהייל פון די מתפללים זיינען ווייט, זעהר ווייט פון די ערהאבענע געפילען, וועלכע דער שופר וועקט אין די הערצער, אנדערע זיינען מעהר פאר אינטע-רעסירט אין דער נגינה פון חזן, מיט זיינע משוררים. צו דיזען סאָרט דאַוונערס, איז זעהר ריכטיג צוגעפּאַסט די געשיכטע וואָס ווערט דערצעהלט, אין רוסלאַנד אין די נייינציגער יאָהרען,

האט געלעבט א פראמינענטע אידישע פאמיליע, זעהר געאכ־טעט ביי אלע ארום. די קינדער ערצויגען אין פיינעם אידישען און מענשליכען גייסט, איין זוהן פון אט דער פאמיליע האט גע־האט פיינע מוזיקאלישע פעהיגקייטען צום זינגען, אבער ניט קיין גרויסע פעהיגקייט צום דיינקען. האט מען איהם אוועק געשיקט אין פעטערסבורג אין א קאנסערוואטאריום, צו לערנען זינגען און שטימע בילדונג. נאהנט צו דער ענדע פון זיין שטודיום איז דער פאטער פון דער פאמיליע, לא עלינו, שטארק קראנק געווארען. מען האט נאטירליך טעלעגראפירט צום זוהן, ער זאל גלייך קומען, און ווען דער זוהן איז אהיים געקומען, איז ער אריין אין הויז און דער זעהן דעם גרויסען אומגליק. די מוטער שטעהט און וויינט, רייסט זיך די האר פון קאפ פאר גרוים צער, דאס זעלבע טהוט די שוועסטער און דער ברודער, וויינען ביטערליך אויף זייער פערלוסט, הויבט ער אן צו שרייען צו זיי, וואס טהוט איהר? אייער וויינען איז דאך גאר ניט הארמאניש. און ער זאגט ווייטער, דו מוטער, דו האסט א אלטא שטימע, דו מיין שוועסטער, האסט א גוטען סאפראנא, און דו מיין ברודער, האסט א פיינעם באריטאן, ווען איהר וועט נעה־מען וויינען, לויט ווי איך וועל אייך געבען דעם טאן, וועט דאס זיין פיינע טרויער מוזיק, פול מיט הארמאניע נאך אלע רעגלען פון מוזיק. זיי די הויז מענשען קוקען אויף איהם מיט דער־שטוינונג, אין אזא ביטערער צייט, ווען דער פאטער, דער קאפ פון דער פאמיליע ליגט אין אזא צושטאנד, וויל דער זוהן, דער זינגער, אז מען זאל גאר וויינען אין כאהר.

דאס זעלבע קען אויך געזאגט ווערען צו די אויבענדער־מאנטע שוהל בעזוכער. אין אזא ביטערע צייט, ווען דאס אי־דישע פאלק, דער בני בכורי ישראל, דער עם הספר, די שעהנ־סטע פון אלע פעלקער, די טרעגער און שאפער פון דער פיינס־טער קולטור און געזעץ געבונג, פון די שעהנסטע מענשליכע זיטליכקייט און עטיקס, ווען דאס פאלק איז צושפרייט און צו־

זעהט איבער דער גאַנצער וועלט, און צאַפּעלט זיך אין די נעגעל פון דעם שטענדיג וואַקסענדעם 'אַנטיסעמיטיזם. 'אַמאָל אין שפּאַניע און אין אַנדערע לענדער, יעצט אין פּוילען, ליטא, רומעניען. און אין דער נייעסטער אינקוויזיציע לאַנד דייטש-לאַנד, וואו אידען ווערען צומאַהלען פון דעם גרויזאַמען אַנטי-סעמיטיזום. ווי קען מען זיך ערלויבען אַוועקצושטעלען און בלויז קאָנצענטרירען דעם געדאַנק צו דער נגינה, זיך ענדזשאיען מיט אַ שעהנעם הבן יקיר לי אפרים, אָדר כבקרת, און דאָס גלייכען, אין דער צייט ווען יעדען אייגעמס שיקזאַל איז אַזוי אומבע-שטימט און מען ערוואַרטעט, וואָס דער אורטהייל וועט זיין. מי באש ומי במים, מי יחיה ומי ימות וכו'. יעצט איז ניט קיין צייט צו אויסהערען שעהנע נגונים, נאָר תפילה טאָהן ממעמקי הלב.

דאָס ווערט סימבאָליזירט אין דעם קול שופר, וועלכעס איז אַ קול פשוט אָהנע קונצען און מוזיקאַלישע דריידלאַך, ווייל דאַן ווען די געפאַהר איז גרויס, דאַן ווען עס ברענט שרייט מען מיט אַלע כחות עס ברענט! און עס איז קיין צייט ניטאַ צו דענקען וועגען מוזיקאַלישע האַרמאָניע.

די תלמידי הבעש"ט זצ"ל ברענגען אין זיין נאָמען, אַ משל, אַז די קינדער פון אַ גרויסען מלך האָבען זיך אַמאָל ארויסגעלאָ-זען אין אַ גרויסען וואַלד אויפ'ן יאַכט, זייענדיג אין מיטען וואַלד, נאָכיאָגענדיג נאָך די פערשידענע חיות, האָבען זיי זיך פאַר-לוירען איינער פונ'ם אנדערן. דערווייל האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער שטורם און אַ שרעקליכע פינסטערניש האָט אויס-געשפּרייט זיינע פליגלען איבער דעם געדיכטען וואַלד, און אַ שלאַגם רעגען האָט אַנגעהויבען צו גיסען באַגלייט מיט קראַ-כענדיגע דונערען און בליצען, און אַ יעדער בן מלך בעזונדער האָט געזוכט שוץ פון דעם שטורעם. קיינער פון זיי האָט דעם ריכטיגען אויסוועג נישט געקענט געפינען. האָבען זיי אָנגע-

הויבען מיט גרויס פערצווייפלונג צו שרייען "טאטע" ראטעוועט! פילייכט וועלען זיי דורכדעם זיך קענען צוזאמענטרעפען, און דער געטרייער פאטער זייערער, דער מלך, וועט דערהערען זייער שטימע וועט ער זיי גלייך שיקען רעטונגס מיטלען. זיי האבען געגעבען סיגנאלען, אבער זייער שטימע איז געווען א קול קורא במדבר, האבען זיי זיך מיישב געווען, מ׳וועט אנהויבען גלאט שרייען, און זיי האבען אזוי לאנג געשריגען ביז זייער פאטער האט ענדליך דערקענט זייער שטימע, און רעטונגס מיטלען זיינען גלייך געשיקט געווארען, און די קעניגליכע פאמיליע איז צוריק פאראייניגט געווארען.

דאס זעלבע איז מיט ישראל, די בני מלכים. מיר בלאנדזשען א גאנץ יאהר אין א פינסטערען שטורעם׳דיגען וואלד, צו זייעט און צן שפרייט אין גלות. מיר זינגען, מיר גיבען פערשידענע סיגנאלען, אבער פארלויפיג זיינען מיר נאך אלץ נישט ארויס פון דער געפאהר. יעצט אין דיעזען הייליגען מאמענט, ווען אונזער פאטער אין הימעל, וועלכער איז א מלך יושב על כסא רחמים און איז א שומע קול שופר ומאזין תרועה, שרייען מיר צו איהם מיט א שופר שטימע, פילייכט וועט אונזער געטרייער פאטער דערהערען אין וואסערע שרעקליכע געפאהר מיר געפינען זיך און אונז ראטעווען. דארום! רבותי, לאמיר מיט אלע אונזערע כחות און מיט ריינע מחשבות, אלע איינאיינעם שרייען הארציג צום פאטער אין הימעל, אולי ירחם! אפשר וועט שוין השי״ת רחמנות האבען און צו הערען דעם קרעכץ פון אוי לבנים שגלו מעל שלחן אביהם, און וועט אונז צוריק פאראייניגען, און אונז לאזען הערען אין גיכען דעם קול שופר של משיח צדקנו שיבוא במהרה בימינו אמן.

ראש השנה

ערבוב השטן!

בחודש השביעי באחד לחודש יהיה לכם שבתון זכרון תרועה מקרא קודש (ויקרא כ"ב), ובחודש השביעי באחד לחודש מקרא קודש יהיה לכם כל מלאכת עבודה לא תעשו יום תרועה יהיה לכם. (במדבר כ"ט).
למה תוקעין ומריעין כדי לערבב השטן (ראש השנה ט"ז).

אין דעם הייליגען טאָג ראש השנה, האָט אונז די תורה געהייסען בלאָזען שופר. דער דאָזיגער אָנזאָג, איז אין איינ־קלאַנג מיט דעם מנהג, וואָס האָט געהערשט פאַרצייטען ביי אידען צו בלאָזען שופר ביי פייערליכקייטען פון אַ רעליגיעז נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. זיי האָבען געבלאָזען אין שופר, אויפצוועקען דאָס פאָלק, איינזאַמלען, צוגרייטען און פאַר־איינינען איהם צו דער הייליגקייט און פראַכט פון דעם טאָג, וואָס זיי האָבען געפייערט.

איז דען דאָ א הייליגערער מאָמענט, ווי דער איצטיגער ווען מיר שטייען אַלע צוזאַמען, יונג און אַלט, מאַן און פרוי, אין דעם ערשטען טאָג פון יאָהר אויסגיסענדיג אונזער האַרץ פאַר גאָט? מיר בלאָזען אין שופר אויפצוועקען דאָס אידישע האַרץ, אויפצובלאָזען די פונקען, וואָס דרימלען אין אונזערע נשמות אין אַ הייליגען פייער.

מיר דאַרפען פאַרשטעהן, פאַרוואָס איז דער לשון פון די צוויי פסוקים, וועלכע מיר האָבען אויבען דערמאָנט אנדערש

איינער פון צוויטען. אין ויקרא ווערט דער טאָג אָנגערופען "זכרון תרועה", און אין פרשת פנחס "יום תרועה"? איידער מיר ווילען דערקלעהרען די פסוקים, ווילען מיר דער־מאָנען אן אומפארשטענדליכע גמרא אין ר"ה, (דף ט"ז) וואָס האָט אויך אַ שייכות צו דעם ענין פון תקיעת שופר. די גמרא זאָגט "למה תוקעין ומריעין בראש השנה, כדי לערבב את השטן". איז דאָס אומפארשטענדליך, דער שטן, דער חכם להרע, איז שוין אַזאַ לעמעשקע, אַז ער וועט זיך איבערשרעקען פון אַ בלאָז פון אַ שופר און אפילו מיר זאָלען זאָגען, אַז דער שופר קען יאָ איבערשרעקען דעם שטן, איז שוין צייט פאַר איהם צוגעדענקען אזוי פיעל יאָהרען, ווי ער הערט בלאָזען שופר. און אפילו מיר ווילען זאָגען, אַז מיר ווילען איבער־שרעקען און צומישען דעם שטן, אָבער וואו זיינען מיר אין דער וועלט, ווילען מיר פון דעם ווערען ריינער, הייליגער?

דער גאַנצער ענין פון תקיעת שופר און ערבוב שטן איז אַ סך אַנדערש ווי מיר מיינען אין יעדער אידישער האַרץ זיינען דאָ הייליגע פונקען, עס ברענט דאָרט דער אידישער נר תמיד, און וויפיעל אַ איד זאָל אַ גאַנץ יאָהר צוליעב פאַרשיידענע סבות זינדיגען, קאָן דאָך ניט דאָס אידישע ליכט פאַרלאָשען ווערען, אין איהם בלייבט שטענדיג עפּעס אַזוינס, וואָס איז הייליג, דערהאבען, אידיש. "אלהי נשמה שנתת בי טהורה היא", זאָגען מיר יעדען טאָג, די נשמה ביי יעדער אידען טיף באַהאַלטען איז ריין און קלאָר. עס פאַרטונקלען איהר צייטענ־ווייז זאָרגען פון פרנסה, און אַלערליי דאגות, וואָס די צייט ברייננט מיט זיך. די פאַרשיידענע פאָרמען, וואָס דער שטן נעמט אָן, די אומזויסענהייט, די וואָכעדיגקייט פון אַל־טעגליכען לעבען, זיי פאַרבלאָקען די נשמה. אָבער גענוג איז איין טראכט, איין דערהער, איין הייליגען ציטער, ארויסצוברייננען די גאַנ־צע שיינקייט, וואָס ליגט אין אַ אידישע נשמה, געווים איז אַזאַ רגע אויסצולייטערען און דערהויבען דאָס אידישע האַרץ, דאָס

ברייננט מיט זיך דער קול שופר, דאָס ברייננט מיט זיך די תקיעות, די תרועות און די שברים, וואָס מיר הערען אין דעם הייליגען טאָג ראש השנה. זיי לייטערען, זיי הייליגען די אידישע האַרץ, די אידישע נשמה.

"ד׳ אלהיו עמו ותרועת מלך בו". דער תרועת מלך וועקט אויף די אידישע האַרץ, רופט ארויס דאָס געטליכע "ד׳ אלהיו עמו", וואָס ליגט באַהאַלטען אין יעדען אידען. עס קומט דער שופר און דערמאָנט אונז די הייליגסטע מאָמענטען אין אונזער געשיכטע קבלת התורה, וואָס איז געגעבען געוואָרען אונטער די קלאַנגען פון שופר. עס קומט דער שופר און רופט צו אַ ריינערען און שענערען לעבען. און דעריבער מאַכען מיר די ברכה לשמוע קול שופר, און ניט לתקוע בשופר, ווארום דער עיקר איז צו דערהויבען דעם שופר, דערהויבען דאָס געטליכע, וואָס ליגט פאַרבאָרגען אין אונז. זייער שעהן דריקט זיך אוים די גמרא, "הכונס שופר לתוך שופר, אם קול פנימי שמע יצא, אם קול חיצון שמע לא יצא", דערהערען מיר דעם אינערליכען קול, דאָס נשמה׳דיגע אין שופר, זיינען מיר יוצא מיט די תקיעות, אָבער ווען מיר הערען בלויז דאָס אויסערליכע, דעם קול חיצון, זיינען מיר בבחינת לא יצא, ווייל דאן האָבען מיר קיין שופר ניט געהערט.

פאַראַן אַ באַוואוסטער מאמר חז״ל: שלשה ספרים נפתחים בר״ה של צדיקים גמורים, של רשעים גמורים ושל בינונים, אנקעגען זיי זיינען עס דאָ ספרי חיים, ספרי מתים ושל תלוין ועומדים. די צדיקים פון די ספרי חיים, דאַרפען ניט אַזוי וויפ דעם קול שופר, ווייל זיי זיינען שטענדיג פול מיט׳ן געטליכען ציטער, זייער האַרץ איז שטענדיג אָפען, זיי הערען שטענדיג דעם קול שופר. פון התגלות אלקות און פון קבלת התורה. די רשעים הערען ניט דעם קול שופר ראש השנה אפילו. דער עיקר זיינען די בינונים, די תלוין

ועומדין, די וואס זיינען א גאנץ יאהר פאריאגט און פאר-וואכידיגט, אבער אין זיי טיעף בעהאלטען, דערפיהלט זיך זייער נשמה און בייגקשאפט נאך געטליכקייט, נאך הייליג-קייט. צו זיי, צו די בינונים רופט דער קול שופר אמשטארקס-טען, זיי וועקט ער צו תשובה. זיי זוכט ער צו באפרייען פון די ספקות, וואס נעכטיגען אין זייערע הערצער. צו די תלוין ועומדין, וואס ראנגלען זיך א גאנץ יאהר מיט׳ן שטן, זוכט דער שופר לייכטער צו מאכען זייער קאמף, זיי דערמאנט דער שופר עקידת יצחק, זיי דערמאנט ער דעם מסירת נפש פון טויזענטער דורות. פאר זיי מאלט דער שופר די הייליגע געשטאלט פון הק׳ ר׳ אמנון בעל הנתנה תוקף, וועמען מ׳האט אבגעהאקט די הענט און די פיס, און אין שרעקליכע יסורים האט ער זיין הייליגע נשמה אין ליבע צו גאט אויסגעהויכט. זיי די בינונים, דער-צעהלט דער שופר, די טראגישע מאמענטען פון עבר, ער ווייזט זיי דעם בלוטיגען מארטירער וועג פון אידישען פאלק אין זיין פינסטערען גלות לעבען. און יעדער קול, וואס דער שופר לאזט ארויס צומישט דעם שטן, ווי דער תלמוד ירושלמי דריקט זיך אויס: ״כד שמע שטנא קל שיפורא חד לא בהיל כד שמע קל תנינא ותלתא מתבהל ומתערב״. אט די געשיכטע פון אונ-זער פארגאנגענהייט, צומישען דעם שטן, וואס ליגט אין אונז פארבעהאלטען און ארויסרופען דאס פינטעלע איד וואס איז אין יעדען פון אונז טיף פארבארגען, שטארקען די כחות פון קדושה פארטרייבען די ספיקות פון אונזערע הערצער, ארויס ציהען אונז פון תלוין ועומדין צושטאנד, און דערהויבען אונז צו דער מדרגה פון צדיקים לאלתר לחיים.

דאס איז דער פשט פון די ביידע פסוקים, וואס מיר האבען פריהער דערמאנט אין איין פסוק שטייט יום תרועה יהיה לכם, קומט דער צווייטער פסוק און גיט צו, אז ס׳איז ניט גענוג צו הערען דעם קול חצון, עס מוז זיין א זכרון תרועה. ״באחד לחודש זכרון תרועה יהיה לכם מקרא קודש״. דער שופר מוז

דערמאַנען, ער מוז ארויסרופען דאָס הייליגע וואָס אין דיר, ער מוז דיר דערמאַנען אין זיין פארבאַגענהייט. ער מוז דיר דערמאַנען, אז דו ביזט א זוהן אָדער טאָכטער פון א פאָלק, וואָס האָט זיך שטענדיג מוסר נפש געווען פאר זיין הייליגע תורה און איהרע אידעאלען. דער שופר מוז דיר דערמאַנען, צו לעבען הערליכער, שעהנער, הייליגער.

מיר שטייען מיט צובראָכענע הערצער און הערען צו די מיט טרויער אָנגעזאָפּטע שופר קולות, זיי דערמאַנען אונז דעם גנוחי גנח וילולי ילל פון אונזער פאָלק אין פארשידענע לענדער, זיי דערמאַנען די פאַרשיידענע ליידען און ביטער־קייטען, וואָס אונזער פאָלק מאַכט דורך. זיי דערמאַנען אונז, אז ס׳איז ניטאָ קיין ווינקעל אויף דער וועלט, וואו דער אידי־שער קרעכץ האָט נאָך ניט דערגרייכט. זיי דערמאַנען אונז, אז ס׳איז ניטאָ קיין ברעקעל ערד אויף דער וועלט, וואו אַ מענשליכע פוס האָט ווען געטראָטען, אַז זאָל ניט האָבען איינגעזאָפּט אידישע בלוט און טרערען. עס רייסט זיך פון אונזערע הערצער ״אלי אלי למה עזבתני, רחוק מישועתי דברי שאגתי אלהי אקרא יומם ולא תענה לילה ולא דומיה לי״: דער זכרון תרועה טראָגט ניט בלויז טרויער מיט זיך, ער טראָגט אויך האָפענונג. ער דערמאָנט אונז, אַז פילע מאָל אין אונזער געשיכטע, האָט זיך אונזער טרויער מיט פרייד גע־ענדיגט. ער דערמאָנט אונז, אַז נאָכ׳ן ״קח את בנך את יחידך והעלהו שם לעולה״, איז געקומען דער ״אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה״, און דער ״והרבה ארבה את זרעך ככוכבי השמים וכחול אשר על שפת הים״. און אזוי וועט אויך איצט זיין נאָך די עקדות און די קרבנות, וואָס מיר ברייני־גען אויף אַלע מזבחות, אין אַלע לענדער, וועט קומען דער רוף אַל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה. נעהמט אוועק אייערע הענט פון מיין באַליבט פאָלק. גענוג קרבנות האָט שוין מיין פאָלק געבראַכט. און נאָכפאָלגען וועט די ברכה פון

"כבוכבי השמים לרוב". און דאָס איז אפשר דער געדאַנק פון מאמר "תקעו לפני בשופר של איל, כדי שיזכר לכם עקידת יצחק בן אברהם", אין דעם שופר הערט זיך דער ערשטער, דער שרעקליכער רוף פון עקדה, אָבער זיין ענדע איז ישועות ה' כהרף עין, ווי ס'איז געווען מיט אברהם'ען.

דער שופר קרעכצט ניט בלויז, דער שופר וויינט ניט בלויז, ער טראָגט אויך טענער פון פרייד, טענער פון האָפענונג. דער שופר וועקט, רופט צו א ניי לעבען פון א באנייט פאָלק אויף זיין אייגען לאנד, דער שופר רופט און דערמאָנט דעם לאנג דערווארטעטען קול פון והי' ביום ההוא יתקע בשופר גדול. ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים מארץ מצרים והשתחוו לד' בהר הקודש בירושלים במהרה בימינו, אמן.

ליום ב׳ דראש השנה

קול ברמה נשמע

קול ברמה נשמע, נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה מאונה להנחם על בניה כי איננו: זה אמר ד׳ מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה, כי יש שכר לפעולתך נאום ד׳ ושבו מארץ אויב, ויש תקוה לאחריתך נאום ד׳, ושבו בנים לגבולם, (הפטרה ב׳ דר״ה).

עס ווערט דערצעהלט אַ געשיכטע, א יונגער מאן איז געוועזן זייער שטארק פארליבט, און אום זיך צו איבערצייגען אין זיין ריכטיגע ליבע, האָט די געליבטע איהם געשטעלט א פאָדערונג, אז ער זאָל איהר ברייגגען זיין מוטערס הארץ, דער בחור איז געוועזן אזוי פארליבט, אז עס איז ביי איהם רעכט געוועזן צו ערפיהלען איהר פארלאנג. ער האָט אויסגע־שניטען זיין מוטערס הארץ, און איז מיט שמחה געלאָפען צו זיין געליבטע, לויפענדיג איז ער געפאלען און האָט זיך שטארק צוקלאפט, האָט ער דערהערט א זיפץ פון זיין מוטערס הארץ, וועלכע ער האָט געטראָגען איז זיין האנט. אוי, מיין ליבער זוהן, וועה איז מיר פאר דיר. דו האָסט זיך נעביך צושלאָגען, לויף ניט אזוי, געה לאנגזאם, קענסט נאָך פאלען א צווייטען מאָהל, און זיך חלילה צוקלאפען.

דער נמשל פון דעם, רחל, דער סימבאָל פון דער שכינה. ווי דער מדרש הנעלם דרוקט זיך אוים: כמה דעבדת דא רחל, אוף הכי שכינתא לעילא, כדמתרגם, קל ברום שמיא אישתמע, שכינתא מבכה על בנהא.

די שכינה, די בארעמהערציגע מוטער וויינט אויף איהרע קינדער, וואס האבען אויסגעשניטען איהר הארץ. די תורה הקדושה, און לויפען דאס איבערגעבען צו די אומות העולם — זייער געליבטע — אום צו געפינען חן אין זייערע אויגען. און זיי בעגוגענען זיך ניט מיט דעם, וואס זיי האבען שוין אפגעגעבען צו די אומות העולם. דעם שבת, די תפילין, און אלע אנדערע מצות, וועלכע גאט האט זיי געגעבען. נאר זיי גיבען זיי איבער די הארץ, די תורה הקדושה אין גאנצען. און די אומות העולם, זייער כלומר'שט געליבטע, ניט נאר וואס זיי זיינען ניט דאנקבאר די אידען, וועלכע האבען אלס מקריב געווען אום צו געווינען זייער פריינדשאפט, נאר זיי שלאגן און פייניגען נאך רחל'ס קינדער.

און רחל — די שכינה, וויינט אויף איהרע קינדער, און נעהמט אנטהייל אין זייער צער, ווי עס ווערט געבראכט אין תלמוד. (סנהדרין מ"ו, ע"א — חגיגה ט"ו, ע"א), בזמן שאדם מצטער, שכינה מה לשון אומרת קלני מראשי, קלני מזרועי. ווען אידען זיינען זיך מצטער, וואס זאגט די שכינה? קלני מראשי, קלני מזרועי. א טיעפען צער אויסדרוק.

און אום צו פערשטעהן דעם דאפעלטען לשון: א) רחל מבכה על בניה. ב) מאנה להנחם על בניה. מוז מען דאס ערקלערען, אז דער צער איז אויך א דאפעלטער. ערשטענס אויף די קינדער, וואס ליידען קערפערליך, וואס ווערען געשלאגען און געפייניגט פון שונא, אויף זיי וויינט דאס מוטער הארץ און וועהטאגט. "רחל מבכה על בניה". און צווייטענס, אויף די קינדער וואס ליידען ניט קערפערליך, אבער זייער נשמה איז שטארק געשלאגען, אז עס איז ביי זיי רעכט געווארען צו אויסשניידען זייער מוטערס הארץ, די תורה הקדושה, אום צו געפינען חן אין די אויגען פון זייער געליבטע, די אומות העולם, אויף די קינדער איז "מאנה להנחם על בניה", זי קען

זיך ניט טרייסטען. אמת, זייערע נשמות זיינען שוין טויטע, רשעים בחייהם קרויים מתים, גייסטיג זיינען זיי טאַקע טויט. אָבער קערפּערליך לעבען זיי דאָך, ואין מקבלים תנחומים על החי.

די פערשיידענע קולות פון שופר, תקיעה שברים תרועה, וועלכע מיר זיינען גרייט באלד צו הערען, ערוועקען אונז און מאכען אונז אויפמערקזאם, מיר זאָלען זיך פאַרטראכ־טען. די קלעגליכע שטימע פון דער תרועה, גנוחי גנח און ילולי יליל, דערמאַנען דעם געוויין פון אונזער מוטער די שכינה אויף איהרע קינדער, וועלכע האָבען אויסגעשניטען איהר האַרץ, די תורה הקדושה און די מצות, און דאָס אַלעס מפקיר געווען צו די אומות העולם, אום איינצוקויפען זיך אין זייער ליבע, זיי צו געפעלען ווערען.

די תקיעה דאַרף אונז דערמאָנען דעם קול השופר, וואָס איז געהערט געוואָרען ביי מתן תורה, ווי אין פסוק שטעהט: (שמות י״ט, י״ט) ״ויהי קול השופר הולך וחזק מאד״, און דאָס דאַרף אונז אויפוועקען פון אונזער לעטארגישען שלאָף. און ברענגען צו אונזערע אויערען דעם בת קול, וועלכער רופט יעדען טאָג פונ׳ם הר־סיני, און זאָגט, אוי להם לבריות מעלבונה של תורה! וועה! צו די מענשהייט וועלכע פארשעהמען די תורה (אבות פ״ו, משנה ב׳).

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין, ממה נפשך! רופט דער בת קול ווירקליך. ווארום זשע הערען מיר דאָס נישט, און אויב מיר הערען דאָס ניט, טאָ וואָס פאַר א תועלת איז דאָס רופען?

זאָגען די תלמידי הבעש״ט אין זיין נאָמען, דאָס יעדער איד האָט דורכ׳ן טאָג א הרהור תשובה, וועלכעס קומט פון דעם דאָזיגען רוף. נאָר וואָס דען, דער עהרליכער איד. בעת דער בת־קול גיט איהם א ציה ביים הארצען, כאפּט ער גלייך

א גמרא אָדער א תהלים, אָדער טוט אנאנדער מצוה אלס א ענטפער צו דעם רוף. ביינאכט אין שלאָף, ווען דער רוף וועקט איהם אויף פון שלאָף, גיסט ער גלייך אָב די נעגעל, און געהט אראָפּ פון בעט, אָפּריכטען חצות און לערנען און זאָגען שירות ותשבחות צום אויבערשטען, ומצוה גוררת מצוה.

דער פּראָסטער מענש, דער גראָבער יונג, אז ער דער הערט דעם רוף, עכ ציהט איהם די נסתרות פונ'ם הארצען, די נשמה וויל אויך עפּעס, טוט ער אָהן א טויבע היטעל, און כאפּט זיך אריין אין א מאווי-טהעאטער, אָדער כאפּט זיך צו א קערטעל. ביינאכט ווען דער בת-קול וועקט איהם פון שלאָף דרעהט ער זיך אוים אויף דער צווייטער זייט, און כראָפּעט ווייטער! ועבירה גוררת עבירה!

יעצט דערמאָנט דער שופר, רבותי, דאָס דער קול השופר פון מתן-תורה האָט נאָך ניט אויפגעהערט. ויהי קול השופר הולך וחזק מאד! עס שטעהט נישט הלך — לשון עבר — נאָר הולך וחזק! דער קול השופר געהט און שטארקט זיך— הולך — לשון הוה — לאָמיר נאָר אָנשטעלען אונזערע חושים און מיר וועלען דערהערען דעם געטליכען שופר מסיני.

און ניט נאָר דעם שופר, נאָר זאָגאר די שטימע פון משה רבינו. ווי דער פסוק זאָגט: משה ידבר, עס שטייט נישט, דיבר — לשון עבר — נאָר ידבר — לשון הוה — והאלקים יעננו אויך בלשון הוה — דאָס מיינט, אז ביז יעצט און אויף אייביג, איז:

משה ידבר והאלקים יעננו בקול.

איבערהויפּט דארף דער קול השופר אויפוועקען די בנות רחל, די פרויען, וועלכע זיינען געווען די ערשטע אָנגעזאָגט צו

ווערען אויף קבלת התורה, ווי די גמרא דרשנט: "כה תאמר לבית יעקב", אלו הנשים, און נאכהער "ותגד לבני ישראל", צו די מענער, ווייל אום צו אפהיטען די תורה איז זעהר נויטיג, אז די פרויען זאלען געבען זייערע מענער די מעגליכקייט צו לערנען, דאוונען און היטען שבת און אויך אכטונג געבען אויף די ערציהונג פון זייערע קינדער, זיי זאלען ערצויגען ווערען אין אידישען גייסט, זיי זאלען ח"ו ניט קומען פשוטו כמשמעו, ווען זיי וועלען שוין זיין דער וואקסענע צו אוים שניידען זייער מוטערס הארץ, און דאס אוועקגעבען צו זייערע געליבטע. די גאנצע אויפמערקזאמקייט דארף אנגעווענדעט לערען ביים איינפלאנצען דעם בוים, עס זאל זיין עפ"י התורה הקדושה. דאס מיינט, די פרויען דארפען זיין אפגעהיט אין זייערע דריי מצות, איבערהויפט אין טהרת המשפחה און טבילה, און בזכות זה וועלען מיר זוכה זיין צו הערען פון השי"ת מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה, ושבו בנים לגבולם.

יום כפור

לפני ה׳ תטהרו!

כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה׳ תטהרו. (ויקרא ט״ז, ל׳).

מיר שטעהן היינט אין דיזען הייליגען טאג איינגעהילט אין אונזערע טליתים און דאווענען און בעטען גאט ער זאל אונז פערצייען אונזערע זינד, ווייל היינט איז א טאג פון סליחה ומחילה, אין דיזען טאג האט גאט געזאגט צו משה רבנו, ווען ער האט געבעטען אויף דער זינד פון עגל ״סלחתי כדבריך״, און יעדער איד, וואס האט חרטה אויף זיינע זינד און איז זיך מתודה אויף זיי, איז מען איהם מוחל, ווי די גמרא זאגט ״שאול באחת ולא עלתה לו, דוד בשתים ועלתה לו״, דאס מיינט, שאול האט געטאהן איין עברה און זיין תשובה איז ניט אנגענומען געווארען, ווייל זיין תשובה איז ניט געווען קיין ריכטיגע, ער האט ניט מודה געווען, אז ער האט געזינדיגט, נאר ער האט געוואלט מיט פערשיידענע תרוצים רעכט מאכען זיין זינד, דוד האט אבער מודה געווען, אז ער האט געזינדיגט. ווי ער דריקט זיך אוים ״חטאתי אודיעך ועוני לא כסיתי, אודה עלי פשעי לד׳ ואתה נשאת עון חטאתי סלה״, איז דעריבער זיין תשובה אנגענומען געווארען, אבוואהל ער האט אין צוויי־ען געזינדיגט, און דאסזעלבע דארפען מיר אויך טאהן היינטיגען טאג, ווען מיר שטעהען פאר גאט, מיר דארפען זיך מתודה

זיין און חרטה האָבען אויף אונזערע זינד, וואָס מיר האָבען גע־טאָהן אַ גאַנץ יאָהר, דאַן וועלען מיר אויך הערען די זעלבע ווערטער, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרען אין דעם זעלבען טאָג אין אַמאָליגע צייטען "סלחתי כדבריך".

דער של"ה הקדוש זאָגט, אַז עס איז זעהר ראַטהזאַם צו זאָגען יוכ"פ פאַר'ן דאַווענען דעם פזמון "זכות ומישור לפני כסאו, חסד ורחמים מלא כבודו". זיין כונה מיט דעם איז, ווייל אין דעם הייליגען טאָג יום הכפורים איז גאָט ב"ה מוחל אַלע זינד, און זוכט אַ זכות פאַר אַלע זינדיגע, און איז פאַר זיי אַ מליץ יושר, ווי אַ טרייער פאָטער, וועלכער זוכט אַלע מיטלען צו פאַרטיידיגען זיין איינציגען זוהן, אַז אין אַלע זיינע זינד איז ער גאַר ניט שולדיג, נאָר פערשידענע אומ־שטענדען האָבען איהם געבראַכט דערצו ער זאָל זינדיגען. אַזוי ווי די חז"ל זאָגען, אַז כביכול אַליין האָט צוגעגעבען, אַז שולדיג איז דער יצר הרע, וועלכען ער האָט אַליין באַשאַפען. ווי דער נביא דריקט זיך אוים "ואשר הרעותי" (מיכה ד'), אָבער ניט ווייל ער איז ח"ו פאַרדאָרבען און איז בטבע שלעכט. אַזוי טהוט גאָט און איז זיין ליעב פאָלק ישראל מוחל און פערגיט אַלע זייערע זינד, און אין דעם געדאַנק האָט מען מתקן געווען די תפלה "לאל עורך דין", ווייל גאָט ערשיינט אין דיזען טאָג, ווי אַ געניטער, פראַקטישער סניגור, וועלכער צייגט איבער דעם ריכטער, אַז זיין קליענט איז גוט און פרום און האָט קיין פערברעכען בעגאַנגען מוטווילליג, נאָר פערשיידענע אומ־שטענדען, וועלכע ער האָט ניט געקענט בעזייטיגען, האָבען איהם אַראָפּ געפיהרט פון גלייכען וועג, און מאַכט אויפמער־קזאַם די ריכטער, אַז מען קען קיין מענשען ניט באַשטראָפען אויף זינד, וואָס ער האָט זיי געטאָהן געצוואונגענערהייט. און אַזוי איז הקב"ה דער גוטער לאָיער, דער "בוחן לבבות ביום דין", ער זעהט דאָס די האַרץ פון יעדער אידען איז גוט, ווי די גמרא זאָגט, רצוננו לעשות רצונך, אלא ששאור שבעיסה מעכב",

מיר ווילען טאָהן דיין ווילען, נאָר פאַרשיידענע אומשטענדען צרות ופגעים האַלטען אונז אָפּ, און ער איז דער "גולה עמוקות ביום דין", ער מיט זיין געטליכע אויג זעהט אַלע פערבאָרגענע און פאַרבעהאַלטענע סבות, וואָס האָבען אַראָפּ געפיהרט דעם אידען פון דרך הישר, און דאָס איז דער ביאור: "זכות ומישור לפני כסאו", ווען גאָט זיצט על כסא רם ונשא צו משפט'ן די וועלט, זוכט ער פאַר אונז אַ "זכות", אַז מיר זיינען הולכי "מישור" באמת, און נאָר דורך פערשיידענע סבות זיינען מיר אריין געפאַלען אין דעם נעץ פון זינד, און דעריבער איז ער אונז מזכה בדין, ווייל ער איז אַ "תומך תמימים ביום דין", און ווען מיר זיינען ח"ו שוין אַזוי אַראָפּ געפאַלען אין דעם אָפּגרונד פון פערברעכען, אַז עס איז שוין פאַר אונז קיין זכות ניטאָ, מיר זאָלען זוכה זיין בדין, דאַרפען מיר אויך ניט פאַר-צווייפלען, ווארום "חסד ורחמים מלא כבודו", מיט זיין גוטצ-קייט און רחמנות איז ער אַ "נותן יד לפושעים", און ער קען אונז פערצייען און זאָגען: "סלחתי כדבריך", ווי דער גוט-הערציגער קעניג, וואָס קען פערצייען אפילו די גרעסטע פער-ברעכער, און יעדער פון אונז קען זיין זיכער, אַז זיינע אַלע פערזענליכע זינד בין אדם למקום, וועלען איהם פערגעבען ווערען אין דיזען הייליגען טאָג.

אָבער עס איז דאָ נאָך אַנדערע זינד, וואָס מען דאַרף זיך אויף זיי מתודה זיין אום יום כפור, און בעטען אויף זיי זכות ומישור און אויך חסד ורחמים, דאָס זיינען די געזעלשאַפטליכע פארנאַכלעסיגונג בין אדם לחבירו, וואָס מיר האָבען פארנאַכלע-סיגט אַ גאַנץ יאָהר, אַן עקסטערען קרבן האָט מען מקריב געווען יום כפור פאַר געזעלשאַפטליכע זינד. "אַ חטאת הצבור", וואָס דער כהן גדול האָט מקריב געווען "לכפר בעדו ובעד ביתו ובעד כל קהל ישראל. יום כפור, איז פאַרצייטען געווען, ווי די חז"ל דערצעהלען אונז, אַ געזעלשאַפטליכער יום טוב, אידישע טעכטער פלעגען אַרויסגעהן טאַנצען אין די וויינ-

גערטנער, און אויסקלייבן זייערע בעשערטע, די פאמיליען אנגעלעגענהייטען זיינען געווען א הייליגער און ערהאבענער ענין, וועלכעס איז געטאהן געווארען עפענטליך, אלע יום כפור׳דיגע קרבנות, און די עבודה אין בית המקדש זיינען געווען געזעלשאפטליכע און עפענטליכע, די תפלה פון כהן גדול אין קדשי קדשים, איז אויך געווען ניט וועגען פריוואט זאכען, נאר וועגען געזעלשאפטליכע אלגעמיינע כלל זאכען, וואס איז נוגע דעם גאנצען אידישען פאלק, "ולא יעדי שולטן מבי יהודה", עס זאל ניט אפגעטאהן ווערען די רעגירונג פון יהודה. און אויף די אנשי השרון, וועלכע זיינען געווען איינפאכע ערד ארבייטער, און אפט געהונגערט אין א יאהר פון ניט גערעטעניש, האט ער מתפלל געווען און דערמאנט דעם אידישען צבור "שלא יעשו בתיהם קבריהם", זיי זאלען זיי ניט פארגעסען און לאזען זיי אויסגעהן פון הונגער אין זייערע הייזער, נאר זאלען זיי שטיצען און העלפען מיט וואס נאר מעגליך איז. און אויך דער וויכטיגסטער געזעלשאפטליכער געזעץ פון ברידערליכקייט פריינדשאפט און גלייכהייט, וואס די תורה האט אונז פארזאגט, דאס איז דער געזעץ פון "יובל", צו בעפרייען קנעכט, פעלדער, הייזער, אויך דאס איז אויסגעקומען צו טאהן יום כפור, אום צו געבען דעם הייליגען פאסט-טאג א מעהר געזעלשאפטליכען כאראקטער.

און דעריבער, ווען מיר שטעהן היינט אין דעם יום הדין פאר גאט, דארפען מיר זיך מתודה זיין און אויסרעכענען אלע אונזערע זינד געגען דער געזעלשאפט, וואס מיר האבען פערנאכלעסיגט א גאנץ יאהר, און בעטען דעם "בוחן לבבות", אונזער גוטען פערטיידיגער, ער זאל אויסגעפינען פאר אונז א זכות, דאס מיר זיינען ניט שולדיג אין דעם, נאר די צייט, דער ארט, און די דאגות הפרנסה, האבען אונז אפגעהאלטען פון צו טאהן אונזער פליכט צום כלל ישראל, און דעריבער בעטען מיר, מען זאל אונז פערצייען.

די זינד פון דעם איינצעלנעם מענשען און פון דער גע־זעלשאַפט זיינען אזוי שטאַרק צונויף געבונדען און צוגעקניפּט צוזאַמען, אַז עס איז אוממעגליך זיי צו פאַנאַנדערטהיילען. די געזעלשאַפט ווירקט צו גוטען אויף יעדער איינצעלנעם, און זיי די איינצעלנע זיינען אַ גוטער שטאָף, אויף וועלכען עס בילדעט זיך דער אַלגעמיינער אידענטהום, אַלע געזעלשאַפטליכע אונ־טערנעמונגען און אינסטיטושאַנס אין זייערע פערשיידענע פאָרעמס און צוועקען.

"אתם נצבים היום", איהר קענט נאָר האָבען אַ בעשטאַנד און אַ פעסטען באָדען פאַר אייער עקזיסטענץ, ווען איהר זיינט אויפגעבונדען אַלע צוזאַמען "כולכם". אַלע ווי איינער. ווי דער באַוואוסטער משל פון דעם אַלטען פאָטער, וועלכער האָט פאַר זיין טויט צונויף גערופען זיינע קינדער און האָט זיי איבער געגעבען אַ בינטעל דינע שטעקלאַך צונויף געבונדען צוזאַמען, און ער האָט זיי אָנגעוויזען, אַז אַזוי לאַנג ווי זיי וועלען זיין אַלע באַהעפט צוזאַמען. וועט זיי קיינער ניט קענען צוברעכען. אָבער ווען זיי וועלען זיין יעדער איינער באַזונדער, וועלען זיי גאַנץ לייכט קענען צוברעכען ווערען איינציגווייז, דאָסזעלבע איז מיט'ן פאָלק ישראל. יעדער איינציגער פון אונז איז שוואַך און מאַכטלאָז געגען די גרויסע שטורעמס, וועלכע ווילען אונז פאַרניכטען. עס וואָלט שוין חלילה קיין שריד ופליט ניט גע־בליבען פון אונז, ווען ניט דער כלל ישראל האַלט זיך צוזאַמען, אונזערע שוהלען און בתי מדרשים, אונזערע געזעלשאַפטליכע אינסטיטושאַנס און אונזערע אַלגעמיינע ענינים, וועלכע בינ־דען אונז צוזאַמען אין קהל ישראל, זיי האָבען געמאַכט פון אַלע איינצעלנעם אינדיווידיומס אַן איינהייט, אום מיר זאָלען קענען עקזיסטירען, און אויב מיר זיינען נאַכלעסיג און נעהמען ניט קיין איינטהייל אין די אַלגעמיינע אינטערעסען פון אונזער

פאָלק, זינדיגען מיר געגען דעם עיקר קיום פון אונזער פאָלק, אונזער תורה, און אידענטהום בכלל. און דעריבער לייענט מען יום כפור צו שחרית די הפטרה אין ישעיה, דעם קאַפיטעל, אין וועלכען ער ערקלעהרט דעם צוועק פון א פאַסט-טאָג, אַז דער עיקר איז מען זאָל זיך עוסק זיין אין ענינים כלליים, אין אַל-געמיינע אינטערעסען, וועלכע האָבען א שייכות צום כלל ישראל, "ובנו ממך חרבות עולם", "מוסדי דור ודור תקומם", "פתח חרצובות רשע והתר אגודות מוטה", און די תשובה אויף די געזעלשאַפטליכע זינד וועלען דיר ברייננען סליחה ומחילה אויף דיינע פערזענליכע מעשים לא טובים, "ונחך ד׳ תמיד והשביע בצחצחות נפשך ועצמותיך יחליץ", ווייל דער יחיד און דער צבור זיינען איינס, און זייער תשובה דאַרף אויך זיין איינס.

און עס זיינען אימער געווען ביי אונז איינצעלנע מענשען, וועלכע זיינען געווען איבער געגעבען צו אַלגעמיינע ענינים, צו צרכי צבור מיט׳ן גאַנצען האַרצען, מיט זייער לייב און לעבען, און אויך מיט זייער פאַרמעגען. מענשען וואָס האָבען גאַנץ זיכער געקענט זאָגען אויף זיך דעם פסוק: "שמוני נוטרה את הכרמים, כרמי שלי לא נטרתי", זיי האָבען זיך איבער געגעבען צו אַלע עניני האומה ועדה, מיט אַלע זייערע פיזישע און גייסטיגע קרעפטען, און זייערע אייגענע געשעפטען האָבען זיי פאַרנאַכלעסיגט, ווי אונזערע חז״ל דריקען זיך אוים אויף דעם פסוק "שחורה אני ונאוה", שחורה אני בביתי, ונאוה בבית ד׳, זייער אייגענע הויז איז געווען פאַרלאָזען "כאהלי קדר", זיי האָבען זיך אויף איהר גאָר ניט אומגעקוקט, און גאָט׳ס הויז איז געווען "כיריעות שלמה", בעפוצט און איינ-געאָרדענט אויפ׳ן בעסטען אָרט.

און יום כפור איז דער טאָג, דער יום הדין, וואָס מיר דאַר-פען אָפּגעבען רעכענונג אויף אונזערע איינצעלנע זינד און אויף די אַלגעמיינע "על טומאת מקדש וקדשיו", אויף אונזער גלייכ-

גילטיגקייט צו אלע קהל'שע אינטערעסען,ליידער איז ביי אונז היינט ניטא אזעלכע איבערגעגעבענע אידען, וועלכע זיינען זיך מפקיר פאר'ן כלל, ווי א נחשון בן עמינדב, וועלכער איז דער ערשטער אריינגעשפרונגען אין ים, כדי צו בעגייסטערען און ערמוטהיגען די שוואכערע, די אבגעלאזענע, זיי זאלען איהם נאכטאהן.

מען קען זיך פארשטעלען די ערהאבענע בילד, ווי משה רבנו שטעהט אויף דעם בארג, זיינע הענט אויפגעהויבען צום הימעל, צו ערמוהטיגען דעם פאלק, ער זאל קעמפפען פאר זיין עקזיסטענץ, און ווען זיינע הענט ווערען אביסעל אפגעשוואכט, געפינען זיך באלד א אהרן און א חור, וועלכע שפארען אונטער זיינע הענט און העלפען איהם צו, ער זאל ניט ווערען ענט-מוטיגט, אזעלכע טיפען אידען געפינען זיך נאך יעצט אויך ביי אונז, אבער ניט אין א גענוגענדער מאס. עס טרעפט מאנכעס מאל, אז די אויפגעהויבענע הענט צו טאהן עפעס פאר'ן כלל, געפינען ניט קיין אונטערשטיצער, און דעריבער איז אפט "וגבר עמלק... און דעריבער זאגט דער נביא: "שובה ישראל עד ה' אלהיך כי כשלת בעוניך", דאס הייסט, דודארפסט תשובה טאהן אויף דיינע פערזענליכע זינד, אבער דו דארפסט אויך תשובה טאהן אויף די געזעלשאפטליכע זינד, וואס ווערען געזאגט בלשון רבים. "קחו עמכם דברים ושובו אל ה'". אונ-זערע מדקדקים זאגען, וואס איז דער חילוק צווישען "כפר" און "טהר", ביידע ווייזען דאך אויף אפרייניגען די שמוץ אדער שטויב פון עטוואס. דער אונטערשייד איז דער. דאס טהר קען געזאגט ווערען אויך אויף א זאך, וואס איז וויים פון אונז, כמו "השמים לטהר", אבער "כפר" קען געזאגט ווערען נאר אויף א נאהענטע זאך, און דעריבער זאגען מיר יום כפור די די ווערטער, וועלכע מיר האבען אנגעצייגט אין אנפאנג פון אונזער דרשה, "כי ביום הזה יכפר עליכם", דאס מיינט, די נאהענטע עברות, וואס בעלאנגט צו דיר אליין וועלען פאר-געבען ווערען, און די געזעלשאפטליכע עבירות, די וויטערע,

קומט דיזער טאָג "לטהר אתכם", אָבער מיט דעם באַדינג, עס זאָל זיין אַ ריכטיגע תשובה "לפני ד'", איז דאַן "תטהרו".

מיט תשובה, תפלה און צדקה וועלען מיר מבטל זיין אַלע גזרות רעות, און אונזערע תפלות וועלען אָנגענומען ווערען, נזכה בדין, ונכתב ונחתם בגמר חתימה טובה לנו ולכל ישראל, אמן.

* *

יום כפור

ודוי על חטא.

זבח תודה יכבדנני, (תהלים נ׳ כ״ג).

אדם שיש בידו עבירה ומתודה ואינו חוזר בו, למה הוא דומה? לאדם שתופס שרץ בידו שאפילו טובל בכל מימות שבעולם, לא עלתה לו טבילה, זרקו מידו וכו׳, עלתה לו טבילה, (תענית ט״ז, ע״א).

עס ווערט דערצעהלט א שעהנע מעשה, אין א געוויסע שטאָדט איז אמאָל פארנאכט דורך געגאנגען א איד פון דער ארבייט, א פארמאטערטער, א פאר׳דאגה׳טער, דעם קאָפּ ארונ־טער געלאָזען אויף זיין ברוסט, קלערענדיג וואָס זאָל ער פריהער טאָהן מיט די עטליכע גראָשענס וואָס ער האָט גע־קראָגען פאר זיין ארבייט. פלוצלונג איז איהם אנטקעגען גע־קומען א געזונטער גרויסער גוי, האָט איהם א שטויס געטאָן מיט זיין עלענבויגען, און בעפאָר דער איד האָט נאָך אויפ־געהויבען זיין קאָפּ צו זעהן ווער האָט איהם א שטויס געטאָן, האָט דער גוי איהם אראָפּגעלאָזען א פאטש. דעם אידען האָט דאָס פארקוועטשט אונטערן הארצען פון וועהטאָג, אָבער ער האָט זיך נים פארלאָרען און גלייך האָט דורך געבליצט אין זיין קאָפּ א געדאנק, צו אָפּרעכענען זיך מיט דעם אנטעסימיט ווי עס דארף צו זיין. און ער האָט ארויסגעכאפּט פון זיין קע־שענע א האלבען רובעל און האָט דאָס דערלאנגט דעם גוי. דער גוי קוקט איהם אָן מיט גרויס פארוואונדערונג, וואָס איז מיט דעם אידען? איז ער פון זינען אראָפּ? נים גענוג וואָס

ער פאטשט איהם ניט צוריק, און בעפאלט איהם ניט מיט זידלעריי ווי ער האָט זיך פארדינט, בעצאָהלט ער איהם נאָך.

דער איד האָט פארשטאנען זיינע געדאנקען, און גיט איהם אן ערקלערונג. זיי וויסען ליבער גוי, אז היינטיגער טאָג איז ביי אונז אידען א מנהג, אז וועלכער איד עס ווערט געשלאָגען פון א גוי, דארף ער דעם גוי בעצאָהלען. איך בעט דיר טויזענט מאָל איבער, דו זאָלסט אויף מיר קיין פאָראיבעל ניט האָבען, וואָס איך גיב דיר אזוי ווייניג, ווייל איך בין א איד א קבצן, ווען דו טרעפסט אָן אויף א רייכען אידען, וואָלסטו געקראָגען א גאנץ שעהנע סומע. נאָר שא, אָט האָסטו א גע־לעגענהייט, דו זעהסט דאָרטען דעם הויכען מאן מיט דעם שעהנעם העט, דאָס איז דער גביר פון שטאָדט, לויף צו צו איהם און גיב איהם א פאטש נאָר א ריכטיגען, וועסטו קריגען בעצאָהלט ווי דו האָסט פארדינט. א גוי׳אישע קאָפ וויים ניט פון קיין חכמות, איז ער צו געלאָפען צום גביר און האָט איהם אראָפגעלאָזען א ריכטיגען פאטש. דער גביר האָט געמאכט א געוואלד, זיינען זיך צוזאמען געלאָפען זיינע משרתים און זייטיגע מענשען, און מען האָט דעם גוי בעצאָהלט ווי ער האָט פארדינט, מען האָט איהם צוקיילט און צוביילט, אז ער האָט קוים מיט׳ן לעבען זיך אוועקגעשארט צו זיך אין הויז. דער אָרימער ארבייטער איז געשטאנען פון וויטען און גע־קליבען נחת, כי הזה נקם, ער האָט זיך מיט׳ן גוי גוט אָפגע־רעכענט.

וואָס קענען מיר ארוים לערנען פון דער מעשה׳לע ! אז פאר א גוטען צוועק דארף אמאָל דער געקלאפטער, דער גע־שלאָגענער בעצאָהלען.

רבותי! ווי מיר וויסען אלע איז היינט ביי אונז דער גרויסער טאָג פון תשובה, א טאָג אין ועל־

בען יעדער איינער פון אונז דארף זיך מתודה זיין אויף די זינד, וואס מיר האבען אפגעטאהן דורך דעם גאנצען יאהר. בשוגג ובמזיד, אומגערן און אבזיכטליך, באונס וברצון, ווי־לענדיג און ניט ווילענדיג, בגלוי ובסתר, עפענטליך און פאר־בארגען. זינד צו גאט, און זינד צו מענשען. און אין דעם היינ־טיגען גרויסען טאג, דער יום הדין הגדול והנורא, ווען יעדער פון אונז דאווענט, וויינט און שרייט, און קלאפט זיך אין הארצען, אשמנו, בגדנו, מען זאגט על חטא, און מען קלאפט זיך אין הארצען, דער פלאץ וואו עס ווערען קאנצענטרירט אלע גלוסטונגען, "העין רואה והלב חומד", וואס דאס איז גורם אז מענשען זאלען זינדיגען, דארפען מיר זעהן, אז דער קלאפען זאל זיין מיט א ריינע כונה, מיט א אמת'ן הרהור תשובה, ווייל ווען דער קלאפען איז נאר א מעכאנישער, א געוואוינ־הייט. די האנט קלאפט און דאס הארץ און די געדאנקען זיינען ניטא דערביי, האט דאס קיין שום ווירקונג ניט.

ווי עס איז אלעמען בעוואוסט ווערען פארפלאנצט ארום די פיינע גערטנער, וואו עס וואקסען פרוכטען און בלומען. אזעלכע ספעציעלע בוימעלאך מיט גרויסע בלעטער, וועלכע קלאפען און רוישען ווען זיי ווערען באוועגט פון ווינט, אום אפ צו שרעקען די חיות און פויגלען זיי זאלען ניט צו קומען צום גארטען, און פארדארבען די פרוכט און בלומען. אט דער אויבען דערמאנטער מיטעל ווירקט נאר זא לאנג די הויז חיות און פויגעל זיינען נאך ניט צו געוואוינט צו דעם גערויש, אבער אזוי גיך ווי זיי ווערען צו געוואוינט צו דעם, העלפט שוין ניט די קלאפעריי, און דער גארטען בלייבט אום בעשיצט.

דאס זעלבע דארף זיין מיט אונזער קלאפען זיך אין האר־צען אום צו פעריאגען דעם יצר הרע, וועלכער האט זיך איינ־געבירגערט אין אונז, און איהם אבשרעקען דורכ'ן קלאפען,

אז ער זאָל זיך מעהר נישט אריינכאפּען אהין, ווי די חז"ל זאָגען אויף דעם פּסוק זובח תודה יכבדנני (תהלים נ. כ"ג) זובח יצרו ומתודה — אז א פריהער דארף מען פארטרייבען און הרג'נען דעם יצר הרע, נאָכדעם זאָל מען מתודה זיין, דאָס קלאפּען דארף איבערשרעקען און דערוויטערן דעם יצר הרע, וועלכער זיצט טיף אין אונזער הארצען, און בעשיצען אונז פון מחשבות רעות, דער בעל תשובה דארף זיין אויפריכטיג און ערענסט ביי יעדען ארויסגעזאָגטען על חטא, און האָבען אין זינען, אז ער וועט דעם חטא שוין מעהר ניט טאָהן, חרטה על לשעבר, און מיט וואָס קען ער איבערצייגען דעם רחום וחנון, אז זיין תשובה איז א אויפריכטיגע? נאָר מיט מעשים טובים, בעצאָהלען פאר דעם קלאפען מיט צדקה.

בעטראכטענדיג די אורזאכען, וועלכע ברייגגען אונז צו טאָהן נארעשקייטען, און דערלאָזען אונז ניט צו ערפילען אונזערע פליכטען אלס אמת'ע אידען, זעהן מיר, אז דאָס איז אלעס צוליב דער זינדיגער פרנסה, פאר וואָס דער עסט מען ניט און מען דער שלאָפט ניט אין צייט? אלס צוליב געלט, געלט און געלט, ווי עס ווערט געזאָגט אין תפלה זכה: דאגת הפרנסה וטרדת הזמן היו בעוכרינו. דאָס יאָגעניש נאָך פרנסה שלינגט איין אונזער גאנצען איך. ווייל, מי שיש לו מנה רוצה מאתים, און עס איז פון די דברים שאין להם שיעור.

און דעריבער יעצט ווען מיר קלאפּען זיך אין הארצען, אום ארויס צו קלאפּען דעם יצר הרע פון מאכען געלט, דארפען מיר דאָס מתקן זיין מיט געבען געלט פאר דברים שבקדושה. אונזערע שוהלען, תלמוד תורות און ישיבות לעבען איבער א שרעקליכען קריזיס, איז יעצט די פאסיגסטע צייט אז יעדער איינער זאָל ביישטייערן מיט א פולע האנד אויף צו האלטען די הייליגע אינסטיטושאָנס, "נשא לבבנו אל

כפים" די האנט דארף שטימען מיט דער הארץ, און דאן וועט אונזער תשובה תפלה און צדקה מעביר זיין את רוע הגזרה, און מיר וועלען האָבען א כתיבה וחתימה טובה, בתוך כלל ישראל, אמן.

סכות

סכות דער יום טוב פון ברידערליכקייט און גלייכהייט,

בסכות תשבו שבעת ימים כל האזרח בישראל ישבו בסכות למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוצאתי אותם מארץ מצרים (ויקרא כ"ב). ואנכי ד' אלהיך מארץ מצרים עוד אושיבך באהלים כימי מועד (הושע י"ב).

אין די פרייליכע טעג פון חג האסיף, האָט אונז די תורה פארזאָגט צו זיצען אין סכות. און אזוי אויסדריקליך. איז דער תורה'ס פאַרלאַנג, אַז מיר זאָלען זיצען אין סכות, אַז די תורה דריקט זיך אוים "כל האזרח בישראל ישבו בסכות". יעדער אַלט בעזעסענער אידישער איינוואוינער זאָל זיצען אין סכות.

אומפארשטענדליך איז די מצוה פון סוכה, ווען דער אוי־בערשטער וויל, אַז מיר זאָלען זיין פריילאַך, מוזען מיר דוקא אויף דעם האָבען אַ סוכה. קאָן זיך דען אַ איד ניט פרעהען אין זיין אייגענער הויז, וואו עס איז פיעל באקוועהמער ? און די תורה אַליין ריהמט דאָך די אידישע הייזער "ובתים טובים תבנה וישבת ובקרך וצאנך ירביון וכסף וזהב ירבה לך וכל אשר לך ירבה". וואָס פאַר אַ שמחה איז דאָס אַרויסצוציהען זיך פון גרויסע באַקוועהמע הייזער און געהען זיצען אין שוואַך געבויטע צייטווייליגע ביידלאַך ? און אויך דער טעם, וואָס די תורה גיט "כי בסוכות הושבתי את בני ישראל", איז אומפאַר־שטענדליך, אין סוכות, די ערשטע אידישע סטאַנציע האָבען דאָך די אידען גערוהט אין פריהלינג גלייך נאָך זייער ארויס־געהן פון מצרים, און וואָרום פייערען מיר דעם אָנדענק פון דעם אין הערבסט? און בכלל מיט וואָס צייכענט זיך אוים די סטאַנ־

ציע סוכות מעהר ווי אלע אנדערע פלעצער, וואו אידען האבען גערוהט, און ווי פיעל וויכטיגערע געשעהענישען פון גרעסערען בעדייט פאר'ן אידישען פאלק האבען געשעהן און הקב"ה האט נישט געהייסען פייערען זייער אנדענק? קיין יום טוב איז נישט פארבונדען מיט די צוויי און פערציג מסעות און תחנות, וואס די אידען האבען דורכגעמאכט אין מדבר, אויף זיי זאגט ניט די תורה "למען ידעו דורותיכם".

אויך דער נביא הושע שטעלט פאר דאס זיצען אין סוכות פאר א גרויס נאציאנאל גליק אין דער ווייטער צוקונפט. ער זאגט צו דאס אידישע פאלק "עוד אושיבך באהלים כימי מועד".

עס ליגט א טיפער געדאנק אין דער מצוה פון סוכה, און צו מאכען דעם געדאנק קלאהרער און דייטליכער, האט די תורה באשטימט די צייט צו פארווירקליכען די מצוה אין חג האסיף. אבסאלוט גלייכקייט, דעמאקראטיע אין איהר ריינסטען געשטאלט, איינינקייט פון פאלק ישראל, איז דער גרונד גע-דאנק פון דער מצוה פון ישיבת סוכה. ניט צו דערלאזען די אומבאגרענעצטע מאכט פון איין קלאס איבערן צווייטען. ניט צו דערלאזען, אז דער קלאס פון די רייכע און זאטע זאלען פאר-שטויסען דעם קלאס פון די ארימע און אומבאהאלפענע איז דער באדייטונג פון דער סוכה.

ווען דער נביא ישעיה שרייט אויס "והיתה מסילה לשאר עמו אשר ישאר מאשור", ווען ער באשולדיגט דאס אידישע פאלק, אז ווען זיי טהוען, וואס אנדערע האבען שוין פריהער פאר זיי דאס געטהאן, ווען ער באשולדיגט אונז אין אומאריגי-נאליטעט אין נאכפאלגען די מסילה פון אנדערע. און אז ווען מיר באריהמען זיך, אז מיר האבען עס געשאפען "כי גאות עשה", איז "כבר מודעת זאת בכל הארץ", ווייס שוין די וועלט

לאַנג פון דעם. איז דאָס בלויז דער נביא׳שער פּאַטאָס זיינער, וואָס מאַכט איהם אַזוי צו ריידען. די פייערדיגע באַשולדיגונג, וואָס איז אונז געוואָרפען געוואָרען, איז געזאָגט געוואָרען, ווען דער נביא איז געוועזן אין אַ תוכחה שטימונג, אָבער דער נביא האָט בשום אופן ניט געמיינט צו באַריידען אונז פון אריגינאַליטעט. די געשיכטעס פון אונזער פאָלק און די וועלט געשיכטע ווייזען, אַז מיר זיינען שטענדיג געווען די פאַרלויפער פון יעדען אָריגינאַלען געדאַנק. מיר זיינען שטענדיג געוועזן די ערשטע, וואָס האָבען בירגער רעכט פאַר יעדען וויכטיגען געדאַנק אין דער וועלט אויסגעקעמפט. קיין גרעסערע באַשטעטיגונג אויף דעם, וואָס מיר האָבען יעצט אַרויסגעזאָגט דאַרפען מיר ניט האָבען ווי די געשיכטע פון קלאַסען קאַמף. דער קאַמף צווישען די אָרימע און אונטערדריקטע מאַסען און די רייכע און מאַכטהאָבענדע. וויפיעל בלוט איז דאָס פאַרגאָסען געוואָרען אין דעם גראַנגעל צווישען די צוויי אַנטאַגאָניסטישע קלאַסען. וויפיעל לענדער און מענשען זיינען עס אין דער קאַמף אומגעקומען? וויפיעל אומרוהו און פאַרניכטונג האָבען די אַלע איבערקערענישען און רעוואָלוציעס מיט זיך געבראַכט? און האָבען מיר דען דעמאָקראַטיע? האָבען מיר דען אַבסאָלוט גלייכהייט? זיינען דען אויך היינט ניטאָ האַרן און שקלאַפען, דריקער און אונטערדריקטע? אָבער ביי אונז אידען נאָך מיט טויזענטער יאָהרען צוריק, ווען די גאַנצע איצטיגע ציוויליזירטע וועלט איז אין אונוויסענהייט און באַרבאַריזם געווען פאַרזונקען, איז שוין דער געדאַנק פון דעמאָקראַטיע אין זיין רייגסטער פאָרם, דער געדאַנק פון ברידערליכקייט און גלייכהייט געווען אַ טהייל פון אונזער וועלט אנשויאונג, ווי וואונדערבאַר דריקט עס אוים דער נביא יואל: "והיה אחרי כן אשפוך את רוחי על כל בשר. ונבאו בניכם ובנותיכם, זקניכם חלומות יחלומון, בחוריכם חזיונות יראו, וגם על העבדים והשפחות בימים ההם אשפוך את רוחי". דאָס אידישע פאָלק, האָט סיי אין געדאַנק און סיי אין פאַקט געגעבען גלייכע רעכט

יעדען. גלייכע רעכט אין דער מאטעריעלער און גייסטיגער וועלט, צו די טרוימער און בילדער זעהער, צו די "בניכם ובנותיכם", און צו די מענשען פון די נידעריגע קלאסען, אפילו אויף די "העבדים והשפחות אשפוך את רוחי".

און דאס איז דער געדאנק פון יום טוב סוכות, אין דער צייט פון חג האסיף, אין דער צייט ווען יעדער איינער זאמעלט איין אין די שייערען דאס וואס גאט האט דורכ'ן זומער זיינע פעלדער געבענטשט. דאן זעהט זיך אמשטארקסטען דער הבדל צווישען רייכען און ארימען. דאן איז אמשטארקסטען די שנאה פון די ארימע צו די רייכע. דאן איז אמשטארקסטען די גאוה פון די רייכע צו די ארימע. דאן זאגט די תורה צום רייכען, געה ארויס פון דיינע וואונדערבארע אויסגעמעבעלירטע צימערען און ציה זיך אריין אין די ארימע ביידלאך צוגלייך מיט'ן ארימאן, זיי נאר צוזאמען מיט דיין ארימען ברודער אין דער סוכה, און זאל דיר די סוכה דערמאנען, אזוי ווי די סוכה איז צייטוויילינ, אזוי איז אויך דער מענשען'ס לעבען צייטווייליג. געה טייל זיך מיט דיין פרייד, טייל זיך מיט דיין פארמעגען, "גם את הלוי, הגר, היתום והאלמנה אשר בקרבך". פארשווינדען וועט די פארביטערקייט פון דער אריםאן צו דיר. פארשטיינט וועט מעהר דיין הארץ ניט זיין, ווען א ארימע האנט וועט זיך צו דיר נאך הילף שטרעקען.

ווי וואונדערבאר שילדערט עס נחמיה דעם איינדרוק, וואס דער יום טוב סוכות האט געמאכט אויף די שבי הגולה. "ויצאו העם ויביאו ויעשו להם סוכות אשר על גגו ובחצרותיהם ובחצרות בית האלהים, וברחוב שער אפרים, וישבו בסוכות ותהי שמחה גדולה מאד." וואס האט פאראייניגט "רחוב שער המים" און "רחוב שער אפרים", וואס האט פאראייניגט דעם "וואטער פראנט" און די רייכע אויסגעפוצטע גאסען? וואס האט פאראייניגט "חצרות בית האלהים" מיט "איש על גגו"?

ס'האָט זיי פאראייניגט דער "ויצאו העם ויביאו ויעשו להם סוכות". די סוכה האָט פאראייניגט אָרטשארד סטריט מיט פיפטע עוועניו. די סוכה האָט פאָראייניגט דעם אָרימאַן מיט'ן רייכען אין איין גרויסער פאָלק'ס שמחה.

אין ע"ז דף ג', איז פאַראַן אַ מאמר "אמרו אומות העולם לפני הקב"ה תנה לנו מראש ונעשנה, אמר להן הקב"ה מצוה קלה יש לי וסוכה שמה לכו ועשו אותה מיד כל אחד ואחד נוטל והולך ועושה סוכה בראש גגו והקב"ה מקדיר עליהם חמה וכל אחד בועט בסוכתו ויצא שנאמר ננתקה את מוסרותימו ונשליכה ממנו עבותימו, וישראל נמי זמנין דמשכי להו תקופת תמוז עד חגא והוי להו צערא ובעטי לא מבעטי".

די גמרא ווייזט אונז דאָ דעם אונטערשייד צווישען אידי־שען פאָלק און אַנדערע פעלקער. ביי זיי, ווען מ'פאָדערט פון זיי צו מאַכען אַ סוכה, זיך צודערנענטערען און פאַרברידערען מיט די אָרימע שיכטען, זאָגען זיי מיט דעם גרעסטען פאַר־געניגען, מ'באַשליסט עס אין פאַרלאַמענט, אין קאָנגרעס, "כל אחד עושה סוכתו בראש גגו". יעדער פאָליטישען זאָגט ס'איז זיין העכסטער פאַרלאַנג, זיין באַליבסטער וואונטש. אָבער ווי עס הויבט נאָר אָן שיינען די זון, די זון פון רייכקייט און פראָספּערימי, דאַן איז כל אחד ואחד בועט בסוכתו ויצא, ווי נאָר זיי דערפילען זיך אַ ביסעלע שטאַרקער, פאַרגעסען זיי די אַלע צוזאָגען. די אַלע שעהנע פראַזען בלייבען בלויז אויפ'ן פאַפּיר, און אין לעבען איז בועט בסוכתו. צו ברעכען זיי די אַלע פארפליכטונגען, וואָס זיי האָבען גענומען אויף זיך "ננתקה את מוסרותימו ונשליכה ממנו עבותימו". אָבער ניט אַזוי איז מיט'ן אידישען פאָלק. די אידען זיינען מקיים מצות סוכה בפועל ממש. געבונדען זיינען די רייכע מיט אַ שמיטה, מיט אַ יובל דינים, משפטים, אפילו פאַר מעכטיגע דעספּאָטען. די אידען היטען אָפּ מצות סוכה, סיי אין צייטען, ווען די זון שיינט, אין

צייטען פון רייכקייט און פּראָספּעריטי, און סיי אין צייטען "דהוי להו צערא", אין שלעכטע צייטען, אין די ערשטע פאַלען ווירען זיי ניט צו גרויס ביי זיך, און אין צווייטען פאַל ניט צו פאַרביטערט. די אידען זיינען קיינמאָל ניט קיין בועטין בסוכתן.

דער יום טוב סוכות איז דער פאָלק'ס טימליכסטער פון אַלע אידישע ימים טובים. ווערען אָפּגעווישט אין איהם אַלע גרעניצען צווישען אָרעם און רייך, אַריסטאָקראַט און פלעביאַנער. דאָס פאָלק נעהמט אפילו אַן אַקטיווען אַנטהייל אין דער גאָטעס דינסט, וואָס א גאַנץ יאָהר האָט די פּריווילעגיע אין איהר גרעסטען טייל געהערט צו די כהנים. באַזונדערס האָט זיך אַרויסגעוויזען די פּאָפּולאַריטעט און פאָלקסטימליכקייט פון יום טוב סוכות אין די צייטען פון בית שני, ווען דער אמט פון כהונה גדולה איז זייער אָפט אריינגעפאַלען אין די הענט פון די צדוקים, וועלכע זיינען געווען פאַרהאַסט ביים פאָלק צוליב זייער ניט אידישער אויפפיהרונג, דאַן איז דער יום טוב סוכות פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ דעמאָניסטראַציע פאַר טראַדיציאָנאַל פאָלקסטימליכער אידישקייט קעגען דער פאַרגליווערטער אָפּגעשטאַנענקייט פון די צדוקים. די צערמאָניע פון ניסוך המים, די געשרייען "הגבה ידך", האָבען נאָך מעהרער פאַרשטאַרקט די פאָלקסטימליכקייט און דעמאָקראַטישקייט פון יום טוב סוכות. די דערציהונג, וואָס דאָס פאָלק האָט געקראָגען אין די אַלע פייערליכקייטען, האָט געהאַט זיינע רעזולטאַטען, פאַרטריבען האָבען זיי די צדוקים, וועלכע זיינען געווען פרעמד צו זיי, און פאַרנומען האָבען זייער אָרט די תלמידי חכמים, וועלכע זיינען געקומען פון אַלע שיכטען פון פאָלק, ניט דוקא פון די אַריסטאָקראַטען, און דער מאָטאָ איז געוואָרען "הזהרו בבני עמי הארץ שמהם תצא תורה" (סנהדרין צ"ו). איצט ווערט אונז פאַרשטענדליך די ווערטער פון גרויסען עניו הלל, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אמאָל

ביי א שמחת בית השואבה, "אם אני כאן הכל כאן! ואם אין אני כאן מי כאן"? ווייל מיט'ן "אני" האָט ער ניט געמיינט זיין פערזענליכען "איך", נאָר דער פאָלק'ס "איך", אויב דער פאָלק'ס "איך", איז דאָ דאַן, איז אַלעס דאָ — — — — — — — — דאַן איז דאָ שלום על ישראל", ווי עס געהט די ברכה, מיט וועלכע זיי האָבען געשלאָסען די שמחה "כשהיו נפטרין זה מזה היו אומרין שלום על ישראל" (סוכה פ"ה).

שפעטער ווען אויך דער תלמיד חכם האָט זיך אַביסעלע גענומען דערווייטערען פון פאָלק, האָט איהם דאָס פאָלק מיט זיין ריכטיגען דעמאָקראַטישען חוש געוויזען די ניט ריכטיג-קייט פון דעם. זעהר שעהן ווערט דאָס אילוסטרירט אין דעם מאמר אין ברכות דף ל"א: "מר בריה דרבינא עבד הלולא לבריה חזנהו לרבנן דהוו קא בדחי טובא אייתי כסיא דמוקרא בת ת' זוזי ותבר קמייהו ואועציבו. רב אשי עבד הלולא לבריה חזניהו לרבנן דהוו קא בדחי טובי אייתי כסא דזוגיתא חיורתי ותבר קמייהו ואיעצבו". דער מאמר איז אויבערפלעכ-ליך אומפארשטענדליך. די זעלבע געשעהעניש זאָל געשעהן אין דער זעלבער צייט צו רבינא און רב אשי. און וואָס איז דער אומגליק, אַז די רבנן האָבען זיך געפרעהט, האָבען זיי זיך דעריבער געדאַרפט אַזוי אויפרעגען און צוברעכען ווערטה-פולע כלים און עובר זיין אויף בל תשחית? א חתונה איז דאָך צו פרעהען זיך. און בכלל וואָס דערצעהלט אונז דאָן דער תלמוד זייער פרייז, ער געהט דען זיי אונז פאַרקויפען? און וואָס זיינען די רבנן טרויעריג געוואָרען, ס'איז דאָך ניט געווען זייערע כלים? ,אין דעם מאמר ווערט דאָ איבערגע-געבען אין אַ וואונדערבאַרער בילדליכער פאָרעם, דער גייס-טיגער מצב פון אידישען פאָלק אין יענער צייט. אַראָפּגעפאַלען איז דאָס אידענטהום פון זיין הויכער מדרגה, שוואכער גע-וואָרען די כוחות, שטאַרקער די שכחה. רבינא און רב אשי געהען צונויפקלייבען די גייסטיגע ווערטען פון די פאַרגאַנגענע

סוכות, זיי ווילען איבערלאָזען אַ מאָנומענט פון אידישען גייסט, וואָס קיין קראַפט זאָל איהם ניט קאָנען אַפּווישען. ווי טרויעריג איז דאָס, אז דאַן זיינען די רבנן "בדחי טובא", ווי טרויעריג איז דאָס, אז די פיהרער באמערקען ניט דאָס וואָס געהט אָהן ארום זיי און לעבען זיך אין אַ ליכט פון זייערע אייגענע וועלטן. דאַן קומט רבינא און דערמאָנט זיי, פארגעסט ניט דאָס פאָלק, פארגעסט ניט אייער פאַראַנטוואָרטליכקייט. ער ברייגנט זיי אַ "כסא דמוקרא בת זוזי", ער דערמאָנט זיי אין ערשטען בית המקדש, פון וואַנען מיר האָבען פיער הונדערט יאָהר גייסטיגע אינספּיראציע געשעפט. עס קומט רב אשי און בריינגט זיי "כסא דזוגיתא חיורתי", דעם קריסטאָל ווייסען בעכער, און דערמאָנט זיי די פראַכט פון צווייטען בית המקדש. זיי שילדערן פאַר זיי אין בילדער די אויפגאַבען פון די בתי המקדש און די כהנים, וואָס שטעהען אין זייער שפּיץ. "ותברו קמייהו". זיי ווייזען דעם חורבן, און וואָס ווערט פון הייליגקייטען, ווען זייערע היטער דערווייטערען זיך פון פאָלק, און דאַן "ואיעציבו" — — — — — — — —

דער יום טוב סוכות קומט צו פאַרשפּרייטען אין פאָלק דעם געדאַנק פון ברידערליכקייט און גלייכהייט, און ער סימ־באַליזירט ניט בלויז די ערשטע תחנה, ווי אידען האָבען גע־רוהט אַרויסגעהענדיג פון מצרים, נאַר דעם גאַנצען פעריאָד פון וואַנדערען און רוהען אין מדבר. ווען זיי האָבען געוואוינט איןביידלאַך און געלעבט אַ פּשוט'ן געזונטען לעבען, אַ לעבען אָן לוקסוס, אָן קריגערייען, אָן קלאַסען קאַמף. עס קומט דער יום טוב סוכות און דערמאָנט אונז יענע אידיאלען, יענעם גליקליכען לעבען, וואָס מיר האָבען געפיהרט אין דער ווייט ווייטער פאַרגאַנגענהייט. עס קומט דער יום טוב סוכות און לעבט אויף אין דער פאַנטאַזיע יענע צייט, ווען אין גלייכקייט פון אָרימע ביידלאַך האָט דאָס פאָלק צו גרויסקייט און וועלט פיהערשאַפט געשטיגען. "למען ידעו דורותיכם",

ווייסט איהר דורות געדענקט, אז פרעמד איז דעם אידישען גייסט, דעספאָטיזם, פרעמד איז איהם אומגלייכהייט, פרעמד איז איהם לוקסוסן. "למען ידעו דורותיכם", געדענקט, אז די גאַנצע אידישע געשיכטע איז קאַמף קעגען די "המציבום את הסוכה בראש גגם". קעגען די וואָס שטעלען אַרויס שעהנע אידיאלען פאר א שילד בלויז, און אין דער שטיל טהוען זיי אָפּ די העסליכסטע זאַכען.

"למען ידעו דורותיכם", אַז דאָס אידישע פאָלק פאַר־טראָגט ניט קיין דעספאָטיזם, זאָל עס זיין פון וועמען עס איז, פריסטער, געלערנטע, אָדער רייכע.

דער געדאַנק פון סוכה, דער געדאַנק פון ברידערליכקייט און אחדות אין אַלע צייטען פון מענשען׳ס לעבען, סיי אין צייטען פון פראָספּעריטי און שפע, און סיי אין צייטען פון דעפּרעסיע און קריזים. ווען "דמשכי תקופת תמוז והוה ליה צערא", וועט סוף כל סוף אריינדרינגען אויך צווישען די איבע־ריגע פעלקער, אויך זיי וועלען באַצויבערט ווערען פון דעם אידיאַלען סוכה לעבען. פון אָט דעם גליקליכען לעבען פון ברי־דערליכקייט, ליבשאַפט און פשטות. פאַרווירקליכט וועט ווערען דער נביא׳שער טרוים פון "ואנכי ד׳ אלהיך מארץ מצרים עוד אושיבך באוהלים כימי מועד"— — — — — — אמן,

* *

לחנוכה

אור הגנוז.

הנרות הללו קודש הם, ואין לנו רשות להשתמש בהן אלא לראותם בלבד, כדי להודות ולהלל לשמך הגדול.

די חז"ל זאָגען, אַז דער נס חנוכה איז ניט ערלויבט געוואָרען צו דערמאָנען איהם בפירוש. ער ווערט נאָר אָנגעוואונקען אין דער תורה, אזוי ווי דער בעל "הרוקח" הקדוש, (וואָס אלע זיינע ווערטער זיינען דברי קבלה, וואָס ער האָט מקבל געוועזן פון אליהו הנביא) שרייבט, אז אין דער תורה געפינען זיך א סך רמזים וועגען דעם נס חנוכה, און וועגען דעם פך השמן, וואָס האָט געברענט אכט טעג, (עיי"ש).

דער גרויסער צדיק מדינוב זצ"ל ערקלערט, אז דערפאר איז דער נס חנוכה ניט געשריבען געוואָרען דורך נבואה, אזוי ווי די אנדערע נסים, ווייל דער נס האָט פאסירט ווען די נבואה האָט שוין אויפגעהערט ביי אידען, און כדי אידען זאָלען ניט פארלירען די האָפענונג און ווערען מוטלאָז, ניט האָבענדיג מעהר קיין נביאים, דארום האָט השי"ת געמאַכט דעם נס בימים ההם אין יענער צייט, צו צייגען די אידען די מעלות פון דער תורה הקדושה, אז די תורה שטייט העכער ווי נבואה.

ווי דער בעל "הרוקח" שרייבט, אז דעריבער האָט מען מתקן געווען, אז חנוכה זאָלען ברענגען זעקס און דרייסיג ליכטלאך, דאָס איז אנטקעגען דעם אור הראשון ביי מעשה

בראשית, וואָס האָט עקזיסטירט זעקס און דרייסיג שטונדען און נאכהער איז ער פארבעהאַלטען געוואָרען פאר די צדיקים לעתיד לבא.

ווי די גמרא זאָגט (חגיגה י"ב.) וירא אלהים את האור כי טוב, אמר ר' אלעזר אור שברא הקב"ה ביום ראשון, אדם צופה בו מסוף העולם עד סופו, כיון שנסתכל הקב"ה בדור המבול ובדור הפלגה שמעשיהם מקולקלים, עמד וגנזו לצדיקים, לעתיד לבא שנאמר וירא אלהים את האור כי טוב (בראשית א' — ד') ואין טוב אלא צדיק, שנאמר: אמרו צדיק כי טוב, (ישעיה ג' — י').

און וואו האָט גאָט פארבעהאַלטען דעם אור הראשון? אין ספר "אור המאיר" אין פרשת פקודי ברייננגט ער דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט, מען איז אַמאָל געקומען צום בעש"ט פרעגען וועגען זעהר א וויטע פאסירונג. דער בעש"ט האָט געעפענט דעם "זוהר הקדוש", וואָס איז געלעגען ביי איהם אויפ'ן טיש, האָט ארייגעקוקט אין איהם. און גלייך געזאָגט אלעס וואָס האָט פאסירט מיט אלע פרטים, און עס איז נאכהער בעשטעטיגט געוואָרען, אַז אלעס איז ריכטיג ווי ער האָט פאָראויס געזאָגט, האָט מען איהם געפרעגט צו דען, אַז מען קוקט אריין אין זוהר קען מען שוין זעהן און וויסען וואָס עס טהוט זיך אין עק וועלט? האָט דער בעש"ט הקדוש געענטפערט יאָ. מיר געפינען דאָך אין דער גמרא, אז די ערש־טע ליכטיגקייט, וואָס מיט איהר האָט גאָט באשאפען זיין וועלט האָט אַ מענש געקענט זעהן דורך איהר פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען, נאָר וויל גאָט ב"ה האָט געזעהן, אז די וועלט איז ניט ווערט צו בענוצען זיך מיט אַזא ליכטיגקייט האָט ער איהם פארבעהאַלטען פאר די צדיקים, היינט וואו איז דער פלאץ, וואָס קען ענטהאַלטען אין זיך אזא ליכטיג־

קיים? און וואו האָט איהם גאָט בעהאַלטען? אין דער תורה הקדושה, ווייל די תורה איז גאָט'ס אוצר, און אז א מענש לערענט תורה לשמה, און קוקט אריין אין איהר מיט זיין גייסטיגען בליק, בעלייכט איהם דער אור הגנוז פון דער תורה אז ער זאָל קענען זעהן וואָס עס טהוט זיך פון איין ברעג וועלט ביז דעם צווייטען, אזוי ווי דאָס איז געווען בעפאָר מען האָט איהם בעהאַלטען, און א חכם — בחכמת התורה—איז דאָך בעסער ווי א נביא, און דעריבער בעטען מיר און מיר זיינען מתפלל: "והאר עינינו בתורתיך" גאָט זאָל עפענען אונזערע אויגען מיר זאָלען זעהן דער אור הגנוז פון דער תורה, און דעריבער ווערט די תורה אָנגערופען "אור".

און דער נס חנוכה איז דערפאר געמאכט געוואָרען מיט בעלייכטונג מיט "אור", צו צייגען די אידען, זיי זאָלען ניט פערצווייפלען צוליב דעם וואָס די "נבואה" האָט זיך אָפּגעטאָהן פון זיי, און די גריכישע אונטערדריקונג איז שוין געווען ניט אויס צו האַלטען. זאָלען זיי זעהן, אז די "תורה" וואָס ווערט אָנגערופען "אורה" שטעהט העכער ווי "נבואה", ווייל דער נביא קען ניט נביאות זאָגען ווען ער וויל, נאָר ווען ער קריגט די השפּעה פון גאָט, אָבער לערנענדיג די תורה, יעדערער נאָך זיין מדרגה, קען קריגען די התגלות פון "אור הגנוז" צו יעדער צייט, ווען ער וויל נאָר, און מיט דעם אופן קען מען ערקלערען דעם מאמר. "ר' יהודא הכם לכשירצה", וואָס אזוי אויבען אויף, איז דער מאמר אומפערשטענדליך, אָבער ווי מיר האָבען אויבען ערקלערט, מיינט דאָס; אז ר' יהודא האָט געקענט זיין א חכם; דורך עוסק זיין בתורה לשמה—"לכשירצה", ווען ער האָט נאָר געוואָלט, און חכם איז דאָך עדיף מנביא, ווי ר' צבי הירש ערקלערט, דאָס א געוויינליכער מענש, אז מ'פרעגט איהם עפּעס אין הלכה אָדער אגדה, און אפילו אין געשעפט זאכען, זאָגט אָפּט, יעצט בין איך ניט

אויפגעלייגט צו אריינטאָהן זיך אין דעם ענין, דער קאָפּ איז פארדרייט, די געדאנקען צו טראָגען. איך קלער גאָר יעצט וועגען אנדערע ענינים, ווארט אביסעל, ביז איך וועל זיך בארוהיגען, אָבער ר׳ יהודא איז געווען אזא חכם, אז ניט קוקענדיג אויף דער צייט, פּלאץ און אומשטענדען, האָט ער שטענדיג געקענט זיך גלייך קאָנצענטרירען — אויב ער האָט נאָר געוואלט—און ענטפערען עס האָט זיך אין גאנצען גע־ווענט אין זיין ווילען. דאָס וואָס ביי אנדערע איז דאָס ניט מעגליך.

מען דערצעהלט אין נאָמען פון הרה״ק ר׳ חיים מסאנדז זצ״ל, דער מחבר פון ספר ״דברי חיים״, ווען מ׳האָט איהם געפרעגט, ער זאָל ערקלערן די גרויסע אומפערשטענד־ליכע רעטעניש פאר וואָס איז די גאנצע וועלט, אלע פעלקער און נאציאָנען געווען פערזונקען און אומוויסענהייט און פינצטערניש, ביז דעם אָנפאנג פון אלף הששי, און פון דעם יאָהר ת״ר לאלף הששי האָבען אָנגעפאנגען געלערענטע צו ערפינדען אזעלכע וואונדערליכע נייעסען אין אלע פאכען פון טעכניק. עלעקטריק, ראדיאָ, עראָפּליין, אויף די אלע געביטען צייגען זיי ארוים וואונדערליכען פראָגרעס, וואָס קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט אפילו אין זיין פאנטאזיע, און אין די לעצטע צעהנדליג יאָהרען זיינען אויפגעטאָהן געוואָרען אויף דעם פעלד פון וויסענשאפט פילייכט מעהר ווי אין די 5 טוי־זענט יאָהר זינט די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען. וואָס איז די אורזאכע פון דעם ? אויף דעם האָט ער ז״ל געענטפערט : איהר זאָלט וויסען, אַז דער אור מיט וועלכען גאָט האָט בע־שאַפען די וועלט, איז געווען אזעלכער וואָס אַ מענש האָט געקענט זעהן דורך איהם פון איין עק וועלט ביז׳ן צווייטען. נאָר ווייל די וועלט איז ניט ווערט געווען צו בענוצען זיך מיט די ליכטיגקייט צוליב די מעשים פון די רשעים, איז די ליכטיג־

קיין פאַרשטעלט געוואָרען מיט פערשיידענע צודעקען, (מחיצות) פון יעדער עבירה איז געוואָרען א נייע מחיצה, ביז די וועלט איז פערזונקען געוואָרען אין א שרעקליכער פינצ־טערניש.

אָבער אין אָנפאַנג פון זיבעטען הונדערט פון אלף הששי, אויף וועלכען ר׳ שמעון בן יוחאי האָט מרמז געווען אין זוהר הקדוש בשנת ״שש מאות״ שנה לחיי נח — וארובות השמים נפתחו, האָבען זיך באמת געעפענט די הימלען, און די ענט־וויקלונג פון אלע חכמות איז געוואָרען בליץ שנעל, מ׳פליט אין דער לופטען, מ׳שווימט אונטערן וואַסער, ווייל עס איז שוין געקומען די צייט דאָס דער ״אור הגנוז״, זאָל נתגלה ווערען, און אלע קליפות און מחיצות ווערען ארונטער גענומען, און מיר ערנעהנטערן זיך אלץ מעהר צו די געטליכע ליכטיגקייט, ווייל דער אלף הששי ווערט גערעכענט ווי ערב שבת, דאן דער אלף השביעי וועט דאָך זיין, יום שכולו שבת ומנוחה לחי העולמים, דעריבער ווערען ארונטער גענומען אלע קליפות ומחיצות פון אור הגנוז מיט א זעלטענע שנעלקייט, און אין גיכען וועט זיך ענטפלעקען דער אור הגנוז מיט זיין גאנצען פראכט פאר אונזערע אויגען, און מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען א גאולה שלמה.

און וואָס גיכער, און וואָס מעהרער, עס וועלען ערפונדען ווערען נייע ערפינדונגען, אלץ גיכער וועט קומען אונזער גאולה השלמה, ווייל ״הגיעה עת לחננה״, עס איז שוין געקומען די צייט, און דעריבער דארפען מיר אָנווענדען אלע אונזערע קרעפטען, צו פאַרשטאַרקען און פאַרגרעסערן דעם כח פון אונזער תורה הקדושה, און צו בעלייכטען אונזערע הייזער און גאסען מיט די הייליגע בעלייכטונג, אלס א געגען קראפט צו די קריסטמעס בעלייכטונג, וואָס דאָס איז דער כח הטומאה,

דער פינצטערער גייסט פון אמאליגע יונים, וועלכע האבען אימער געוואלט פארטונקלען דעם שיין פון אונזער תורה מיט זייער פאלשע קולטור, אין נאמען פון ציוויליזאציע, וועלכע איז בעגרינדעט אויף אלע שבע תועבות נאר פארמאסקירט, ביי היינטיגע צייט טוהען דאס זייערע פערטרעטער, עס איז דאך צו בעדויערען צו וואס מיר האבען דערלעבט! אונזערע קינדער ווייסען פון קריסטמעס, אבער ניט פון חנוכה, און וואס טוהען אונזערע אלטע? זיי פארברייינגען זייער צייט אין קארטען שפיל ניט נאר חנוכה, נאר א גאנץ יאהר, טאג און נאכט, שפילט מען אין קארטען, "קארטען" איז בגמטריא "שטן", אין די צייטען פון די גריכען איז געווען 36 קארטען געגען די 36 חנוכה ליכטלאך, וואס זיינען געגען די ל"ו מסכתות.

רעדענדיג וועגען קארטען, איז כדאי צו דערצעהלען וואס איך האב געהערט אין נאמען פון די צוויי הייליגע ברידער רבי אלימלך און ר' זוסיא זצ"ל, אין דער צייט וואס זיי האבען אפגעריכט גלות, בעפאר זיי זיינען נתגלה געווארען, האבען זיי ביידע געוואנדערט פון שטאט צו שטאט און פון דארף צו דארף, געשלאפען אונטערן אויווען, און אזוי וואנדערענדיג, האבען זיי מעורר געווען דעם פראסטען המון צו תשובה.

אמאל זיינען זיי געקומען אין א קרעטשמע, האבען זיי דארטען געטראפען א גאנצע קאמפאניע עלטערע אידען זיצען און שפילען אין קארטען. די ברידער האבען דאס ניט געקענט צוקוקען גלייכגילטיג, ווי עס זיצען אלטע לייט און פארברייינגען די צייט אין נארישקייטען. רופט זיך אן דער רבי אלימלך, הערט אידען, איך וועל אייך דערצעהלען א שיינע מעשה.

דער עולם האט זיך ארום געזעצט נעבען איהם, און ער האט דערצעהלט. אז אמאל איז געקומען דער יצר הרע פאר

גאָט מיט א שטאַרקע טענה. ער האָט גע'טענה'ט, איך ארבעט שווער און ביטער ביז מיר געלינגט איינעם איבער צו ריידען, אז ער זאָל טהאָן א עבירה, אין א צייט ארום איז ער זיך מישב און טהוט "תשובה", און דו גאָט ביזט איהם מוחל, און מיין גאַנצע ארבעט איז אומזיסט. ענטפערט איהם גאָט: אזוי האָב איך בעשלאָסען, איז אויב ער טהוט תשובה בין איך איהם מוחל, און מיין וואָרט וועל איך ניט ענדערען. רופט זיך אָפּ דער יצר הרע. איך פראָטעסטיר געגען אזא אָרדענונג, און איך ענטזאג זיך פון מיין שטעלע. באלד האָט מען אויס-גערופען אין הימעל: ווער וויל אָננעהמען די שטעלע? און עס האָט זיך געפונען א מלאך, וואָס האָט איבערגענומען די ארבעט פון יצר הרע. אין אַ צייט ארום האָבען זיך אָנגעטראָ-פען דער אַלטער מיט'ן נייעם יצר הרע, פרעגט ער דעם נייעם נו, ווי געהט עס ברודער? ענטפערט דער נייער. אויסגע-צייכענט, זעהר פיין. וואונדערט זיך דער אַלטער יצר הרע, ווי קען דאָס זיין, איך האָב אָפּגעארבעט טויזענטער יאָהרען, און ענדליך האָב איך זיך ענטזאגט פון מיין שטעלע, און דו זאָגסט, דאָס דו מאכסט גוטע געשעפטען?

ענטפערט איהם דער נייער יצר הרע. איך וועל דיר דאָס ערקלערען. די ביזט געגאנגען ארבייטען צווישען די יונגע, האָבען זיי געהאַט צייט און מעגליכקייט צו חרטה האָבען און תשובה טהאָן. איך ארבעט נאָר צווישען די אַלטע, וואָס היינט זיינען זיי דאָ, און מאָרגען — ואיננו. זיי האָבען גאָר קיין צייט ניט און קיין געלעגענהייט תשובה צו טהאָן! — — — —

פון דעם איז צו זעהן, וואָס פאר א געפערליכע זאך די קאָרטען זיינען, ניט נאָר איז "קאָרטען" בגימטריא "שטן", נאָר עס איז דער שטן אליין. פרומע אָרטאָדאָקסישע אידען בעשעפטיגען זיך מיט שפּיעלען אין קאָרטען, דאָס איז בטול-תורה, מושב לצים און נבול פה. פרויען פארלאָזען דאָס

הויז און די קינדער אויף הפקר, און לויפען שפּילען ברידזש, פיהרען איבער דעם מאַנ׳ס פארהאַרעוועטע געלט, שווערען פאלש, און נאָך און נאָך צרות, וואָס קומט ארוים פון שפּילען קאָרטען.

דעריבער דארפען מיר זעהן בעלייכטען אונזער הייזער מיט חנוכה ליכט, מיט די ליכט פון דער תורה און מצוות. און געבען אונזערע קינדער א אמת׳ע, אידישע טראַדיציאָנעלע ערציהונג, זיי זאָלען זיין איבערגעגעבען צו זייער פאָלק און תורה, דאַן וועט אונז גאָט שיקען דעם גואל צדק ב״ב, אמן.

לפרשת שקלים

כי תשא את ראש.

וידבר ה׳ אל משה לאמר כי תשא את ראש בני ישראל לפקודיהם, ונתנו איש כופר נפשו לד׳ בפקוד אותם ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם (שמות ל׳ כ״א).

ווען דער אויבערשטער האָט געהייסען צעהלען די אידען, האָט ער זיך אין זיינע ווערטער צו משה רבנו באַדיענט מיט דעם אויסדרוק ״כי תשא״. טייטשען מיר דאָס געוועהנליך ״ווען דו וועסט אויפנעהמען די צאָהל קעפּ פון די אידען״. פרעגען די מפרשים אויף דעם דאָזיגען אויסדרוק, ווייל ווען מען האָט ביי אנדערע געלעגענהייטען געצעהלט די אידען, ווערט געוועהנליך געברויכט דער אויסדרוק ״פקד״ אָדער ״מנה״.

זיינען טאַקע פאַרהאַנען וועגען דעם פאַרשיעדענע תירוצים. זאָגט איין מדרש: ״אמר הקב״ה כי תשא את ראש, מפני שאמרו נתנה ראש ונשובה מצרימה ונענשו בכל ראש לחלי״, דאָס מיינט, אַז די תורה באַנוצט זיך דאָ מיט׳ן אויסדרוק ״כי תשא את ראש״, ווייל אַזוי ווי די אידען האָבען געזאָגט ביי די מרגלים ״נתנה ראש ונשובה מצרימה״, זיינען זיי דערפאַר געשטראָפט געוואָרען מיט ״כל ראש לחלי וכל לב דוי״.

האָט אָבער דאָס לשון ״כי תשא״ נאָך פאַרשיעדענע אַנדערע טייטשען און איין טייטש איז ״דעם קאָפּ אַרונטערנעה-

מען", ווי דער פסוק זאגט ביי יוסף, אז ווען ער האט עריקלערט דעם שר־האופים זיין חלום, האט ער געזאגט "ישא פרעה את ראשך מעליך". דערצעהלט טאקע דער מדרש רבה (אין פ׳ כי תשא), ווי א קעניג איז אמאל געווען אין כעס אויף זיין זוהן, האט ער אזאג געטהון צו זיינעם א סאלדאט "שא את ראש בני", וועלכעס האט געמיינט: נעם אראפ דעם קאפ פון מיין זוהן, ווייל ער האט זיך געגען מיר פארזינדיגט און ער איז א הייב־מיתה.

איז דעמאלט, ווען דער קעניג האט דעם דאזיגען באפעהל ארויסגעגעבען, געשטאנען דאביי דעם קעניג׳ס העכסטער מי־ניסטער, האט ער זיך אריינגעמישט דערצווישען און ער יהאט געזאגט: "אדוני קעניג! קענסטו דען וועלען טויטען דעם איינציגען זוהן דיינעם, דעם יורש פון דיין טהראן? און אז דו וועסט איהם טויטען, ווער וועט אנהאלטען דיין דינאסטיע?"

האט זיך דער קעניג געלאזט איינבעטען און ער האט א זאג געטהון:

— ביזט גערעכט! וואס קען איך אבער טהון מיט מיין באפעהל, ווען איך האב געזאגט "שא את ראש"?

— וועלען מיר דיין באפעהל אויסטייטשען, אז דו האסט איהם געהייסען דערהויבען! — האט דער מיניסטער גע־ענטפערט און זיין אויסטייטשונג איז אויך אנגענומען גע־ווארען.

דאס זעלבע איז געווען, ווען די אידען האבען געמאכט דעם עגל און זיי האבען זיך פארדיענט, עס זאל אויף זיי ח"ו קומען א "כליה", האט משה רבנו אין זיין גרויסער ליעבשאפט צום פאלק ישראל גע׳טענה׳ט צום אויבערשטען, אז כביכול דארף דאס נישט טהון, ווייל די מצריים וועלען קענען זאגען,

אז ווען ער האָט זיי אַרויסגעצויגען פֿון מצרים, האָט ער גע־האָט דעם צוועק, זיי אומצוברענגען אין מדבר, און אַז דער אויבערשטער וועט חלילה אומברענגען די אידען, טאָ ווער וועט אָפּהיטען זיין תורה? — האָט דאָן משה רבנו אויסגע־טייטשט דעם "כי תשא את ראש", נישט אַז מען דאַרף זיי אַרונטערנעהמען די קעפּ, נור אַז מען דאַרף זיי דערהויבען.

אַן אַנדערער מדרש (פּסיקתא רבתי) גיט זיין ערקלערונג, אַז ווען דער פּסוק זאָגט "כי תשא את ראש", וויל ער אונז דערצעהלען, אַז דער אויבערשטער האָט צו משה רבנו אַזוי געזאָגט: "מעגסט אַלסדינג טהון, ווי דו ווילסט, און ווען דו ווילסט אויפהויבען די באַדייטונג פון דער דאָזיגער אומה דייַנער, מעגסטו דאָס טהון, ווייל עס וועט ביי מיר זיין אַזוי חשוב, גלייך ווי דו וואָלסט מיך אויפגעהויבען!" — און ווען דער פּסוק זאָגט "כי תשא את ראש", דאַרף מען באַדענקען, אַז עס שטעהט נישט "כי תשא את בני ישראל", נור "כי תשא את ר א ש בני ישראל", מיינט דאָס, אַז דו וועסט וועלען דער־הויבען דעם קאָפּ פון אַלע אידען, דאָס הייסט כביכול דעם אויבערשטען, ווי דער פּסוק זאָגט "ויעבור מלכם לפניהם וה' בראשם", דאָס הייסט: דער מלך זייערער וועט דורכגעהען פאַר זיי און גאָט'ס שכינה וועט זיין אויף זייער קאָפּ.

עס איז א משל, ווי איינער מאַכט א קרוין און פאסט אין איהר אריין פאַרשיעדענע איידעלשטיינער און פערעל. זעהט דאָס איינער און ער זאָגט: "גיב טאַקע אריין אַזוי פיעל איידעל־שטיינער ווי דו קענסט נור, ווייל די דאָזיגע קרוין, וועלכע דו מאַכסט דאָ, דאַרף באַצירען דעם קעניג'ס קאָפּ!"

זאָגט ווייטער דער מדרש תנחומא: "כי תשא את ראש, הדא היא דכתיב צדקה תרומם גוי", דאָס מיינט, אַז ווען דו

ווילסט אויפהויבען די ווערדע פון די אידען, דארפסטו געבען א שקל, ווייל צדקה דערהויבט א פאלק.

און דער מדרש רבה (שמות פרשה ל"ט) זאגט, אז ווען דער אויבערשטער האט געהייסען, די אידען זאלען געבען שקלים, האט ער געמיינט צו זאגען: "אידען זיינען מיר שולדיג א חוב, דארפען זיי באצאהלען, וואס זיי האבען ביי מיר געליהען". ווערט דארט דער אויסדרוק "כי תשא" געטייטשט ווי "כי תשה", ווען דו ווילסט האבען צו מאהנען, מיינט דאס, אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה רבנו: "זאג אן צו די אידען, אז זיי דארפען מיר באצאהלען, וואס זיי זיינען מיר שולדיג!"

דערנאך זאגט דער אויבערשטער ווייטער, אז ווען ער הייסט אידען געבען צדקה, דארפען זיי זיך דאס נישט רעכענען פאר א באזונדערן זכות, ווייל עס איז גאר אדרבה א טובה פון גאט, ווען ער ערלויבט, אז דער וואס האט א בעסערע פרנסה אין דער האנט, זאל אוועקגעבען א טייל פון דעם, וואס דער אויבערשטער האט איהם געגעבען, צו אזעלכע מענשען, וואס זיינען נישט געענוג באזארגט מיט א גוטער פרנסה.

און דאס זעלבע איז אויך, וואס מען דארף געבען צו די באדערפענישען פון א קהלה אדער א קאנגרעגיישאן, ווייל דאס איז נישט מעהר ווי אפגעגעבען א חוב צום אויבערשטען און עס רעכענט זיך גלייך ווי דער אויבערשטער זאל באשעהרען די הצטרכות'ן פון דער קהלה אדער פון דער קאנגרעגיישאן דורך די הענט פון די מעמבערס. האט שוין דער מדרש דערמאנט די קשיא, צו וואס דער אויבערשטער האט דאס געדארפט טהון, ווען ער האט גאנץ גוט געקענט איינארדנען די אומשטענדען, מען זאל נישט דארפען גאר נעהמען ביי יחידים. האט ער דאס

אבער אנדערש איינגעריכטעט און ער האט געהייסען נעהמען דעם "קרבן תמיד" פון די שקלים, וואס אלע אידען זיינען מחויב צו געבען, כדי אלע אידען זאלען זיין צו דעם שותפים.

דער שקל האט געהאט נאך א טעם. ר' יוחנן בן זכאי זאגט (מדרש תנחומא פ' תשא), אז ווייל אידען האבען עובר געווען אויף די "עשרת הדברות", האט זיי דער אויבער-שטער געהייסען געבען צו צעהן גרה, וועלכעס איז געווען א האלבער שקל, אז די נדבה פון צעהן גרה זאל מכפר זיין אויף די עברות פון די צעהן דברות.

איז ווייטער א קשיא וועגען די "נשיאים", צי עס וואלט נישט גלייכער געווען, מען זאל ארויפלייגען די פליכט פון אוים-האלטען א קהלה אדער א קאנגרעגיישאן אויף די "נשיאים", דאס הייסט אויף די וואס האבען די פיהרערשאפט און זיי זיינען דערצו געגוג רייך.

קען מען זיך אבער אויף די אזוי אנגערופענע "נשיאים" נישט פארלאזען, והראיה, אז ווען דער אויבערשטער האט גע-הייסען אויפבויען א משכן פון זיין כבוד וועגען, האט איטליכער געדארפט געבען ווי ווייט זיין גוט הארץ האט אויסגעטראגען און אויף וויפיל עס האבען געגרייכט זיינע כחות. איינער האט געגעבען א שטיק גאלד אדער זילבער, אנדערע האבען געגעבען א ביסעל וואל, א הויט פון א חיה וכדומה. די ארימע אידען האבען אויך אלסדינג צונויף-געקליבען אין א פיעל גרעסערער מאס, ווי מען האט געדארפט. אויף זייערע פלייצעס האבען זיי געשלעפט מיט זיך האלץ און ברעטער פון מצרים, האבען זיי דאן דאס דאזיגע האלץ און די ברעטער גערן אוועקגעגעבען צום משכן. צונויף-געקראצט האט יעדער דאס לעצטע פון זיין אייגענטום, ווען עס האט נור געקענט טויגען פאר'ן משכן און ער האט עס אוועקגעטראגען מיט שמחה צו משה רבנו, ביז עס

איז איבער דער גאַנצער מחנה אויסגערופען געוואָרען, אַז מען וועט נישט מעהר אָננעמען קיין מתנות פאַר׳ן משכן.

בלויז איין קלאַס מענשען איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פון וויטען און האָט נישט געבראַכט גאָר צום משכן. דאָס זיינען געווען די ״נשיאים״ פונ׳ם פאָלק. זיי איז נישט אָנגע־שטאַנען, אַז זייער נדבה זאָל זיך אויסמישען מיט די נדבות פון די ברייטע פאָלקסמאַסען. אַזוי ווי זיי האָבען געוואָלט געבען עפּעס אַזוינס, וואָס איטליכער זאָל האָבען צו ריידען דערפון, האָבען זיי איבערגעוואַרט די צייט, ווען אַלע האָבען געגעבען און זיי זיינען געקומען מיט זייער ווילען בייצושטייערען עפּ־וואָס צום משכן, ווען עס איז שוין געווען אַלעס פערטיג און מען האָט שוין נישט מעהר גאָר געדאַרפט האָבען. דאַמאָלט ערשט האָבען די נשיאים געבראַכט די איידעלשטיינער צום חושן ואפוד. די נדבה איז זעלבסטפאַרשטענדליך אָנגענומען גע־וואָרען מיט׳ן גרעסטען כבוד און מען האָט אויך גערעדט פון איהר אין דער גאַנצער אידישער מחנה. האָבען זיך אָבער פון דעסטוועגען געפונען מענשען, וואָס האָבען געזאָגט, אַז די נדבות פון די אָרימע לייט זיינען געווען וויכטיגער, ווייל מען וואָלט אָהן זיי גאָר נישט געקענט אַנהויבען צו דענקען וועגען אויפשטעלען דעם משכן.

דאָס זעלבע איז אויך אַמאָל געווען, ווען עס האָבען די איינוואוינער פון אַ קליין אידיש שטעדטעל געקליבען נדבות פאַר ״פדיון שבוים״. איז דאַן געשטאַנען דער רב מיט אַ פּושקע אין דער האַנט און יעדער איד האָט עס געפיהלט פאַר זיין חוב, אריין צו וואַרפען עטליכע גראָשען. די גבירים פונ׳ם שטעדטעל האָבען אריינגעוואָרפען גרויסע זילבערנע מטבעות און די מי־טעלע בעלי־בתים זיינען אויך נישט געבליבען הינטערשטעליג. איז פלוצים אָנגעקומען אַן אָרימע אלמנה, וועלכע האָט זיך קוים דורכגעשטופּט צו דער פּושקע און זי האָט אריינגעוואָרפען אַ

קופערנעם גראשען. האט דאן דער רב געזאגט: "זעהט איהר. אט די נדבה איז גרעסער פון אייערע אלע נדבות, ווייל איהר האט אלע געגעבען פון דעם, וואס איהר האט צו פיעל, און זי האט געגעבען פון דעם, וואס איהר פעהלט. אנשטאט צו קויפען עטוואס פאר זיך פאר דעם געשענקטען גראשען, גיט זי איהם ליבערשט א נדבה!"

איז כדי עס זאל נישט איינער געבען מעהר און איינער וועניגער, נור אלע אידען זאלען געבען גלייך, אהן א חלוק צו איינער איז אן עושר אדער איינער איז אן ארימאן, האט די תורה מתקן געווען, איטליכער זאל געבען א "מחצית השקל"— און זוען עס האנדעלט זיך, למשל, וועגען דער מצוה פון צדקה, מוז דאס געבען אפילו אן ארימאן, וואס געהט איבער די הייזער. אפילו עני המתפרנס מן הצדקה יעשה צדקה...

"צדקה תרומם גוי" — זאגט א פסוק, און ווען עס וועט ביי אונז אריינדרינגען די פליכט, ווען יעדער וועט פארשטעהען, אז ביי "קרבנות צבור" טאר זיך נישט קיינער אויסשליסען, ווייל איטליכער איז מחויב צו געבען, און דאס געבען דארף זיין אויף אזא שטייגער, אז עס זאל זיין "לא נכר שוע לפני דל", וועט דאן מקוים ווערען דער פסוק "ויעבור מלכם לפניהם וה' בראשם", דאמאלס וועט דער מלך המשיח געהען פאר אונז אלעמען פאראויס און כביכול דער אויבערשטער אליין וועט אנפיהרען דעם גרויסען מארש פון אונזער גאולה. אמן כי"ר.

* *

לפרשת שקלים

מטבע של אש.

זה יתנו כל העובר על הפקודים מחצית השקל בשקל הקודש, זאָגען אויף דעם די חז"ל, אַז משה רבנו איז געווען שווער צו פאַרשטעהן דעם אמת'ן זאַך פון דעם אויבערשטענס באַפעל זה יתנו כל העובר על הפקודים, און אום צו ערקלעהרן משה'ן דעם ריכטיגען זין פון דעם מחצית השקל, האָט גאָט געוויזען משה'ן אַ מטבע של אש און איהם געזאָגט, זה יתנו.

"נטל הקב"ה מטבע של אש מתחת כסא הכבוד והראה למשה ואמר לו זה יתנו". האָט אויף דעם אַמאָל געזאָגט דער הייליגער צדיק רבי מרדכי'לע נאַדווערנער זצ"ל, לויט דעם מאמר זעהט אוים, אַז אונטער דעם כסא הכבוד געפינט זיך געלד, די פראַגע איז אָבער, ווי אַזוי דערגרייכט מען דאָרט אַהין דאָס צו נעהמען? איז דער תירוץ, "גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד", אַז מיר וועלען תשובה טאָהן בלב ונפש חפצה, וועלען מיר דאַן זיין בכח צו דערגרייכען דעם כסא הכבוד, און דאַן וועלען מיר האָבען אַ סך געלט.

דער גרויסער צדיק וגאון ר' יחזקאל שיניאַווער זצ"ל, האָט אַמאָל געזאָגט אויף דעם אין אַ מסיבה פון אַ סך חסידים, היות דער כסא הכבוד איז פאַר איין מענשען צו הויך צו דערלאַנגען. דאַרום לאָמיר אַלע מאַכען יד אחת, דאָס מיינט, אַז דורך אחדות וועלען מיר אַלע ווערען איינס, וועט דאַמאָלסט ווערען פון אַלע הענט איין גרויסע לאַנגע האַנט, און דאַן וועלען מיר זיין בכח, צו דערלאַנגען צו די מטבעות, וועלכע געפינען זיך אונטער דעם

בסא הכבוד, און מיר וועללען האבען פרנסה בריוח אין כל טוב.

דער געדאנק פון געבען דעם מחצית השקל איז שוין פיל ארום גערעדט געווארען פון אללע מפרשים, וואס מיר ווילען דא בעטאנען איז, אז מיט דעם געבען דעם מחצית השקל אליין האט מען נאך ניט יוצא געווען ידי חובה, אז דאס זאל שוין זיין דער כופר נפש, ווייל אין גרונט גענומען איז דער מחצית השקל אן אומבעדייטענדע מטבע, און עס לייגט זיך ניט אויפ'ן שכל, אז דערמיט, וואס א איד וועט זיך אפזעגענען מיט א מחצית השקל זאל ער שוין האבען די ריכטיגע כפרה.

נאר וואס מיינט דער פסוק ונתנו איש, אז ניט נאר דאס געלד זאל מען געבען, נאר מען זאל אויך געבען דעם מענשען, כופר נפש לד' און דאן ווען דער מענש וועט אויך געבען זיין נפש, ניט נאר דאס געלד אליין, דאן וועט זיין ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם.

אייגענטליך איז שווער צו פערשטעהן, ווארום האט גאט ב"ה געצייגט משה'ן א פייערדיגען מחצית השקל און געזאגט צו איהם זה יתנו, אט אזעלכעס זאלען אידען געבען, האבען די אידען געהאט די מעגליכקייט צו געבען א פייערדיגען מחצית השקל ווי דער וועלכער השי"ת האט משה'ן געוויזען? ער האט איהם געדארפט זאגען "כזה יתנו", אט אזוי ווי דער זאלען זיי געבען. און עס איז דא נאך א פראגע, אויב השי"ת האט גע־וואלט אנצייגען משה'ן די פארעם פון א מחצית השקל, ווארום האט ער איהם געוויזען א פייערדיגען און ניט א נאטירליכען נאר אז מיר טראכטען זיך אריין אביסעל טיפער אין דעם ענין פון דעם מחצית השקל, מוזען מיר קומען צום בעשלום, אז דער

מהצית השקל האָט בעצייכענט מיט זיך אַ סימבאָל פון יענער צייט, און פון אַלע צייטען פון מענשליכען עקזיסטענץ.

אַזוי ווי געלד איז רונדיג און עס דרעהט זיך פון איינעם צום צווייטען, אַזוי דרעהט זיך די גאַנצע מענשהייט ארום דאָס געלט דעם גאַנצען לעבען. ניט ווינציג קרבנות האָט שוין דאָס געלד אומגעבראַכט, אַלע מלחמות, און פערשיידענע אומגליקען איז שוין די וועלט אויסגעשטאַנען אַלעם צוליב דאָס געלט.

ווי מיר געפינען אין פסוק. ואת כל היקום אשר ברגליהם (דברים יא, ו) טייטשט רש"י "זה ממונו של אדם שמעמידו על רגליו". באמערקט אויף דעם דער "כלי יקר" אַז דעריבער ווערט געלד אָנגערופען מיט'ן וואָרט "יקום" ווייל דאָס קומט פון לשון "כאשר יקום איש על רעהו ורצחו נפש " דאָס געלד הרג'עט אַוועק אין דעם מענשען דאָס שעהנסטע און דאָס איידעלסטע אין איהם.

דאָס געלט איז אַ סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, מען קען מיט געלט אויפטאָן פיל גרויסע און וויכטיגע זאַכען. דאָס איז אָבער אויך אַ אומבעשטרייטבאַרער פאַקט, אַז געלט איז די דירעקטע אורזאַכע פון פילע אומגליקען אין מענשליכען עקזיסטענץ, ווייל יעדער איינער שטרעבט צו בעזיצען וואָס מעהר דערפון, — "מי שיש לו מנה רוצה מאתים", דער יעניגער, וועלכער בעזיצט דאָס געלט, ברענט אַ וועלט מיט זיין פאַרמעגען, און ער וועגדעט אָן אַלע מיטלען דאָס אַלע זאָלען דאָס וויסען און בעמערקען, ביז ער פאַלט אַליין אַ קרבן פון דאָס געלט, און ווערט פערברענט, און אין דעם ליגט די טראַגעדיע פון אונזער צייט, וואָס קען מיט רעכט בעטיטעלט ווערען די "כלתה פרוטה מן הכיס" פעריאָדע. ווייל עס איז דאָ צופיעל גאָלד, יאָגען זיך אַלע נאָך דעם; דערפאַר האָט דאָס קיינער ניט. (ווי די מעשה וואָל סטריט און די פערשוואונדענע פראָספעריטי), אַלע זעהען אוים ווי נשרפים נאָך אַ גרוים פייער.

געהענדיג צוריק צו יענער צייט ווען אידען זיינען ארויס פון מצרים, און האבען געדארפט ווערען בעלי בתים פאר זיך אליין, און ווערן זעלבסשטענדיג, האט השי"ת געגעבען משה'ן אנווייזונגען, ווי אזוי אידען זאלען זיך באגעהן ביים געברויכען געלט אזוי: אז עס זאל ניט ארויסקומען פון זייער האנדלונג א "סולם מוצב ארצה". דערווארט סולם איז, בגמטריא, ממון; נאר עס זאל זיין "וראשו מגיע השמימה", אז דער מענש זאל האבען אין זינען צו דערגרייכען הימלישעס מיט דאס געלט, און דאס האט השי"ת בעצוועקט מיט צייגען משה'ן א מטבע של אש און איהם אנגעזאגט, זה יתנו, און ניט — כזה יתנו, ווייל ווי די הייליגע חז"ל לערנען אונז איז דער הימלישער פייער פיל אנדערש פון דעם פייער, וואס מיר האבען דא אויף דער ערד, "אש של מטה שורף ומכלה, אש של מעלה שורף ואינו מכלה". דאס מיינט, אז דער הימלישער פייער אונטערשיידעט זיך פון דעם ערדישען פייער. מיט דעם, וואס דער פייער פון דער ערד פארברענט און פארניכטעט אלעס וואס קומט אונטער זיין ווירקונג, אבער דער הימלישער פייער, ברענט אבער פערניכטעט ניט, לויט ווי מיר זעהן דאס סימבאליזירט אין דעם סנה, הסנה בוער באש, דער סנה ברענט מיט א העלישען פייער והסנה איננו אכל, אבער דער סנה ווערט ניט פארברענט. מיט דעם האט השי"ת געגעבען משה'ן צו פארשטעהן, אז ער זאל לערנען די אידען, אז זייער באגיין זיך מיט געלט, זאל ניט זיין אין דעם פארעם פון אש של מטה, ווי מיר האבען אויבען דערמאנט, און ווי מיר זעהן דאס היינט צו אין אונזער לעבען, אז דאס געלט פארניכטעט די מענשהייט, נאר זיי זאלען זיך אזוי באגיין מיט דאס געלט, וואס האט איי-געגנטליך אין זיך א פארניכטענדען קראפט, אז עס זאל ניט זיין שעדליך און געפערליך פאר דעם בעזיצער פון דאס געלט. און דאן וועט מקוים ווערען דער פסוק, וועלכער השי"ת האט געזאגט צו משה'ן, עס זאל זיין א מחצית השקל בשקל "הקודש" ולא יהיה בהם נגף. דאס געלד וועט נאר בענוצט ווערען פאר

פיינע און הערליכע צוועקען וועט עס ניט שאפען קיין קרבנות ווי מיר זעהען היינט צו טאג, עס ווערען בעגאנגען די גרעסטע פערברעכענס, עס ווערען פארלייקענט די פיינסטע מענשליכע געפילען אלץ צוליב דעם בעזיץ פון געלט. דאן וועט דאס געלט זיין א ברכה און ניט קיין נגף. און עס וועט זיין לכפר על נפשותיכם.

* *

לפסח

עליה לרגל — דעמאָנסטראַציעס

מה יפו פעמיך בנעלים (שיר השירים ז,ב)

דרש רבא מה יפו פעמיך בנעלים — כמה נאים רגליהון של ישראל בשעה שעולין לרגל (חגיגה ג,א)

ר׳ אליעזר ור׳ יהושע אומרים מה יפו פעמיך בנעלים — מה היו יפיין לפעמייך לעלות לרגל, שהיו נעלין בעד כל הצרות (שיר השירים רבה פרשה ז.).

הנך יפה עיניך יונים, מה יונה זו תמה כן ישראל נאים בפילוכן כשהן עולין לפעמי רגלים (שהש״ר פרשה ד׳)

דיעזע פסוקים פון שיר השירים מיינען, אז הערליך שעהן זיינען געווען די שריט פון די אידען, ווען זיי פלעגען געהען עולה-רגל זיין קיין ירושלים, און דאָס דאָזיגע געהען זייערס האָט זיי דאַמאָלס אָפּגעהיט פון אַלע צרות.

ווערען טאַקע דאָרט אין יענעם מדרש דערצעהלט פאַרשיעדענע נסים, וואָס זיינען געשעהען צו אידען, וועלכע האָבען מקיים געווען די מצוה פון עולה-רגל זיין קיין ירושלים. איינער האָט פאַרגעסען צוצושליסען זיין הויז, ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט זיין בני-בית קיין ירושלים, און ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער געטראָפען אַ שלאַנג אַרומגעוויקעלט איבער׳ן שלאָס פון זיין טהיר, וועלכע האָט אָפּגעהיט דאָס הויז פון גנבים. איינער האָט פאַרגעסען, אריין צו נעהמען זיינע היהנער אין הויז, און ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער געטראָפען ליגען צוריסען טויט די קעץ, וואָס האָבען געשאַטעוועט אויפצועסען זיינע היהנער. איינער האָט פאַרגעסען צו פאַרשליסען דעם ווייץ זיינעם, און ווען ער איז צוריק-

געקומען אהיים, האט ער געטראָפען יונגע לייבען היטען זיין ווייץ. צוויי ברידער עשירים האָבען געוואוינט צווישען גוים אין אשקלון, וואָס האָבען שטענדיג געטראַכט, צו מאַהן זיי שלעכטס, און ווען זיי האָבען געדארפט געהען עולה-רגל זיין קיין ירושלים, האָבען די גוי'אישע שכנים ביי זיך אָפגעמאַכט, אַז ווען זיי וועלען נישט זיין אין דער היים, וועלען זיי אוים-רויבען זייערע הייזער. איז דאַן געשעהען אַ נס, וואָס עס זיינען אַרונטער געקומען מלאכים פונ'ם הימעל, וועלכע האָבען געהאַט די צורה פון יענע אידען און זייער בני-בית. האָבען די גוים געמיינט, אַז די ברידער זיינען געבליבען אין דער היים און זיי האָבען זיך מורא געהאַט צוצוריהרען צו זייערע האָב און גוטס.

אַזוי איז ביי אידען איממער געשעהען נסים אינ'ם זכות פון זייער עולה-רגל זיין, ביי וועלכען זיי האָבען מעהרסטענ-טיילס געמיינט מפקיר זיין זייער גאַנץ האָב און גוטס און דער-פאַר וואָס זיי האָבען מקיים געווען דעם אויבערשטענ'ס מצוה, האָט זיי דערפאַר השי"ת אָפגעהיט פון יעדען שאָדען.

די זעלבע נסים פלעגען אויך מעהרער מאָל פאָרקומען, ווייל אַזוי לאַנג ווי אידען זיינען געווען גוט און פרום, האָט זיי דער אויבערשטער באַצאָהלט פאַר יעדער מצוה, וואָס זיי האָבען מקיים געווען, און די מצוות האָבען זיי געהיטען. ווי די משכילים דריקען זיך אויס, באמת איז דאָס אַ מדרש חז"ל, יותר ממה ששמרו ישראל את השבת, השבת שמרה את ישראל דאָס הייסט, מערער ווי אידען האָבען געהיט דעם שבת, האָט דער שבת זיי געהיטען.

דער אָפטער רב טייטשט אינ'ם "אוהב ישראל" ובכל אשר אמרתי אליכם תשמרו, אַז לויט די חוקי הדקדוק האָט געדאַרפט שטיין וכל אשר אמרתי אליכם תשמורו, נאָר הקב"ה זאָגט צו אידען, ובכל און מיט אללעס אשר אמרתי אליכם די מצוות

וועלכע איך האב אייך געזאגט — תשמרו. ווען איהר דאמיט אבגעהיט ווערען פון אלדעם בייז.

דאס זעלבע איז געווען ווען אידען האבען אבגעהיט דעם שבת געהעריג, האט דאס רוהען דעם טאג יעדער וואך נישט נאר זיי נישט געשעדיגט אין דער פרנסה אדרבא, אין זכות פון שבת האט זיי דער פרייטאג געבראכט א דאפעלטע פארציע, לחם משנה . . . און דער שבת איז געווען ווי דער הייליגער געטליכער פילאזאף און פאעט ר׳ שלמה אלקבץ דריקט זיך אוים אין זיין אומפארגלייכבארען הימנע "לכה דודי" לקראת שבת לכו ונלכה, כי הוא מקור הברכה, דאס דער שבת קודש איז דער קוואל פון ברכה פאר דער גאנצער וואך.

און דערום זאגען מיר אין די וואכען טעג, היום יום ראשון בשבת, שני בשבת א. ז. וו. ווייל יעדער טאג פון דער וואך נעמט זיין שפע פון שבת דער מקור הברכות אזוי ביים מן אין דער מדבר און אזוי אויך ביי דעם אידען אין אלע צייטען און אין אלע מקומות.

אזוי באמערקט אויך דער זוהר הקדוש (פ׳ יתרו) ווען ער רעדט וועגען דער ברכה, וואס דער שבת איז פאר אידען, און ער פרעגט: אויף דעם פסוק ויברך אלקים את יום השביעי "כיון דלא אשתכח ביה מזוני, מה ברכתא אשתכח ביה?" דאס מיינט, אז אויב עס איז נישט פארהאנען קיין פרנסה אום שבת, טא וואס פאר א ברכה איז אין איהם פאר־האנען? — און ער ענטפערט דארט: — כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תלין, "אלע ברכות פון די אויבערשטע און פון די אונטערשטע וועלטען הענגען אפ פונ׳ם זיבעטען טאג". איז דאך די קשיא, פארוואס עס איז נישט געגאנגען קיין מן אינ׳ם זיבעטען טאג. איז דער תירוץ, אז דאס איז געווען, ווייל פון יענעם טאג בענטשען זיך אלע אנדערע זעקס

טאָג פון דער וואָך און יעדער איינער פון די דאָזיגע טעג ציהט זיין פרנסה פון יענער ברכה, וואָס דער זיבעטער טאָג איז מיט איהר געבענשט.

וועגען דעמזעלבען ענין זאָגט דער מדרש (אין דברים רבה, פרשה ג'), אַז דער אויבערשטער זאָגט צו די אידען, זיי זאָלען נישט מיינען, אַז וואָס דער אויבערשטער האָט זיי גע־הייסען איין טאָג אין דער וואָך רוהען, איז דאָס געמאַכט, זיי צו שעדיגען, ווייל בלויז פאַר דער טובה זייערער האָט זיי דער אויבערשטער געהייסען האַלטען שבת. און ר' חייא בר אבא האָט געזאָגט: "אתה מקדש את השבת במאכל ובמשתה ובכלות נקיה ומהנה את נפשך, ואני נותן לך שכר, שנאמר וקראת לשבת עונג וכתיב בתריה אז תתענג על ה'", דאָס מיינט, אַז ווען דו האַלסט דעם שבת הייליג מיט עסען און טרינקען אַזוי ווי מיט אַ ריינעם בגד און דו טהוסט אָן פאַר־געניגען צו דיין נפש, וועט דיר דער אויבערשטער באַצאָהלען פאַר דער דאָזיגער מצוה און ער וועט דיר געבען אַלסדינג, וואָס דו וועסט נאָר פון איהם פערלאַנגען.

דאָס נעמליכע איז אויך געוועזען מיט שמיטה. אַ גאַנץ יאָהר פון שמיטה האָט מען נישט געטאָרט זייהען און אַקערען די פעלדער, און ווען אידען האָבען געהאַלטען שמיטה ווי עס געהערט זיך, זאָגט די תורה "ועשת את התבואה לשלש שנים", אַז די תבואה פונ'ם זעקסטען יאָהר וועט זיין אַזוי פיעל, זי זאָל זיין גענוג פאַר'ן זעקסטען יאָהר, פאַר'ן יאָהר פון דער שמיטה און פאַר אַ יאָהר שפּעטער, ביז מען וועט קענען האָבען נייע תבואה.

אַן ארבייטס יאָהר האָט נישט געגעבען נאָר בלויז אויף איין יאָהר, און דאָס יאָהר פון שמיטה וואָס מען האָט גאָרניט געטאָהן איז געוועזען גענוג פאַר דריי יאָהר.

אַ אידיש קינד. אַז עס ווערט נאָר געבוירען, איז מען איהם מל און מען נעמט ביי איהם אַוועק אַ טייל פון זיין בלוט, נישט נאָר שאַדט דאָס איהם נישט, נאָר דאָס מאַכט איהם נאָך גע-זונטער. עס צאַמט זיינע ליידענשאַפטען, און די אידישע קינ-דער האָבען דערפאַר וויניגער צו ליידען פון געוויסע קראַנק-הייטען ווי די קינדער פון אַנדערע פעלקער.

דאָס נעמליכע איז ביי תרומות ומעשרות, וואָס דער מענש דאַרף אַוועקגעבען און דער אויבערשטער איז עס ממלא, ווי די גמרא זאָגט "עשר בשביל שתתעשר" (שבת דף קי"ט, עמוד א', תענית דף ט', עמוד א'), דאָס מיינט, אַז ווען דו ועסט געבען מעשר, וועסטו רייך ווערען. נישט נאָר וועט עס דיר נישט מחסר זיין — נאָר דו וועסט נאָך געבענשט ווערען מיט צעהן מאָל אַזוי פיעל. עהנליך צו דעם זאָגט אויך דער פסוק "כל אשר יתן לכהן לו יהיה", וואָס מען גיט דעם כהן, גיט מען עס פאַר זיך, דער אויבערשטער וועט עס ממלא זיין אויף אַן אַנדערן אופן. היוצא לנו מזה, דאָס ישראל און זיין תורה שטעהען למעלה מן הטבע.

און טאָמער דאַכט זיך אונז אַמאָל, אַז די אַלגעמיינע לאַגע פון אונזער פאָלק איז אַ ביטערע, ניט צו דערטראָגען, אַז אונ-זערע שונאים ווערען שטאַרק און די גזרות פאַרמעהרען זיך, טוט אונז דער אויבערשטער די דאָזיגע לאַגע זיס מאַכען, ווי דער פסוק זאָגט "ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע", דאָס מיינט, אַז פון דער עת צרה אַליין וועט קומען די ישועה. אַזוי איז אויך געווען, ווען די אידען זיינען אויף זייער וואַנ-דערונג ביי זייער אַרויסגעהען פון מצרים אָנגעקומען אין מרה, וואו זיי זיינען געווען דורשטיג און זיי האָבען דאָס דאָרטיגע וואַסער נישט געקענט טרינקען, ווייל עס איז געווען ביטער, האָט דער אויבערשטער אָנגעוויזען צו משה רבנו אַ געוויסען בוים, וואָס זיין האָלץ איז אויך געווען ביטער, האָט משה רבנו

אריינגעוואָרפען דאָס ביטערע האָלץ אינ'ם ביטערן וואסער, איז דאס וואסער זים געוואָרען. אלץ פאללען וועלכע זיינען למעלה מן הטבע.

דאָס איז אויך דער אופן, וואָס איין ביטערקייט קען אמאָל דורך אַן אַנדערע ביטערקייט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ זיס־קייט. דאָס גלייכען איז אמאָל אַ כלל ״מעז יצא מתוק״, פונ'ם שטאַרקען קען אַרויסקומען זיסקייט, פון צרות און יסורים, וואָס מיר דאַרפען אמאָל ליידען, ווערען אונזערע נשמות אויסגעלייטערט, ווי די גמרא זאָגט ״לא נבראו הרעמים אלא כדי לפשט עקמומיות שבלב״, וועלכעס מיינט, אַז די דונערען און די בליצען און דער גאַנצער וועטער־שטורם האָבען הויפט־זעכליך דעם צוועק, אויסצוגלייכען די פאַרקרומונגען פונ'ם האַרץ. והאלקים עשה שיראו מלפניו.

גאַנץ שלעכט איז נאָר, ווען עס קומט אמאָל אַ צרה אויף אידען און זי איז נישט פון די הויכע פיהרער, פון קעניגע אָדער זייערס גלייכען, וואָס דער פסוק זאָגט וועגען זיי ״לב מלכים ושרים ביד ה׳״, נאָר פון ״נחותי דרגא״, פון נידעריגע בריות, וועלכע האָבען זיך צוגעשלאָגען צו מאַכט. געווען שוין אמאָל אַזעלכע צרות מיט הונדערטער יאָהרען צוריק, וואָס זיינען אין דער געשיכטע באַקאַנט מיט'ן נאָמען ״גזרות הרועים״, פאַס־טוכער האָבען זיך צונויף־גענומען, צו שלאָגען אידען. איז דאָס געווען גלייך ווי מיר זעהען היינט, וואָס די ״נאַצים״ טהוען אין דייטשלאַנד — און וועגען דעם זאָגט דער פסוק ״עבדים משלו בנו, פורק אין מידם״, ווען קנעכט זיינען אונ־זערע הערשער, קען אונז חלילה קיינער נישט ראַטעווען פון זייערע הענט, ווייל ווען קנעכט ווערען די הערשער, האָט נישט קיינער קיין שליטה איבער זייערע מיינונגען און קען זיי נישט קאָנטראָלירען, איז עס דאַן דער גרעסטער וועהטאָג, ווען זיי

ווערען אַרויסגעלאָזען פריי, זיי זאָלען מעגען טאָן, וואָס זיי ווילען.

פון אַט אַזאַ מעמד איז צו זעהען, אַז די סבה פאַר אונ־זערע פאַרפאָלגונגען איז נישט קיין נאַטירליכע, דערפאַר איז אויך די רפואה צו די דאָזיגע צרות נישט קיין נאַטירליכע — און ווען עס דערוועקט זיך אַמאָל די שאלה ״על מה עשה ה׳ ככה, מה חרי האף הגדול הזה?״ איבער וואָס פאַר אַן אורזאַך האָט דאָס דער אויבערשטער געטאָהן און פאַרוואָס אייגענטליך ברענט אַזוי זיין כעס? איז אויף דעם די תשובה: ״על אשר עזבו את ברית ה׳ אלהי אבותם״, ווייל זיי האָבען פאַרלאָזען דעם אָפּמאַך, וואָס דער אויבערשטער האָט אָפּגעשלאָסען מיט זייערע עלטערן. אָבער אַבסאָלוט נישט די סיבות וועלכע אַלער־ליי פאַלשע נביאים ווילען אונז איינריידען.

דערמאָנט זיך אונז דערביי דער ענין פון ״פסח שני״, אַ מאָנאַט שפּעטער, נאָכדעם ווי אַלע אידען האָבען מקריב געווען דעם קרבן פסח אום ניסן און אַ טהייל פון זיי האָבען נישט גע־קענט מקריב זיין דעם קרבן פסח צוזאַמען מיט אַלע אידען, ווייל זיי זיינען געווען ״טמאים לנפש״, די נשמה זייערע איז געווען אומריין, אָדער זיי זיינען געווען ״בדרך רחוקה״, ווי די מפרשים זאָגען ״שנתרחקו מאביהם שבשמים״, דאָס מיינט, אַז זיי זיינען געווען דערווייטערט פון זייער פאָטער אין הימעל. דעריבער זיינען זיי נדחה געוואָרען אויף פסח שני; אַזוי אויך מוזען מיר נעמען אין בעטראַכט וואָרום האָט דאָס די השגחה אַזוי גע־פיהרט אַז מיר זאָללען אום פסח שני דאַרפען עולה ״רגל״ זיין צו מאַרשען אין אַ פראָטעסט געגען אונזערע דם שונאים.

און דאַרום זאָגען מיר מיט אַ זיפץ אילו זכינו, וואָלטען מיר זוכה געווען עולה־רגל זיין אום פסח ראשון אין ארץ ישראל צום בית המקדש לראות ולראות, און זיך פרעהען לפני

ד׳ אלקינו בשמחה ובטוב לבב מרוב כל, ועכשיו שלא זכינו, מוזען מיר ליידער מאַרטשען עולה-רגל זיין בנערינו ובזקננו אין גלות געגען אונזערע היטלער׳ם ימח שמם, וועלכע ריידען זיך איין, דאָס זיי וועלען קאָנען טויטען דעם אידישען גייסט.

אונזער מכה — דער אַנטיסעמיטיזם — איז נישט קיין נאַטירליכער, דאַרום זיינען ״פּראָטעסט - דעמאָנסטראַציעס״, וועלכע זיינען פּיליכט אַ נאַטירליכע רפואה ביי אַנדערע פעל־קער, קיין שום ערלייכטערונג פאַר אונז. ביי אונז מוז מען אין זינען האָבען, אַז אויב מיר זיינען ח״ו געוועזען ביים פּסח ראשון בדרך רחוקה אָדער חלילה טמא לנפש, דאַרפען מיר זיך פאַראייניגען און צוריק באַקומען דעם דרך הישר, דרך התורה והיראה, און זיך מתקרב זיין לאבינו שבשמים, וועט השי״ת אונז העלפען, אַז מיר וועלען זוכה זיין לעלות לרגל בארצנו הקדושה, ״מה יפו פעמיך בנעלים״...

בעטען מיר דערפאַר ביים אויבערשטען, ער זאָל אונז אויסלייזען פונ׳ם גלות און אונז צוריק ברענגען אין אונזער לאַנד אריין, דאביי זאָל ער אויך רייניגען אונזער האַרץ, מיר זאָלען איהם דיענען אויף אָן אמת, וועלען מיר נישט דאַרפען ליידען קיין צרות פון דעם גלות און עס וועט מקוים ווערען ויראו שונאינו ויבושו כי אתה ד׳ עזרתני ונחמתני.

אחרון של פסח
לא בחיל ולא בכח

אין דער היינטיגער הפטורה (ישעיה י״יא) ווערט גע־צויגען אַ פּאַראַללעל צווישען אידישען פאָלק און אַנדערע פעל־קער. עס ווערט דאָרט פאַרגליכען די ברוטאַלע קראַפט פון אשור, וואָס איז שטענדיג גרייט „לשלול שלל ולבוז בז״, שטענ־דיג גרייט „להכרית גוים לא מעט״ און די באַשיידענע גבורה פון כבישת היצר; באַהערשען די אַלע אַנימאַלע אינסטינקטען, אַט די גבורה, וואָס כאַראַקטיזירט דאָס אידישע פאָלק, דאָס פאָלק, וואָס „הצדק אזור מתניו והאמונה אזור חלציו״, אשור אין זיין גרויסהאַלטעריי שרייט אוים: „אסיר גבולות עמים ואוריד כביר יושבים״. ישראל לערענט די וועלט באַשיידען „וגר זאב עם כבש ונמר עם גדי ירבץ״. דער נביא ווייזט דאָ אין אַ גילדליכער פאָרם דאָס פאָלק ישראל מיט זיינע הערש־האַבענע אידיאַלען, אידיאַלען פון ליבע, חסד און גערעכטיג־קייט און אַנטקעגען איהם שטעלט ער אַוועק אַשור מיט זיין ברוטאַלער אכזריות.

דער מהות פון יהדות איז באַהערשען דעם אייגענעם „איך״, געקיהלקייט פון געדאַנק, געדולד און אויסדויער. ניט צומישט ווערען פון פלוצליכע אומגליקען. אַ טיפער גלויבען און דעם נצחון פון גוטס איבער שלעכטס, ליכט איבער פינס־טערניש.

דער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אין אַ תלמוד׳ישען מאמר (ברכות, דף י״א), ובניה בן יהוידע איש חי רב פעלים מקבציאל הוא הכה את שני אריאל מואב והוא ירד את הארי

בתוך הבוד ביום שלג. אכא דאמרי דתברי גוזזי דברדי ונחת וטבל אכא דאמרי דתאנא לפרי דברי רב ביומא דסיתוא״. דער מאמר איז אומפארשטענדליך אויפ׳ן ערשטען בליק. א טיפער געדאנק ליגט באהאלטען אין דעם מאמר. חז״ל האבען דא געוואלט שילדערן דעם אידישען באגריף פון גבורה, האבען זיי אויסגעקליבען איינעם פון די גרעסטע אידישע פאלקס העלדען: בניהו בן יהוידע, דעם פעלד-מארשאל פון שלמה המלך, וועלכער לויט א לעגענדע האט זיך אפילו פאר׳ן ״אשמדי״ ניט געשראקען. און וואס איז געווען זיין גבורה ניט די אשור׳ישע גבורה. די מאכט פון פויסט ״לשלול שלל ולבוז בז״, נאר א אידישע גבורה. שטארקייט פון גייסט, קאנען זיך באהערשען אין די הייסטע מאמענטען. קאנען זיין א ״תבר גזיזי דברדא ונחת וטבל״, קלארקייט פון שנייה, קהילקייט פון אייז, געדולד ביז ואנען דעם שטורעם וועט פאריבער. ״איכא דאמרי דתנא ספרא דבי רב ביומא דסיתוא״, און אנדערע זאגען, בניהו בן יהודיע, האט באזעסען נאך עפעס. ער האט געקאנט דורכלערנען דעם ספר ויקרא אין א טאג, און ניט נאר לערנען דעם תורת כהנים. האט ער געקאנט, נאר זיך אליין ברייגען פאר א קרבן איז ער געווען וויליג, א ריינער, כשר׳ער קרבן פאר׳ן וואוילזיין פון זיין פאלק. ער האט געקאנט פארביי-גען זיין איך און שלעפען געדולדיג דעם יאך פון ״יומא דכיתוא״ פון אט דעם פארוואלקענען קאלטען טאג. טעג פינסטערע, וועלכע ס׳קומט אוים יעדען אידען דורך זיין לעבען דורכצומאכען. בניהו בן יהוידע, דערצעהלען אונז חז״ל, איז געווען גרויס, ניט בלויז ווייל ער איז געווען א גרויסער קריגס העלד; ניט ווייל ער האט באזעסען פיזישע גבורה, גבורה פון מוסקלען, נאר ווייל ער איז געווען א אידישער העלד. ער האט געקאנט זיך באהערשען. ער האט פארמאגט גבורה פון גייסט.

דאס אידישע פאלק איז דער אלגעמיינער בניהו בן יהוידע, זיין גרויסקייט באשטייט ניט אין זיין פעהיגקייט צו פיהרען

מלחמות און אונטערדריקען שוואכערע פון זיך. זיין גרויסקייט באשטייט אין זיין געדולדיגען טראגען דעם שווערען יאך, וואס גאט האט איהם פארטיילט. די אידישע גרויסקייט באשטייט אין דעם טיעפען גלויבען, וואס יעדער איד פארמאגט אין דעם ענטגילטיגען נצחון פון גערעכטיגקייט, אין דעם טיעפען גלויבען, אז דער "שבט אפו" פון אשור וועט צושמעטערט ווערען, און אז "וישלח במשמניו רזון", און אויב עס קומט אמאל א "יומא דסיתוא", אויב עס קומט אוים א אידען לערנען "בספרי דבי רב", עס קומט איהם אוים צו ברייגגען קרבנות פאר זיינע הייליגע אידיאלען, שרעקט עס איהם אויך ניט אפ, ווייל מסירת נפש זעלבסט, אויפאפפערונג, איז דער רוקען ביין פון דער אידישער אמונה.

אין ברכות, דף ד', זאגען חז"ל "האומר תהלה לדוד ג' פעמים בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא", און די גמרא פיהרט אוים, ווייל ס'האט אין זיך דעם אלף בית, און אויך ווייל "שלא נאמר נון באשרי". יעדערער וואס איז באקאנט מיט'ן סטיל פון תלמוד, וועט דא אנמערקען, אז דער אויסדרוק בכל יום, ווערט ממש ווינציג דערמאנט אין תלמוד, לויט דעם תלמוד'ישען סגנון, האבען זיי זיך געדארפט בעסער אויס־דריקען "שלש פעמים ביום". אבער דער געדאנק איז דא אזא, "האומר תהלה לדוד בכל יום" יעדער טאג, סיי א גוטער, סיי א שלעכטער, איז ביי איהם א טאג פון לויב צום אויבערשטען, אפילו א "יומא דסיתוא" קען ניט צו שטערען זיין טיעפען גלויבען אין גאט. עס פעלט ביי איהם דער נון אין אשרי, אנ־שטאט דעם נון פון "נפלה בתולת ישראל" האט ער דעם "סומך ד' לכל הנופלים". ער פארלירט קיינמאל ניט זיין מענשליכען גלייכגעוויכט. ער איז עוסק אין דעם אידישען אלף בית, אין דער אידישער קולטור און וויסענשאפט. אזא מענש איז זיכער, אז די צוקונפט געהערט צו איהם. ער איז א "בן עולם הבא" "האומר תהלה לדוד". אזוי ווי דוד המלך האט זיך פאר קיין

זאַך ניט איבערגעשראָקען. עס האָבען איהם ניט צובראָכען די פאַרשיידענע צרות, וואָס ער האָט דורכגעלעבט. ס'האָט דער פערואהט פון זיינע אייגענע קינדער און פריינד ניט צו־שטערט זיין טיעפען גלויבען אין מענשען. זיין וועהטאָג האָט ער פאַרבאַהאַלטען טיעף אין זיין האַרצען "ולבי חלל בקרבי", און צו מענשען און צו גאָט זיינע וואונדערבאַרע לידער גע־זונגען. און אַזוי ווי דוד איז אייביג, אַזוי ווי ס'איז אייביג זיין פידעל און געזאַנג, אַזוי וועט דער מענש, וואָס געהט אין דוד'ס וועגען אומשטערבליך פאַרבלייבען.

אין די וועגען פון דוד געהט דאָס אידישע פאָלק. זיי האָ־בען איבערגענומען זיין געזונטען אָפטעמיזם, זיין ליבע צו שעהנקייט און גערעכטיגקייט, און ווי דוד איז אויך זיין פאָלק אומשטערבליך. די אומשטערבליכקייט פון אידישען פאָלק מאַכט אונז צוציהען נאָך אַ פאַרגלייך צווישען ישראל — וואָס לויט די רייד פון נביא, ווערט ער באַווירקט פון אַ "רוח עצה וגבורה רוח דעת ויראת ה'", און אשור, דאָס פאָלק פון "אסיר גבולות עמים ואוריד כביר יושבים", וועלכער איז שוין לאַנג פון דער וועלט פאַרשוואונדען. פאַראַן אַ לעגענדע: דער רייכער גליקליכער פּאָליקראַטעס, דער קעניג פון דאָס מעכטיגע שפּאַרטען פאָלק, האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט אויף דעם וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַרזוכט דעם טעם פון אומגליק און צער, וואָס ער און זיין פאָלק האָבען געטאָהן האָט שטענדיג אָפּגעגליקט, האָט ער שיפען אין אַ שטורעמדיגען ים געשיקט, זיינען זיי שטענדיג אומבאַשעדיגט צוריק געקומען. האָט ער אַרמייען אין קריג געפיהרט, זיינען זיי שטענדיג מיט'ן לאָר־בער קראַנץ פון נצחון אַהיים געקומען. טרויעריג איז דער מלך געווען, אַלץ האָט איהם דער לעבען געשאָנקען, אַלץ וואָס אין דער וועלט איז דאָ, האָט ער געוואוסט. אָבער וואָס הייסט אומגליק האָט ער ניט געוואוסט. אין פאַרצווייפלונג האָט ער זיין קעניגליכען רינג אין ים אריינגעוואָרפען. איצט האָט ער

געטראַכט, וועט ער זיך שוין דערוויסען, וואָס עס הייסט פאַר־לוסט. אָבער וואונדער איבער וואונדער אויף מאָרגען, ווען מ׳האָט איהם אַ פיש צו זיין פרישטיק־טיש געבראַכט, האָט ער אין איהם זיין רינג געפונען. דריי טעג האָט דער קעניג ניט געגעסען, ניט געטרונקען. ער מוז זיך דערוויסען, וואָס אומ־גליק איז. ווען עס האָבען איהם זיינע פרינצען אויפ׳ן דריטען טאָג איינגעבעטען אַ ביסעל וויין צו נעהמען, איז דער קאָסט־באַרער בעכער פון זיין ציטערנדיגער האַנט ארויסגעפאַלען, און זיך אין שערבלעך פאַרוואַנדעלט, פאַרשפריצט האָט דער וויין זיינע טייערע בגדים. פרעהליך איז דער קעניג געוואָרען, פרעהליך דאָס קעניגליכע הויז, פרייד אין גריכענלאַנד. ס׳האָט דער קעניג זיך דערוואוסט, וואָס עס הייסט פארלוסט. אומ־גליק איז געקומען ! און אַ יום טוב פון אומגליק איז אין לאַנד באַשטימט געוואָרען.

דער דיכטער שיללער אין זיין פאָעמע „רינג דעם פאָלי־קראַטעס" באַזינגט די געשהעניש. איז זיין דיכטערישען עקס־טאַז קאָן ער זיך ניט אָפּלויבען פון דאָס גליקליך ספּאַרטען לאַנד, וועלכער ער רופט אָן דער „גן עדן התחתון" און פון זייער גליקליכען קעניג. דער דיכטער פרעגט אָבער ניט וואו זיינען די ספּאַרטען, וואו איז זייער מזל, וואו איז זייער גליק אַהין געקומען. פאַרשוואונדען זיינען זיי פון דער וועלט, און מעהר ווי לעגענדען איז פון זיי ניט געבליבען. לאָמיר אַוועקשטעלען אַנטקעגען די ספּאַרטען אַן אַנדער פאָלק, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין אַ „שלעכטען" מזל, וואָס זיין געשיכטע איז איין קייט פון פאַרלוסטען און אומגליקען. צוויי מאָל האָט איהם פון זיין לאַנד פאַרטריבען, טויזענטער מאָל איז ער פאַגראָמירט און באַרויבט געוואָרען. דאָס מאַרטירער פאָלק פון דער וועלט דאָס אידישע פאָלק. וואו זיינען די ספּאַרטען און וואו זיינען די אידען ? דעם ענטפער ווייסען מיר אַלע.

דער ענטפער אויף דער פראגע, ווי קומט עס, וואס די שטארקסטע פעלקער זיינען אונטערגעגאנגען, און דאס שוואכסטע פאלק איז געבליבען, ליגט אין דער אייגענארטי-קייט פון אידישען כאראקטער, אין דעם באזונדערן אידישען לעבענסשמייגער, אין דעם אופן ווי אידען באנעמען די וועלט און מענש. ווען די זיגרייכע ספארטאקען האבען ווי די אשורים געבויט זייער מאכט אויפ'ן פויסט, אויפ'ן "אסיר גבולות עמים ואוריד כביר יושבים", אויף יענעמס אומגליק און קליינקייט האבען זיי זייער גליק און גרויסקייט געבויט. האבען די אידען אויף חסד און גערעכטיגקייט זייער עקזיסטענץ פארזיכערט די אידען האבען אנערקענט דעם "רוח חכמה ובינה, רוח דעת ויראת ה'", וואס מאכט אוממעגליך פאר זיי אונטערצוגעהן. אין דער ספארטאקיש אשור'ישער ברוטאליטעט זוכט די סיבה פון זייער אונטערגאנג. אין דעם אידישען אויסדויער, געדול-דיגעןווארטען "עד יעבור זעם", זוכט דעס סוד פון זייער "דא זיין".

מיר געזעגענען זיך יעצט אפ ביז איבער א יאהר מיט'ן "חג החרות". מיר קעהרען זיך אום צוריק צו אונזער וואכע-דיגען לעבען. זאל אונז ניט אפשרעקען דאס וואס מיר זעהען. אז ס'איז נאך דא לענדער, וועלכע זיינען פאר אידען בבחינת גלות מצרים, אין דער שנאת און דיסקרימינאציע, וואס הערשט דארט קעגען זיי. דאס אידישע פאלק איז א געדולדיג פאלק. ער פארמאגט א סך סבלנות. לאמיר טרייסט און האפענונג געפינען אין דעם חג החרות, און דער גרויסער אלגעמיינער באפרייהונג, וועלכער מוז און וועט סוף כל סוף קומען.

צווישען די ניסים, וואס זיינען געטאהן געווארען צו אונ-זערע עלטערן אין בית המקדש, איז געווען "עומדים צפופים ומשתחוים רוחים", מיר האבען זיך איינגעקארטשעט, געדול-דיג איבערגעטראגען די אומבאקוועמליכקייט, ווען מ'האט גע-

דאַרפט, און דערפאַר זיינען מיר געווען "משתחוים רוחים", "ולא הזיק נחש ועקרב בירושלים מעולם", קיין שלאַנג, קיין עקדיש, קיין פרעה, קיין נבוכדנצר, קיין טיטוס, קיין היטלער קאָן אונז ניט מזיק זיין, ווייל "לא אמר אדם צר לי המקום שאלין בירושלים", ווייל מיר האָבען קיינמאָל ניט געזאָגט: ענג איז אונז ירושלים, ענג און אָפּגעשטאַנען אין אידישקייט. ליעב איז אונז געווען יהדות, ליעב אין ליידען, ליעב אין פריידען.

דער יום טוב פון פריהלינג געהט אַוועק. ער דערמאַנט אונז דעם פריהלינג פון אונזער פאָלק די אייביגע יונגקייט פון פון אידענטהום. לאָמיר דערציהען זיך, און אונזערע קינדער צו ליעבען, און אַכטען די איצטיגע ווערטען פון אידענטהום. לאָמיר איינפלאַנצען אין זיך און אין אונזערע קינדער אַ בייגק-שאפט נאָך "חכמה ובינה דעת ויראת ה'". א בייגקשאפט נאָך אַבסאָלוטער תורה, פאַרשטאַנענער פרייהייט, וועלכער וועט און מוז קומען.

* *

לשבועות

כבוד אב ואם.

הוי רב את יוצרו, הוי האומר לאב מה תוליד ולאשה מה תחילין (ישעי' מ"ה, ט').

די גמרא זאָגט אין קידושין (דף ל"א עמוד א') ; "בשעה שאמר הקב"ה אנכי ולא יהיה לך, אמרו אומות-העולם לכבוד עצמו הוא דורש, כיון שאמר כבד את אביך ואת אמך, חזרו והודו למאמרות הראשונות". דאָס הייסט : ווען דער אוי-בערשטער האָט געזאָגט אויפ'ן בארג סיני די ערשטע דברות פון די "עשרת הדברות", ווען ער האָט אָנגעזאָגט, מיר זאָלען וויסען, אַז ער איז דער איינציגער גאָט, וועלכער האָט אונז אַרויסגעצויגען פון מצרים און מיר טאָרען נישט האָבען קיין אַנדערע געטער, האָבען די אומות העולם געזאָגט, אַז ער פאַר-לאַנגט אַזעלכעס פון די אידען נישט פאַר זייער טובה, נור פון זיין אייגענעם כבוד וועגען. אַזוי ווי ער האָט אָבער אַ זאָג געטהון "כבד את אביך ואת אמך", האָבען שוין די אומות העולם מודה געווען, אַז די ערשטע דברות זיינען אויך געזאָגט געוואָרען פאַר דער טובה פון די אידען.

עס איז גאַנץ לייכט צו פאַרשטעהען, אַז די אומות העולם האָבען נישט געקענט באַגרייפען דעם טיעפען רעיון, וועלכער שטעקט אין בריאת שמים וארץ, און וואָס פאַר אַ טובה דאָס איז פאַר די באַשעפענישען. האָבען זיי דאָס אויסגעטייטשט, אַז השם יתברך האָט כביכול באַשאַפען אַ נאַטור

מיט מיליאָנען מיליאסען באשעפענישען, וועלכע באַשטעהען פון פיער מינים, פון דומם, פון צומח, פון חי און פון מדבר, דאָס מיינט: פון שווייגענדיגע שטיינער און מדבריות, פון פרוכטבארע פעלדער און וועלדער, פון לעבעדיגע בהמות, חיות און עופות, אזוי ווי פון ריידענדיגע מענשען, גלייך ווי ער האָט געזאָגט "אנכי ה' אלקיך", ווייל ער האָט זיך לויט דער מיינונג פון יענע אומות-העולם געוואָלט גרויסען פאַר דער וועלט מיט זיין כח.

האָט ער אָבער אָנגעזאָגט "כבד את אביך ואת אמך", האָבען שוין די אומות העולם נישט געזעהען אין דעם קיין אייגענעם צוועק און זיי האָבען שוין אנערקענט די ווערדע פון אַלע פריהערע דברות, אַז צוליעב דעם, וואָס דער אויבערשטער האָט געוואָלט, דער מענש זאָל מקיים זיין די מצוה פון "כבוד אב ואם", האָט ער פריהער געזאָגט אנכי און לא יהיה לך, לא תשא את שם ה' אלקיך לשוא און זכור את יום השבת לקדשו. וועלכעס איז א אות, אז דער בורא ית"ש האָט די וועלט בעשאפען.

און דעריבער פיהרט אוים רבא (שם): ראש דברך אמת (תהלים קיט) ראש דברך ולא סוף דברך? אלא מסוף דברך ניכר שראש דברך אמת.

זיינען די דאָזיגע דברות טאַקי געזאָגט געוואָרען פאַר אייביגע צייטען. און דאָ שטויסען מיר זיך אָן אויף דעם פאַקט, וואָס אַ היינטיגער זוהן זאָגט, אַז ער האָט נישט גאַר קיין פאַרפליכטונג צו זיין טאַטע-מאַמע, ווייל קינדער זיינען נישט קיין ברכה פון גאָט, נור אַ "פרוכט פון ליעבע". והא ראיה, אַז דאָרט וואו עס איז נישט פאַרהאַנען קיין ליעבע פון מאַן און ווייב און די מענשען פאַרשטעהען נישט דעם רעיון פון "לא תהו בראה", קעהרט מען אויך נישט פאַר'ן קינד. ס'איז

פונקט אזוי ווי דער דייטשער דיכטער שיללער האָט אין זיינעם אַ בוך פאַרגעשטעלט אַ "בן סורר ומורה", וועלכער טענה'ט, אַז ער האָט נישט קיין שום פליכטען צו זיין פאָטער, ווייל נישט איהם צוליעב האָט דער פאָטער זיינער געוואָלט, אַז ער זאָל געבוירען ווערען, נור צוליעב זיין אייגענער הנאה, צו באַפּאַלגען דאָס פיזישע געזעץ פון "קיום המין", און וואָס ער איז געבוירען געוואָרען, איז דאָס אפשר געווען געגען דעם ווילען פון פאָטער און מוטער.

אקעגען אזא מיינונג זאָגט אונזער הייליגער ישעיה הנביא: (קפי' מ"ה ט-יב) "הוי רב את יוצרו, חרש את חרשי אדמה, היאמר חומר ליוצרו מה תעשה ופעלך אין ידים לו? הוי אומר לאב מה תוליד ולאשה מה תחילין". דאָס הייסט: וועה אויף דעם, וואָס וויל זיך קריגען מיט זיין באַשעפער, אָט דער מענש, וועלכער איז אַ שאַרבען גלייך ווי אַנדערע שאַר־בענס פון דער ערד. און קען דען דער לייהם זאָגען צו זיין טעפּער "וואָס מאַכסטו, ווען דיין ווערק האָט נישט קיין הענד?" וועה געשריגען איבער דעם, וואָס זאָגט צו'ן אַ פאָטער "צו וואָס דאַרפסטו ברענגען קינדער אויף דער וועלט?" און צו'ן אַ פרוי זאָגט ער "צו וואָס האָסטו געוועהטאָגט?"

פאַרשטעהט זיך, אַז ווי לאַנג אידען האָבען זיך נישט מאָדערניזירט, האָבען אַזעלכע מיינונגען נישט געהאַט קיין פּלאַץ. יעדער פאָטער האָט געוואוסט, אַז ווען דער אויבער־שטער האָט איהם מזכה געווען מיט אַ זוהן, האָט ער פאַר־שטאַנען, אַז ער דאַרף זעהען, דער זוהן זאָל לערנען דעם אויי־בערשטענ'ס הייליגע תורה. דאָס גלייכען האָט אויך דער זוהן פאַרשטאַנען, אַז ווען מען געהט לערנען גאָט'ס תורה, קען מען נישט לעבען אין וואוילטאָג. האָט דאַן אַן אָרים בחור'ל זיך צופרידענגעשטעלט מיט עסען טעג, נהמא דכסופא, ברויט מיט בושה, און געגעסען האָט מען געוועהנליך "פת במלח", אַ שטי־

קעל ברויט מיט זאלץ, און דאס איז אויך נישט שטענדיג גע־וועזן צו דער זעט. אט אזוי האט אויסגעזעהען די שפייז, און אויף דער הארטער באנק, אונטערגעלייגט די האנד צו־קאפענס אנשטאט א קישען, איז געווען דאס בעט. טראצדעם האט דאס קינד געהערט דעם טאטע'ן און די מאמע, ווייל עס האט אויך געהאט די פארעהרונג פאר גאט — און גלייך ווי די עלטערען זיינען געווען צופרידען מיט זייער ביטערען ארימען שיקזאל, אבי זייער בחור'ל לערענט זיך ב"ה גוט, און דער געפיהל, אז זייער זוהן וועט זיך משתלם זיין אין לערנען, און אויסוואקסען א גדול בתורה האט זיי פארזיסט זייער לעבען. אזוי האט אויך דער זוהן זיך געפיהלט גליקליך און געדאנקט דעם בורא, מיט'ן גאנצען הארצען ברוך אלקינו שבראנו לכבודו, ונתן לנו תורת אמת, וחיי עולם נטע בתוכנו... און געבענשט דעם טאטען מיט דער מאמען, וועלכע האבען איהם אויף דער וועלט גע־בראכט, און ערמעגליכט איהם צו דינען דעם בורא, און לערנען זיין הייליגע תורה. אום ער זאל אויבען נישט דארפען געניסען אויך געהאט א געפיהל נישט פון א נותן, א געבער, נאר ווי פון לחמא דכסופה. דער "טאג" געבער, ארים אדער רייך, האט איינער וועלכער צאהלט א חוב, ווייל ער אליין האט לויט זיינע אומשטענדען נישט געקענט עוסק זיין בתורה ועבודה, האט ער דאס בעטראכט, אז וועהרענד ער דער געבער איז עוסק אין מסחר און אין אנדערע ענינים פון פרנסה, פארטרעט איהם דער לערנער מיט זיין פרומקייט און מיט זיין לערנען.

היינטיגע צייטען וואס די עלטערן געבען קינדער מיט א פולער האנד, ווערט פונ'ם קינד באטראכט ווי א חוב, ווייל ווען דאס קינד ווייסט, אז די עלטערן באטראכטען איהם נישט ווי א מתנה פון גאט, נור ווי עפעס א "פרוכט פון ליעבע", וועלכעס איז אפשר גאר נישט געווען ערווינשט, דארף מען נישט האבען פאר זיי קיין שום דאנקבארקייט־געפיהל — און דארום אזוי לאנג ווי דער טאטע שיט מיט דאלארען איז

נאך צום דערליידען — טאמער אבער איז איהם אין גשמיות נישט אזוי פויגעלדיג איז וואס פאר א "כבד את אביך ואת אמך?" און מען טראכט גאר פון באגעהן זעלבסטמארד, אז דער אמת'ער ציעל פון לעבען איז איהם נישט בעקאנט.

שטודירען איז היינט מעהרסטענטיילס א פארגעניגען. טאטע-מאמע ארבייטען איבער די כחות, פארגינען זיך נישט אליין דאס לעבען, אבי צו קענען געבען צו די קינדער כל-ערליי וואוילטאגען. זיצט מען נישט טאקע מעהר גאנצע טעג און נעכט איבער די גרויסע הייליגע ספרים — און אנשטאט צו געהען מיילען-ווייט צו-פוס צום בית המדרש, ווי אונזערע לערן-קינדער זיינען אמאל געגאנגען, פאהרט מען היינט די עטליכע בלאק, וואס מען דארף געהען צום נייעם "בית המדרש", אין אייגענע אויטאמאבילען. וואלטען דאך די קינדער געדארפט זיין דאנקבאר צו אזעלכע עלטערן, האט דאס אבער ביי זיי קיין שום חשיבות און די עלטערן אליין האבען אויך נישט קיין ווערטה, ווי דער פסוק זאגט "האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו". פיהלט מען נישט קיין שום פארפליכטונגען צום פאטער, ווייל ער האט ביי דער געבורט פון זיין זוהן נישט גע-האט אין זינען דעם "קיום העולם", ווי השי"ת האט געזאגט צו אברהם אבינו להיות לך לאלקים "ולזרעך" אחריך, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ד' לעשות משפט וצדקה.

דערפאר האט דער אויבערשטער אוועקגעשטעלט אין דער תורה דעם "אנכי ה' אלקיך" בעפאר דעם "כבד את אביך ואת אמך", וועלכעס מיינט צו זאגען, אז ווער עס אנערקענט נישט דעם דאנק, וואס ער איז שולדיג צום בורא כל העולמים, ווייל ער האט איהם באשאפען און ער גיט איהם אלע זיינע הצטרכות'ן, דער קען אויך נישט פיהלען די גרויסע פליכט פון "כבוד אב ואם". פון דער צווייטער זייט, דער וואס אנערקענט

נישט די מענשליכע מצוה פון כבוד אב ואם, לייקענט חלילה אין דעם אנכי ד' אלקיך, ווייל הא בהא תליא.

ליגט טאַקע די שולד פאַר אַט די אַלע מעשים אין אונז אליין. אַזוי ווי עס האָבען אונזערע עלטערן אויפגעהערט צו לאָזען לערנען זייערע קינדער דעם אויבערשטען'ס תורה און מען האָט פאַרגעסען דעם "אנכי ה' אלקיך", האָבען אויך די קינדער אויפגעהערט האַלטען זייערע עלטערן בכבוד און זיי האָבען פאַרגעסען דעם "כבד את אביך ואת אמך". אַלע דברות זיינען ווי פון איין שטיק אויסגעגאָסען, איינס הענגט אָפּ פון'ם צווייטען, און ווער עס האַלט איין דבור גרינגער ווי די אנדערע, דער איז דערנאָך באַלד עובר אויף אַלע "עשרת הדברות".

דאָס זעלבע זאָגט אויך די גמרא (אין קדושין דף ל' עמוד ב'), אַז אַזוי ווי איין פסוק זאָגט "כבד את אביך ואת אמך" און אַן אַנדערער פסוק זאָגט "כבד את ה' מהונך", איז דערפון געדרונגען, אַז די מצות פון "כבוד אב ואם" איז געגליכען צו דער פאַרעהרונג, וואָס אַ מענש איז מחויב אָפּצוגעבען צום אויבערשטען.

אַן אַנדערער מאמר פון דער גמרא (ירושלמי פאה פרק א' הלכה ה') זאָגט גאָר, אַז "כבוד אב ואם" שטעהט העכער פון'ם כבוד, וואָס אַ מענש דאַרף אָפּגעבען צו השי"ת ווייל ביים כבוד פאַר'ן אויבערשטען זאָגט דער פסוק "כבד את ה' מהונך", מיינט דאָס, אַז ווען איינער פאַר-מאָגט געלד, איז ער מחויב אוועק צו געבען לכבוד דעם אויבערשטען, אָבער ווער עס האָט נישט קיין געלד, איז דערצו נישט מחויב. און ביי "כבוד אב ואם" איז אפילו איינער וואָס געהט איבער די הייזער מחויב מקיים צו זיין די מצוה.

פרעגט זיך דאַ אַ קשיא, ווי ווייט די מצוה פון כבוד אב ואם דאַרף גהעהן. האָבען אונז די כלומר׳שט מאָדערנע שריי־בער געגעבען אויף דעם אַ תשובה אין דעם ליבען־דערמאַנטען שיללער׳ס העלד, וועלכער טענה׳ט, אַז ער האָט נישט קיין שום פליכטען צו זיין פאָטער, ווייל נישט איהם צוליעב האָט דער פאָטער זיינער געוואָלט, אַז ער זאָל געבוירען ווערען. דאַ־געגען גיט אונז, להבדיל, די גמרא (עבודה זרה דף כ״ד עמוד א׳) אַן אַנדער מוסטער, פון וועלכען מיר דאַרפען זיך לערנען, ווי ווייט עס גרייכט די מצוה פון כבוד אב ואם.

ווערט דאָרט דערצעהלט וועגען איינעם אַ גוי מיט׳ן נאָמען דמא בן נתינה, וועלכער האָט געוואוינט אין ירושלים און די פאָרשטעהער פונ׳ם בית־המקדש האָבען געוואָלט ביי איהם קויפען די נויטיגע איידעלשטיינער פאַר׳ן אפוד פונ׳ם כהן גדול, פאַר וועלכע ער האָט געקענט קריגען אַזאַ פאַרמעגען ווי ששים רבוא שקלים. זיינען אָבער די שליסלען פון דער קאַ־סע, וואָס די שטיינער זיינען דאָרט געווען באהאלטען, גע־לעגען אונטער׳ן קאָפּעך־קישען פון זיין פאָטער, וועלכער האָט גראָד דאַמאָלס געשלאָפען, און דער גוי דמא בן נתינה האָט נישט געוואָלט דעם פאָטער אויפוועקען, האָט ער נישט גע־קוקט אויף דעם פאַרלוסט פון אַזאַ פאַרמעגען און ער האָט די שטיינער נישט פאַרקויפט. דערפאַר איז ער פון דער השגחה בעלויהנט געוואָרען מיט אַ פרה אדומה פאַר וועלכען ער האָט אָבגעמאַכט זיין פאַרלוסט.

אָט דאָס זיינען מוסטערען פון אונזערע אַלטע באַגריפען וועגען ״כבוד אב ואם״ — און ווען מיר וועלען איינזעהען די פעהלערהאַפטיגקייט פון אונזערע געגענווערטיגע האַנדלונגען און מיר וועלען זיך נעהמען צוריק צו אונזער אַלטען שטייגער ביי דער ערציהונג פון אונזערע קינדער. אַזוי ווי ישעי׳ הנביא פיהרט אוים זיין נבואה (שם) כה אמר ד׳ קדוש ישראל ויוצרו

האותיות שאלונו על בני, אנכי עשיתי ארץ ואדם עליה בראתי, אני ידי נטו שמים וכל צבאם צויתי, אזוי האָט געזאָגט גאָט דער הייליגער פון ישראל און זיין באשאפער, איך האָב געמאַכט די ערד, און דעם מענשען אויף איהר בעשאפען. איך, מיינע הענד האָבען גענויגט די הימלען.

דאָס הייסט, אז דו מענש מוזט אנערקענען דעם פאקט דאָס, איך האָב די וועלט בעשאַפען און אויך דעם מענשען האָב „איך" בעשאפען. אלזאָ, פאלען שוין אוועק די טענות, דו האָסט דען מיך געמיינט? אָדער, ווער האָט דיך געבעטען די טובה? וועט ביי אונז מקוים ווערען דער פסוק „והשיב לב אבות אל בנים ולב בנים אל אבותם". און אַז דאָס וועט מקוים ווערען, וועט שוין אויך ממילא מקוים ווערען דער פסוק פון פריהער, וועלכער זאָגט: „הנני שולח לכם את אליה הנביא", וועלען מיר זוכה זיין צו „גלוי אליהו", און דאָס וועט אונז פיהרען צו דער אמת'ער גאולה רוחנית, מיר זאָלען פארשטעהען די ריכטיגע באַדייטונג פונ'ם „אנכי ה' אלקיך" און קענען מקיים זיין דעם „כבד את אביך ואת אמך", אַזוי ווי די תורה האָט אונז געהייסען. אמן כי"ר.

לשבועות — לא זו הדרך

לחזון התורה והדת.

עס איז אבסאלוט אומפארשטענדליך דער מענשליכער שכל קען דאס באין אופן ניט באגרייפען. ווי אזוי איז דאס מעגליך: אז א פאלק, וועלכע האט נאָרוואס געזעהן אזוי פיעל נסים ונפלאות פון גאט ב"ה ביי יציאת מצרים און קריעת ים סוף. א קורצע צייט צוריק געשטאנען ביים בארג סני און מיט עהרענפורכט זיך צוגעהערט צו דער דונערענדער געטליכער שטימע אויסרופענדיג אנכי ד' אלהיך. און מיט דעם נאקעטע אויג געזעהן די געטליכקייט אליין, היום הזה ראינו כי ידבר אלקים את האדם וחי, זייענדיג באזעלט מיט א וואונדערבארען מוטה און דערהויבען צו דער העכסטער מדרגה פון זעלבסטבאוואוסטזיין, צו זיין און ווערען א פאלק פון ממלכת כהנים. אלע ווי איינער איינשטימיג און פול מיט אומבאגרעניצטען ענטהוזיאזם באגייסטערט אויסצורופען אין דער מלאכים שפראך "נעשה ונשמע", און גלייכצייטיג אנערקענט משה'ן פאר דעם אויסדערוועהלטען פאסענדען פיהרער, ווי דער פסוק באשטעטיגט, ויאמינו בד' ובמשה עבדו.

טא ווי אזוי האט עס געקענט געשעהן, אז עד שהמלך במסבו נרדי נתן ריחו? אזוי שנעל ארונטער צו זינקען אין תהום, דאס זעלבע פאלק זאל נעהמען אזוי באגייסטערט טאנצען צו א גאלדענעם קאלב און אויסשרייען דעמאנסטראטיוו אלה אלהיך ישראל! ניין! מיר קענען ניט נעמען אט די אומפארשטענדליכע האנדלונג אזוי אויבערפלעכליך.

אום צו פארשטעהן אַט דעם טהאט טיפער און גרונדליך, מוזען מיר אריינקוקען אין תוך פון דער זאַך, און דאַן וועלען מיר אויסגעפינען, אַז די מעשה עגל איז ניט געווען זייער הויפט צוועק. ווי אונזערע חז"ל זאָגען: יודעים היו ישראל שאין בעבודה זרה שום ממש אלא שנתאוו לעריות. זאָגאר מיט טויזענט יאָהר שפעטער אין דער צייט פון חורבן בית ראשון ווען אידען זיינען געווען גייסטיג פארזונקען אין געצענדינעריי, איז די עבודה זרה ניט געווען זייער הויפט ציעל. נאָר איז בלויז געווען דער צוועק צום ציעל, שנתאוו לעריות! אונטער דער מאַסקע פון געצענדינעריי האָבען זיי געקענט אָנפיהרען זייער אויסגעלאַסענעם אָרט-לעבען אומגעשטערט.

אין אנאנדער אָרט געפינען מיר אויך, אַז דער שנתאוו לעריות איז אויסגעדריקט געוואָרען אין דער זעלבער פאָרמע. והאספסוף אשר בקרבו התאוו תאווה וישבו ויבכו גם בני ישראל ויאמרו מי יאכילני בשר, אָדער זכרנו את הדגה (במדבר י"א ד'), זאָגען אויף דעם אויך אונזערע חז"ל שנתאוו לעריות. בוכה למשפחתיו, על עסקי משפחתיו, על עריות שנאסר להם. זעהען מיר, אַז דער הויפט ציעל איז גאָר געווען שנתאוו לעריות.

דאָס ערקלערט אונז דייטליך דעם ענין, אַז דאָס אידישע פאָלק, וויסענדיג אַז השי"ת און זיין שליח דער גרויסער פיהרער משה זיינען זייער שטרייננג קעגען דעם אָרט אויסגעלאַסענעם לע-בען, וואָס זיי זיינען געוואוינט געוואָרען אין מצרים. האָבען זיי געוואָלט מאַכען צום גלויבען, אַז דאָס איז א מיטעל צו דינען גאָט ב"ה און שטאַרקען דעם דת. אַן אויגענשיינליכע אָפשפיגלונג פון יענער האַנדלונג, זעהען מיר היינט אין דעם לאַנד מיט אונזערע אויגען אין אונזער אידישען רעליגעזען לע-בען טאָג-טעגליך, וואו עס ווערען געמאַכט פאַרשידענע און-

כאראקטער אונטער דער מאסקע, אז דער צוועק איז א היילי־גער, ווי צום ביישפיל, חזוק התורה והדת, אויפצוהאלטען אונ־זערע רעליגיעזע אנשטאלטען, ווי ישיבות, תלמוד תורה׳ס וכדומה.

שומו שמים!

ווי מיר געפינען ביי מעשה ירבעם בן נבט, וועלכער האט געוואלט אפנייגען די אידען פון צו געהן עולה רגל זיין צום בית המקדש אין ירושלים, האט ער פאר דעם צוועק אויפ־געשטעלט צוויי גאלדענע קעלבער, איינעם אין דן, און דעם צווייטען אין באר שבע.

ירבעם האט זעהר גוט געוואוסט און פארשטאנען די פסי־כאלאגיע פון אידען, אז זיי וועלען ניט אויסבייטען דעם אל־מעכטיגען גאט, אויף שטומע קעלבער, מעגען זיי זיין געמאכט פון גאלד. האט ער דאס באווארענט דערמיט, וואס שם חקק בפי חטאת ירבעם והיתה מכרזת ואומרת אנכי ולא יהי לך (סנהדרין דף ק״ז, ע״ב). און ער האט זיין טהאט בארעכטיגט און פאר־הייליגט די קעלבער, מיט דעם וואס ער האט געוואלט מאכען אידען צום גלויבען, אז ער טוט דאס גאר לחזוק הדת.

דער גרויסער פיהרער משה, קומענדיג דאן אין דער מחנה ישראל און צוקוקענדיג, ווי אידען פייערען א סיום התורה כלומר׳שט, מיט רקודים ומחולות, בחורים מיט בתולות און מען גיט טהעאטער פארשטעלונגען פון גאלדערנע קעלבער לשם חזוק התורה, אויפצוהאלטען ישיבות און תלמוד תורה׳ס וכדומה, צוברעכט ער די הייליגע לוחות פאר זייערע אויגען, און צייגט זיי, לא זו הדרך!

מיט אזעלכע אונטערנעהמונגען צוברעכט מען גאר די תורה! און די עשרת הדברות פליהען אוועק. לא זו הדרך! מיט אזא האנדלונג און אויסטייטשונג, אז דאס איז דער וועג צו דינען גאט ב"ה און מחזק זיין דעם דת, איז מען ניט מקרב די הערצער פון אידען לאביהם שבשמים, נאר מרחק. עס שאפט די פארקערטע ווירקונג.

און דאס מאכט אונז קלאר די מסורה, קבר פתוח גרונם, אין דער אמת'ן זיינען די מיילער פון די רופענדיגע קעלבער און זייערע נאכפאלגער, וועלכער רופען כמעט אויף דעם זעלבען אופן, צו פאטראנאזירען עפענטליכע אונטערנעהמונגען, כלומר'שט פאר אידיש רעליגיעזע צוועקען. בלויז א שטומער קבר, וועלכער איז ווירקליך אפשטויסענד, און אודאי איז לא יהגו בגרונם, זיי טראכטען ניט און זיינען ניט פאראנטווארטליך פאר דעם רופען צו זיך. טא ווי זשע מאכט מען דאס פאר א צוציהענדען מיטעל, וועלכער זאל פארמאסקירט אפנארען מענשען, אז זייער רופען האט א ממשות'דיגען גייסטיגען צוועק?

רוממות קול בגרונם. טוט מען אריין די שמד שטיק אין דער יראה, און מען מאכט די קעלבער און זייערע נאכפאלגער צו שרייען אנכי ד' אלהיך, מיר מיינען דורכאויס דעם ריינעם רעליגיעזען ציעל צו דערגרייכען, וועלכעס איז אבסאלוט פאלש און עס האט גאר אן אנדער צוועק. לא זו הדרך!

אן אבסאלוטער זיכערער מקור פאר דער אויפהאלטונג פון אונזערע תלמוד תורות און ישיבות מוז געשאפען ווערען באופן אז אונזערע תורה פעסטונגען זאללען קענען עקזיסטירען על טהרת הקודש.

ליום ב׳ של שבועות

דוד מלך ישראל חי וקים

"כנור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד, וכיון שהגיע חצות לילה, רוח צפונית מנשבת בו והוא מנגן מאליו", (ברכות, דף ג׳ עמוד ב׳). אַ פידעל האָט געהאַנגען איבער'ן בעט פון דוד המלך, און ווען עס פלעגט אָנקומען די מיטערנאַכט, האָט אַ ווינטעל פון צפון - זייט געבלאָזען אויף דער דאָזיגער פידעל, האָט זי דאַן אַליין פון זיך געשפּיעלט, איז דאַן דוד אויפגעשטאַנען, און האָט עוסק געווען בתורה און געזאָגט שירים ותשבחות צום אויבערשטען.

דאַרף מען זיך אין דעם דאָזיגען מאמר פון דער גמרא גוט אַריינטראַכטען, ווייל חוץ דער שילדערונג פון אַזאַ וואונדער-באַרען פאַל, וואָס אַ פידעל האָט פון זיך אַליין געשפּיעלט, און וואָס עפּעס גראָד אַ רוח צפונית האָט געמאַכט דוד המלך'ס פידעל פון זיך אַליין צו שפּיעלען, שטעקט אין אָט דעם ענין זעהר אַ טיעפער רעיון.

דוד המלך איז נישט בלויז דער גראַנדיאָזער "נעים זמירות ישראל", דער מחבר פון ספר תהלים, וואָס די גאַנצע וועלט צוזאַמען מיט אַלע איהרע חכמות, ליטעראַטורען און פּאָעזיע פאַרמאָגט נישט זיינסגלייכען, נור ער איז אויך אַ סימבאָל צו די געשעהענישען פון די אידען, ווייל אַלסדינג, וואָס עס האָט פּאַסירט צו דוד המלך, האָט אויך פּאַסירט צום אידישען פאָלק. נשמות כל ישראל כלולים בדוד (זוהר).

אַ פּאַסטוך איז דוד המלך געווען אין זיין יוגענד, געהיט דעם פאָטער'ס שאָף אין די סטעפּעס פון יהודה, וואו עס איז

איהם אפטמאל אויסגעקומען, צו שלאגען זיך מיט ווילדע חיות, מיט א לייב אדער מיט א בער, וואס איז געקומען אוועקכאפען א שאף פון זיין סטאדע. און ווען ער פלעגט דאן ליגען אין פעלד לעבען די שאף, פלעגט ער זיך צושפיעלען אויף זיין פי־דעלע באגייסטערטע נגונים, וואס האבען דערהויבען זיין פרום הארץ אין דער באוואונדערונג פון גאט'ס נאטור, ווי ער האט דאס שפעטער באשריבען אין זיין "ברכי נפשי", וואו ער באזינגט די געטליכע קראפט און די נאטור, מיט זיין גאנצער נשמה.

ווען שאול איז נאך געווען דער מלך איבער ישראל, האט דער אויבערשטער אויסגעקליבען דוד'ן פאר א קעניג און ער האט ארויסגעשיקט דעם נביא שמואל, ער זאל איהם זאלבען. דערנאך האט ער אויפגענומען א מלחמה מיט גלית'ן און ער האט אויך געזיעגט.

זעהען זיך ממש די זעלבע געשעהענישען אינ'ם לעבען פון די אידען.

פונקט ווי דוד המלך האבען אויך די אידען געדארפט קעמפפען פאר דער אנערקענונג פונ'ם אויבערשטען מיט פאר־שידענע חיות און א צאהל גלית'ן וואס האבען געלעסטערט דעם אידישען גאט און זיי האבען נישט געוואלט געהען אין זיינע וועגען. און פונקט ווי דוד האט מיט זיינע גבורה ארויסגערופען די קנאה פון שאול און פון זיינע מענשען, האבען אויך די אידען געליטען פון קנאה־שנאה, וואס יעדער געלונגענער שריט זייערער האט ארויסגערופען ביי זייער אומגעבונג.

מיט די קלאנגען פון זיין פידעלע, האט דוד געדארפט בא־רוהיגען דעם רוח רע פון שאול המלך און ער האט זיך אויך גלייכצייטיג געדארפט אויסהיטען פון שאול'ס שפיז, וועלכע

ער פלעגט אויף איהם ווארפען, איהם צו טויטען. פונקט אזוי האָבען די אידען געדאַרפט פאַרשפּרייטען גאָט'ס תורה איבער דער וועלט און זיי האָבען זיך גלייכצייטיג געדאַרפט אויס־היטען פון די גוים'ס צאָרן, וועלכע האָבען זיך כסדר געקוויקט מיט דער אידישער תורה און חכמת ישראל און האָבען טראָצ־דעם געטשאַטעוועט אויף זייער לעבען.

דוד המלך האָט געמוזט אַנטלויפען פאַר שאול'ן און באַהאַלטען זיך אין הייהלען. דאָסזעלבע איז אויך געשעהען צום אידישען פאָלק. דערנאָך האָט דוד געמוזט אַנטלויפען פאַר זיין אייגענעם זוהן און דאָס פאָלק ישראל דאַרף אויך פיעל מאָל אַנטלויפען און זיך אויסבאַהאַלטען פאַר די אייגענע קינדער.

און ווען עס הערשט אַרום אונזער לעבען די פינסטערע נאַכט פונ'ם גלות, וועלכער רופט זיך "לילה", און דאָס פאָלק ישראל שלאָפט זיך אַ רוהיגען שלאָף, ווייל מען ווערט צוגעוועהנט צו דער פינסטערניש און מען דענקט, אז ווען עס איז רוהיג אַרום, קען מען רוהיג שלאָפען. קומט פּלוצים אַ בייזער ווינט פון צפון־זייט, וועלכער באַוועגט די סטרונעס פון אונזער פידעל און עס וועקט אויף דעם שלאָפענדיגען ישראל

דערזעהט ער פּלוצים, ווי עס ברענט אַלסדינג אַרום איהם, ווי די שונאים פון אַלע זייטען שטשירען אויף איהם די צייהן און ווילען איהם אויפפרעסען אַ לעבעדיגען...

זאָגט דערויף דער דובנער מגיד אַ זעהר פּאַסענדער משל:

ביי אַ רייכען מאַן איז געווען אַ בן יחיד, זעהר אַ נאָכגעגעבענער און אַ געצערטעלטער, איז ער געוואָרען זעהר קראַנק מיט אַזאַ שלאָף־קראַנקהייט, דאָס הייסט, ער פלעגט כסדר ליגען און שלאָפען — קיין שום אַנדער מיטעל איז ניט

געוועזן, נאָר איהם צו היטען, אַז ער זאָל ניט שלאָפען צו פיעל, וואָס האָט זיין פאָטער געטאָהן? ער האָט צוגענומען די פערינגע און די קישענס, אום עס זאָל זיין בן יחיד ניט זיין אָנגענעהם און בעקוועהם צו ליגען לאַנג אין בעט, אָבער מיט דער צייט האָט זיך דער אינגעל איינגעוואוינט צו שלאָפען אויפ׳ן הארטען געלעגער, און ער פלעגט ווידער שלאָפען אַזוי געשמאַק ווי בעפאָר. וואָס האָט דער פאָטער יעצט געטאָהן? ער האָט אין גאַנצען צוגענומען דאָס בעטעל און דער אינגעל האָט גע־מוזט שלאָפען אויף דער פאָדלאָגע. אָבער ליידער אויך צו דעם האָט זיך דער קראַנקער אינגעל באַלד צוגעוואוינט, ווען דער פאָטער האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז די אַלע מיטלען העלפען ניט? האָט ער פארבויגען זיין רחמנות און האָט געדונגען וועכטער, וואָס פלעגען מיט בייטשען שלאָגען דעם אינגעל, אָהן מיטלייד, ווי נאָר ער פלעגט איינשלאָפען, און איהם מיט געוואַלד אויפרייסען פון זיין שלאָף.

דער נמשל איז שוין אַליין פארשטענדליך. דער בן יחיד — בני בכורי ישראל — איז לוידער אָנגעשטעקט געוואָרען מיט דער שלאָף קראַנקהייט, און זייענדיג געפיעסצעט און געצערטעלט ביים פאָטער אין הימעל, האָבענדיג פאר זיך אַ ארץ זבת חלב ודבש רוהיג און בעקוועהם איז ישראל אַנשלאָפען גע־וואָרען, און האָט זיך אַוועק געקערט פון גאָט ב״ה. האָט הקב״ה, צוגענומען די פערינגע און קישענס, דאָס לאַנד און דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען.

און ישראל איז אין פרם ווידער אַמאָל איינגעשלאָפען און זיך צוגעוואוינט צום הארטען געלעגער פון גלות בבל, איז געקו־מען המן הרשע און זיי אויפגעוועקט פון זייער הארטען שלאָף. און ישראל׳ס פידעל האָט זיך וואונדער שעהן צושפיעלט אין מיטען דער נאַכט פון זייער גלות, ליהודים היתה אורה ושמחה

וששון ויקר, אורה זו תורה ושמחה זה יום טוב, וששון זו מילה, ויקר אלו תפלין. (מגילה ט"ז ע"ב)

— זיינען זיי איינגעשלאָפען אין גלות שפאניע קומט טאָרק וועמאָדע ימח שמו און אויפגעוועקט ישראל'ן פון זיין לעטאר־גישען שלאָף — און איהם דערמאָנט דאָס עס איז ניט זיין אייגען בעט. און אַזוי איז געשעהן מיט רוסישען אידענטהום אין די אכציגער יאָהרען. דאָס זעלבע זעהען מיר יעצט ווי דער רשע מרושע היטלער מיט זיינע נאַצים ימח שמו. האָבען דאָס דייטשע אידענטהום אויפגעוועקט און לאָזען איהם וויסען דאָס ישראל'ס בעט געפינט זיך גאָר אין ארץ ישראל און ניט אין דייטשלאַנד.

קורצענס, אַלערליי צרות שיקט אויף אונז אַן דער אויבער־שטער, אום אונז צו וועקען פון אונזער שלאָף, און ווען מיר גע־וואוינען זיך איין מיט די צרות און שלאָפען ווייטער, שיקט ער אויף אונז אַן די גוים, וואָס שלאָגען אונז און לאָזען אונז ניט רוהען . . .

ווייל הקב"ה גלייכט זעהר צו הערען דאָס שעהנע איידעלע האַרציגע האַרמאָנישע פידעלע פון ישראל, קומי רוני בלילה לראש אשמורות — שטעה אויף ישראל אין דער נאכט פון גלות לאָז הערען דיין שעהנעם הקול קול יעקב אין תורה ותפילה און שירים ותשבחות. און דאַן וועלען די צפון ווינטען פון די הידים ידי עשו שטיל בלייבען.

פרעגט זיך ווייטער, ווי קומט עס, וואָס דער ווינט פון צפון־זייט איז אַזאַ שלעכטער ?

האָט שוין ירמיה הנביא געזעהען, אַז "מצפון תפתח הרעה", פון צפון־זייט הויבט זיך שטענדיג אַן דאָס אומגליק. אין ירמיה'ס צייטען איז דאָס אומגליק געקומען פון בבל, וועל־

כעס געפינט זיך אויף דער צפון-זייט פון ארץ-ישראל. דאָס-גלייכען זאָגט דער מדרש (ילקוט איוב רמז תתקי"ג), אַז דעם ווינקעל פון צפון - זייט האָט דער אויבערשטער ביי דער באַשאַפונג פון דער וועלט נישט פאַרענדיגט. געפינען זיך דאָרט דערפאַר יענע שעדליכע ווינטען, וואָס ברענגען אומגליק פאַר די מענשען, ווי עס האָט שוין דער נביא יואל אַמאָל געזאָגט, אַז ווען אידען וועלען זיין גוט און פרום, וועט דער אויבערשטער מקיים זיין דעם פסוק "ואת הצפוני ארחיק מעליכם", דאָס הייסט, אַז ער וועט פון אונז דערווייטערען דאָס שלעכטע פון די צפונ'דיגע ווינטען.

און ווען דאָס אידישע פאָלק ליידעט די צרות פונ'ם גלות, ליידעט עס נישט אַליין, ווייל דער אויבערשטער כביכול ליידעט צוזאַמען מיט די אידען, ווי דער פסוק זאָגט: "עמו אנכי בצרה", וועלכעס מיינט, אַז דער אויבערשטער פיהלט כביכול דעם צער פונ'ם אידישען פאָלק צוזאַמען מיט אונז. בזמן שאדם מצטער שכינה מה אומרת? קלני מראשי קלני מזרועי.

שיקט ער דערפאַר אַ "רוח צפונית", אַ ווינט פון צפון-זייט, וועלכער זאָל וועקען די פאַרשלאָפענע און זיי אָנווייזען אויף דער גרויסער געפאַהר, אין וועלכער זיי געפינען זיך, גלייך ווי מען פויקט אַמאָל אין אַ קליין שטעדטעל אָדער מען לאָזט קלינגען אין מיטען דער נאַכט דעם פייער - גלאָק, דער עולם זאָל וויסען, אַז עס שוועבט אַ געפאַהר איבער די קעפּ פון די מענשען און מען דאַרף זיך ראַטעווען.

אמת איז אפילו, אַז אידען ווערען געשטאַרקט אין זייערע צרות, אַנדערש ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט. נישט פאַרהאַנען קיין פאָלק ווי אידען, וואָס די צרות און רדיפות זאָלען מאַכען זיינען גלידער אַזוי שטאַרק ווי שטאָהל און אייזען, ווי עס איז געוועהנליך ביי אידען. אַזוי זאָגט אויך די גמרא (מנחות

דף נ"ג עמוד ב') : "ישראל נמשלו לזית, מה זית אינו מוציא שמנו אלא על־ידי כתיתה, אף ישראל אין חוזרין למוטב אלא על־ידי יסורים", דאָס הייסט : אידען זיינען געגליכען צו אַן אוילבירט, ווייל אַזוי ווי אַן אוילבירט גיט נישט אַרויס זיין אויל ווי נור דורך שטויסען, אַזוי קעהרען זיך אידען נישט אום צום גוטען ווי נור דורך יסורים.

ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, איז דוד מלך ישראל דער סימבאָל פונ'ם אידישען פאָלק און ער איז אויך דער סימבאָל פון דער אידישער גאולה. אַזוי זאָגען מיר געוועהנליך "דוד מלך ישראל חי וקיים", ווייל עס לעבט אין אונז שטענדיג די האָפנונג, אַז מיר וועלען אייביג עקזיסטירען, "כי לא יטוש ה' את עמו", אַז דער אויבערשטער וועט נישט קיינמאָל פאַרלאָזען זיין פאָלק. דאָס איז אויך די אידעע פון משיח בן דוד, וואָס דער אויבערשטער וועט אונז שיקען, ער זאָל אונז אַרויספיהרען פונ'ם גלות. און ווען עס וועט קומען די ריכטיגע צייט, וועט זיך פאַרוואַנדלען דער ווינט פון צפון - זייט, וועלכער ברענגט שטענדיג אומגליק און ער וועקט די אידען, זיי זאָלען געדענקען, אַז זיי זיינען אין גלות, וועט דאַן יענער ווינט ווערען אַ סימבאָל פון ברכה, ווי דער פסוק זאָגט : "מצפון זהב יאתה" און ווי עס זאָגט אויף דעם די גמרא : "זו רוח צפונית שמזלת את הזהב", דאָס מיינט, אַז דער צפון-ווינט וועט מאַכען פליסען דאָס גאָלד.

און אַזוי ווי גאָלד איז אויך אַזאַ זאַך, צו וועלכער אידען זיינען געגליכען, דאַרף מען מיט דעם דאָזיגען פאַרגלייך ווייטער אָנגעהען און זאָגען, אַז מיר זיינען טאַקע ווי גאָלד. מען גיסט אונז איבער אין אַ טעסט, מען סמאַליעט אונז אין אויוועגס און מען קלאַפּט אונז צווישען האַמער פון אייביג—און מיר בלייבען אַלץ דאָסזעלבע גאָלד, און אַזוי וועלען מיר אויך בלייבען עד ביאת הגואל, אמן, כי"ר.

לשבת חזון

וואוהין זאָלען מיר אַנטלויפען?

ונפן ונסע המדברה דרך ים סוף כאשר דבר ה׳ אלי ונסב את הר שעיר ימים רבים; ויאמר ה׳ אלי לאמר: רב לכם סב את ההר הזה פנו לכם צפונה, ואת העם צו לאמר אתם עברים בגבול, אחיכם בני עשו היושבים בשעיר וייראו מכם ונשמרתם מאד (דברים ב׳ א—ד).

אין דער צייט, וואָס די אידען האָבען אויף זייער וואַנדערונג אין דער מדבר אַרומגערינגעלט דעם באַרג שעיר, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט צו געהען ווייטער, האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו זיי: ״רב לכם סוב את ההר הזה, פנו לכם צפונה!״ איהר האָט שוין גענוג ארומגעוואנדערט ארום דעם בארג שעיר און איהר דאַרפט זיך יעצט קעהרען צו צפון־זייט.

זאָגט אויף דעם ר׳ חייא, אַז דער אויבערשטער האָט געמיינט צו זאָגען צו די אידען: ״אויב איהר זעהט עשו׳ן, ווי ער שטעלט זיך אייך אַקעגען און ער רייצט זיך מיט אייך, דאַרפט איהר זיך אויסדרעהען אַן אַ זייט און איהר דאַרפט זיך פאַרנעהמען אין דער ריכטונג פון צפון״. דאָס מיינט, אַז איהר דאַרפט זיך באַהאַלטען פאַר עשו׳ן, ביז זיין צייט וועט פאַראיבער.

האָבען די אידען אויף דעם געזאָגט: ״רבונו של עולם! יצחק אבינו, וועלכער איז אויך געווען דער פאָטער פון עשו, האָט עשו׳ן געבענטשט מיט דער ברכה פון על חרבך תחיה, און דו זאָגסט אונז, מיר זאָלען זיך באַהאַלטען פאַר איהם, איז וואוהין זאָלען מיר לויפען, (דברים רבה א׳ י״ז).

ביי אַ שמועס וועגען אידען און זייער גורל אין גלות האָט אַמאָל דער גרויסער שונא ישראל, קייזער האדריאן (אדרינוס קיסר) באַמערקט: "גדולה היא הכבשה שעומדת בין שבעים זאבים", מיט וועלכען ער האָט געמיינט צו זאָגען, ווי באַדייטענד גרויס עס איז דאָס שעפעלע, וואָס קען שטעהען צווישען זיבעציג וועלף (אסתר רבה פרשה ו׳). איז ווייטער אַ קשיא, אַז ווען מיר זיינען טאַקע ווי אַ שעפעלע צווישען זיבעציג וועלף, ווייל מיר זיינען אַ פאָלק פאַרטריבען פון זיין לאַנד, אַרומגערינגעלט פון אַ וועלט מיט שונאים, טאָ וואו קען זיך אַזאַ פאָלק באַהאַלטען?

ענטפערט אויף דעם דער אויבערשטער: "אויב איהר זעהט, אַז עשו וויל זיך צו אייך טשעפּען, דאַרפט איהר אַנטלויפען צו דער תורה!" וועלכע ווערט אויך סימבאָליזירט אינ׳ם וואָרט צפון — שנאמר יצפון לישרים תושיה.

האומות מונין את ישראל ואומרים להם, אלהיכם הסתיר פניו מכם, וסילק שכינתו מכם, אינו חוזר עוד אליכם, והן בוכין ומתאנחין, וכיון שנכנסין לבתי כנסיות ולבתי מדרשות וקורין בתורה ומוצאין שכתוב ופניתי אליכם והפריתי אתכם ונתתי משכני בתוככם והתהלכתי בתוככם, והן מתנחמין (איכה רבתי).

די אומות-העולם רייצען זיך מיט די אידען און זיי זאָגען: "אייער גאָט האָט פאַרבאָרגען זיין פנים פון אייך. ער האָט אָפּגעטהון פון אייך זיין שכינה און ער וועט זיך נישט מעהר אומקעהרען צו אייך!" — טאָ וואָס קען מען אויף דעם ענטפערען?

זאָגט אויף דעם דער מדרש: "ווען אידען געהען אריין אין בית-המדרש און זיי זעצען זיך לערנען, געפינען זיי דעם

צוזאָג, אַז ווען די אידען וועלען היטען די געזעצען פון דער תורה, וועט זיך דער אויבערשטער צו זיי אומקעהרען. אַט דאָס איז זייער טרייסט און דאָס איז אויך דער ענטפער אויף די בייזע רייד פון די פיינדליכע פעלקער.

"מצוות שישראל עושים, טורפים על פניהם של אומות-העולם", זאָגט די גמרא (עבודה זרה דף ד' עמוד ב'), וועלכעס מיינט, אַז מצוות וואָס אידען טהוען, קלאַפּען איבער'ן פנים פון די אומות-העולם און זיי האָבען נישט וואָס צו זאָגען, ווען זיי זעהען, אַז די אידען האַלטען אַן די מצוות פון זייער תורה.

פאַרהאַנען אויך אַ מדרש (פתיחתא דאיכא רבתי), וועל-כער דערצעהלט, ווי די גוים זיינען אַמאָל געקומען צו בלעם הרשע און צו אבנימוס הגרדי פרעגען אַן עצה, צי זיי קענען זיך פאַרטשעפּען מיט די אידען. האָבען זיי יענע צוויי חכמים גע-ענטפערט: "לכו וחזרו על בתי כנסיות ובתי מדרשות שלהם, אם התינוקות מצפצפין בקולם, אין אתם יכולים להן, ואם לאו, אתם יכולין להם, שכן הבטיחן אביהם ואמר להם הקול קול יעקב והידים ידי עשו, כל זמן שקולו של יעקב נשמע בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, אין הידים ידי עשו שולטות בהם, וכל זמן שאין קולם מצפצף בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, הידים ידי עשו שולטות".

מיינט דאָס, אַז מען האָט די שונאים געהייסען געהען אי-בער די אידישע שוהלען און בתי-מדרשים, דאַרט צו באַאָבאַכ-טען די אידישע קינדער, ווייל ווען זיי שווישטשען מיט זייערע קול'בלעך, וועט מען זיי נישט קענען בייקומען, ווי עס האָט שוין לאַנג זייער פאָטער צוגעזאָגט מיט די ווערטער "הקול קול יעקב והידים ידי עשו", אַז ווי לאַנג יעקב'ס קול ווערט געהערט אין די שוהלען און בתי מדרשים, האָבען עשו'ס הענט נישט קיין שליטה איבער זיי.

דאָס גלייכען זאָגט א מדרש, זאת אשוב אל לבי על כן אוחיל (איכה ג׳ כ״א) אין זאת אלא תורה כמה שנאמר וזאת התורה, אומרים ישראל לפני הקב״ה, רבש״ע, אילולי תורתך שנתת לנו כבר אבדנו בין האומות, וכן דוד אומר לולי תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי (תהלים קי״ט). למחר כשיבא קץ הגאולה אומר להם הקב״ה בני אני תמה מכם האיך המתנתם לי כל אותן השנים? והם אומרים, אז צו-מאָרגענס ווען משיח וועט קומען, וועט דער אויבערשטער זאָגען צו די אידען: ״קינדערלעך מיינע, עס וואונדערט מיך אויף אייך, ווי אַזוי איהר האָט געוואַרט אויף מיר אַזאַ לאַנגע צייט!״ וועלען די אידען אויף דעם ענטפערען: ״רבונו של עולם! ווען נישט דיין תורה, וואָס דו האָסט אונז געגעבען, וואָלטען אונז די אומות שוין לאַנג אויפגעפרעסען!״

און ווען מיר לעבען יעצט איבער אַ טאָפּעלטען קריזיס אין אַזאַ פאָרמע, ווי עס איז שוין הונדערטער יאָהרען נישט געווען ביי אידען, ווייל דאָס איז אַ קריזיס, וועלכער איז בכח, צו אונ-טערגראָבען אַלע יסודות פון אונזער לעבען, ווייל ער איז אַ קריזיס פון פאַראַרימונג און פון שנאה. כמעט ווי איבער נאכט איז צושמאָלצען געוואָרען די אידישע עשירות אין אַלע לענדער, צוגאנגען ווי שניי אין וואסער. שטעהען היינט מיליאָנען אידען ביים ברעג פונ׳ם אָפּגרונד און שטרעקען אויס די הענט נאָך הילף, וואָס איין גאָט אין הימעל ווייסט, ווי אַזוי און פון וואַנען די דאָזיגע הילף קען קומען. און שטאַרקער נאָך פון דער פאַר-אָרימונג איז פּלוצים אַרויסגעוואַקסען אַ קריזיס פון שנאה, אויף וועלכען עס קען געזאָגט ווערען ״בקום עלינו אדם אזי חיים בלעונו״. אַזוי האַלטען די שונאים אין אַלע לענדער פון דער וועלט אין איין קלערען, אויסצוטראַכטען הבה נתחכמה״-דיגע פּלענער אויף אידען יעדען טאָג פרישע צרות און נייע רדיפות. די קוזא׳ס אין רומעניע. די דזשאַנסאָנס אין אַמעריקאַ. די פאַספּיעלדס אין ענגלאַנד. און די היטלערס אין דייטשלאַנד.

האבען מיר פון דעסטוועגען א שטיקעל טרייסט און דער מיט פון אלע אונזערע צרות, דאס איז וואס דער מדרש דער־צעהלט, אז ווען קייזער וועספאזיאן (אספסינוס קיסר) האט באַ־לאגערט ירושלים, האט ער געהאט מיט זיך פיער דוכסים: דעם דוכס פון אלעקסאנדריע, דעם דוכס פון אפריקע, דעם דוכס פון פאלעסטינע און דעם דוכס פון אראביע.

סאנגאר האט דער דאזיגער דוכס פון אראביע געהייסען, און די פיער דוכסים, וואס וועספאזיאן האט מיט זיך געהאט, האבען צווישען זיך איינגעטיילט די שטאדט ירושלים, זי איינ־צונעהמען און חרוב צו מאכען. האט סאנגאר דער אראבער גע־קראגען די מערב-זייט פון ירושלים.

האבען דאן די אנדערע דריי דוכסים חרוב געמאכט זייערע דריי זייטען—און סאנגאר האט נישט געקענט חרוב מאכען די מערב-זייט פון ירושלים, ווייל דער אויבערשטער האט גוזר גע־ווען, אז די מערב-זייט זאל נישט קיינמאל חרוב ווערען, ווייל "די שכינה רוהט אויף מערב-זייט". איז דאס פאר אונז א צו־זאג, אז דאס איבערבלייבעניש פון אונזער בית-המקדש, דער כותל מערבי, דער איינציגער קלאג-ווינקעל, וועלכער איז אונז פארבליבען, וועט אייביג זיין אונזער און עס וועט איהם נישט קיינער קענען אוועקנעהמען ביי אונז.

איז טאקע דאס, וואס מיר טרויערן אזוי לאנג אויף אונזער חורבן און וואס מיר שטאלצירען מיט אט דעם קליינעם קלאג־ווינקעל, וואס מיר פארמאגען, א לעבעדיגער עדות פאר אונז, אז אונזער פאלק לעבט. נגזר על המת שישתכח מן הלב. ווען מיר זאלען חלילה האבען אויפגעגעבען אונזער האפנונג אויף דער צוקונפט, וואלטען מיר שוין לאנג אויפגעהערט טרויערן אויף דעם חורבן, וועלכער האט פאסירט מיט שוין אריבער 1860 יאהר צוריק, איז דאס דער בעסטער סימן, אז מיר

לעבען און מיר ווילען אויך ווייטער לעבען. אין מקבלין תנחומין על החי...

ווען מיר וואלטען נישט ערווארטעט דאס אנקומען פון דער גאולה, וועגען וועלכער מיר זאגען "אף על פי שיתמהמה, אחכה לו בכל יום שיבא", וואלטען מיר שוין לאנג פארגעסען, אז מיר האבען אמאל געהאט אן אייגען לאנד.

צווישען די פארשיידענע אורזאכען, צוליעב וועלכע ירושלים איז חרוב געווארען, פארנעמט דעם ערשטען פלאץ די אורזאך, וואס אידען פארלאזען די תורה און נישט געהיט קיין שבת. די שטאדט טור שמעון — זאגט דער מדרש (איכה רבתי פרשה ה׳ פיסקא ב׳) — איז חרוב געווארען, מפני שהיו משחקין בכדור בשבת, ווייל זיי האבען דארט געשפיעלט באל אום שבת.

זאלען זיך אונזערע מאקאבעיער און אלערליי ספארט ארגאניזאציעס אין ארץ ישראל גוט אריינטראכטען אין דעם, דאס דורך דעם הלול השבת-קודש פון זייער פוט-באל, בייז-באל וכדומה, קענען זיי ח"ו גורם זיין א חורבן.

לאמיר זיך אלזא אומקעהרען צו דער תורה, צו שמירת שבת און צו די אנדערע מצוות. לאמיר זיך סטארען צו פאר-שטעהען, וואס דער ירושלמי זאגט (אין פאה פרק א׳ הלכה א׳): "כל העולם כלו אינו שוה לדבר אחד מן התורה", אז די גאנצע וועלט קען זיך נישט פארגלייכען צו אייןווארט פון דער תורה — ווייל ווען מיר וועלען אפהיטען די מצוות פון דער תורה און מיר וועלען פארשטעהען אפצושאצען די באדייטונג איהרע, וועלען מיר זוכה זיין צו דער גאולה שלמה. אמן, כי"ר.

* *

לשבת נחמו שיבת ציון

ירמי׳ הנביא דער אויסדערוועהלטער נביא פון גאָט ב״ה, מיט זיין אויסערגעוועהנליכע אומבאגרעניצטע פאָטערליכע ליבע און אויפריכטיגע איבערגעגעבענהייט צו זיין פאָלק און מיט מענשען, וועלכער איז באזעסען זעהר פיעל געדולד צו ליי־דען פאר זיינע ברידער און האָט מיט פיעל פארביטערונג אויס־געגאָסען זיין הארץ און נשמה אויף דעם ביטערען שיקזאל, וועלכעם ער האָט פאָראויס געזעהן, אז עס דערוואַרטעט זיין פאָלק און לאַנד, וועלכער האָט באַוויינט ביטער דעם גרויסען נאַציאָנאַלען אומגליק פון חורבן הבית און דעם שרעקליכען גלות.

ווי ער דריקט זיך אוים אין זיין קינה מבליגיתי עלי יגון עלי לבי דוי על שבר בת עמי השברתי הצרי אין בגלעד אם רופא אין שם? מדוע לא עלתה ארוכת בת עמי?

מי יתן ראשי מים יעגני מקור דמעה ואבכה יומם ולילה את חללי בת עמי. (ירמיה ח׳, י״ח — כ״ג).

ירמי׳ דער גרויסער אָפטימיסט, וועלכער האָט אין דער־זעלבער צייט, וואָס ער האָט נביאות געזאָגט אויפ׳ן חורבן, אויך פאָראויסגעזאָגט טרייסט און דערמוהטעגונג, וואָס עס וועט זיין באחרית הימים, ווי מיר זעהען דאָס אין ספר ירמי׳ (קאַ־פיטעל ל׳ - ל״א,) ואתה אל תירא עבדי יעקב ואל תחת ישראל כי הנני מושיעך מרחוק ואת זרעך מארץ שבים ושב יעקב ושקט ושאנן ואין מחריד, כי אתך אני נאם ד׳ להושיעך כי אעשה

כלה בכל הגוים, כי אעלה ארוכה לך וממכותיך ארפאך נאם ד׳. כה אמר ד׳ הנני שב שבות אהלי יעקב ומשכנותיו ארחם ונבנתה עיר על תילה, וארמון על משפטו ישב ואהבת עולם אהבתיך על כן מלכתיך חסד, הבן יקיר לי אפרים אם ילד שעשועים כי מדי דברי בו זכור אזכרנו עוד, על כן המו מעי לו רחם ארחמנו נאם ד׳.

פרעגט זיך ? ווי קומט עס, האבענדיג אליין געטרייסט זיין פאלק מיט אזא ווארימע דערמוהטיגונג, איבערצוגעהן צו אזא פלוצימדיגען פעסימיזום און אויסשרייען פול מיט פאר־צווייפלונג די ווערטער כי רחק ממני מנחם משיב נפשי, היו בני שוממים כי גבר אויב ?

און ספעציעל אין א דערשלאגענע צייט ווען דער מוטה איז צובראכען, מען שטעהט אזוי מוטלאז און איינזאם מיט שונאים ארום פון אלע זייטען ווען א גוט און ווארעם ווארט פון דערמוהטעגונג העלפט ווי א גוטער באלזאם צו א פערוואונדעטע הארץ, פארברעכט ער ירמי׳ הנביא די הענט אין פארצווייפלונג. און שרייט אוים כי רחק ממני מנחם משיב נפשי: אז טרייסט און האפענונג איז זעהר ווייט פון ישראל, גראדע דאן ווען טרייסט איז אממערסטען נויטיג און וואלט געבראכט א האלבע נחמה וויינינגסטענס אין דעם ביטערען גלות, זאל עס דער גרוי־סער ירמי׳ הנביא צונעמען, היתכן ?

דערום מוזען מיר פארשטעהן, אז אין די ווערטער פון ירמי׳ הנביא ליגט פארבארגען א גרויסער און טיפער געדאנק אין וועלכען די ווערטער מיינען אדרבא טרייסט, און ציעלען צו די פארקערטע ווירקונג, און אריינברענגען מוטה, טרייסט, און האפענונג אין די הערצער פון ישראל אנשטאט פארצווייפלונג.

מיר וועלען דאָס פאַרשטעהן מיט אַ ביישפּיל, בעת מען רופט אַ גרויסען דאָקטאָר צו אַ געפערליך קראַנקען מענשען. און דער דאָקטאָר איז ערנסט פאַראינטערעסירט דעם קראַנקען צו העלפען (ער מיינט ניט אַבי צו קריגען זיין באַלאָהנונג און אוועקגעהן.) נאַטירליך באַטראַכט ער דעם קראַנקען פון אַלע זייטען און ער באַמיהט זיך און זוכט מיט אַלע וועגען און מיט־לען פעסטצושטעלען דעם אָרט וואו די קראַנקהייט געפינט זיך. נאכהער ווי ער שטעלט די ריכטיגע דיאגנאז פון דער קראַנק־הייט, פאַרשרייבט ער די געהעריגע מעדיצין די קראַנקהייט צו באַזייטיגען, און איינצייטיג צו פאַרהיטען, אַז די קראַנקהייט זאָל זיך ניט ווידערהאָלען אָדער פאַרשפּרייטען אין אַנדערע טהיילען פון מענשליכען קערפּער. און ער געפינט אויך פאַר־נויטיג דעם קראַנקען צו וואָרענען, אַז ער זאָל אויסמיידען און ניט קומען מעהר צו די סבות פון וועלכע ער איז יעצט קראַנק!

אַ אָבשפּיגלונג פון דעם אויבען דערמאָהנטען געדאַנק זעהען מיר אין דעם גרויסען נביא׳ס וואָרנונג און טרייסט, שטראָף און דערמוטהיגונג.

דאָסזעלבע זעהען מיר אין גאַנג פון אונזער יעצטיגען לעבען, ווען אונזערע גרויסע דאָקטוירים קומען זיך צוזאַמען צו בעטראַכטען פלענער און זוכען פאַרשידענע וועגען און מיט־לען צו קורירען די קראַנקהייט פון פאָלק ישראל! און קלערען הבה נתחכמה, ווי אַזוי ראַטעוועט מען דעם חולה, איז ווי מיר זעהען, די קראַנקהייט פאַרשטעהען זיי זעהר גוט, זיי זעהען דייטליך, אַז דער חולה איז אין אַ [illegible]עכט קריטישען צושטאַנד, אַלע ווייסען אַז די קאָנסעקווענצען פון דעם לאַנגען און אונענד־ליכען פינסטערען גלות ברייננען צו די שרעקליכסטע רעזול־טאַטען, ווי האַס, רדיפות, עקאָנאָמישע פאַרניכטונג, אַסימי־לאַציע א. אז. וו.

די הויפט פראגע וואס אונזערע פאלקס דאקטוירים דארפען זיך שטעלען איז: פון וועלכער סבה האט זיך די קראנקהייט גענומען? פארוואס איז חרוב געווארען דער בית המקדש. ווארום זיינען די אידען פארטריבען געווארען פון זייער לאנד, ווער האט די שטארקע טויערען פון דער הייליגער שטאדט ירושלים צושטערט?

דער ענטפער אויף דעם וועט אפשר זיין אז: נבוכדנצר האט דאס אלעס געטאן מיט די כשדים, גיט אויף דעם ירמי׳ הנביא א קאטעגארישען ענטפער אין וועלכען ער שרייט אויס פול מיט פאטהאס! אז לא האמינו כל מלכי ארץ וכל יושבי תבל כי יבוא צר ואויב בשערי ירושלים. הי׳ ה׳ כאויב בלע ארמנותיה, ממרום שלח אש בעצמותי.

פון די איבערצייגענדע רייד נעמען מיר ארויס, אז מיט נאטירליכע מיטלען איז געווען אוממעגליך פאר דער שטארק-סטער מאכט זיך אריינצוברעכען אין די טויערען פון ירושלים, ווי אונזערע הייליגע חז״ל דערצעהלען, אז נבוכדנצר האט מיט זיך מיטגעבראכט דריי הונדערט מויל-אייזלען מיט צערשטע-רענדע ארטילעריע אינסטרומענטען צו שטורעמען די טוי-ערען פון ירושלים. און די אלע שטורעם כלי-משחית זיינען צו-בראכען געווארן ביים שטורמען נאר איין טויער, און אפילו דער איינציגער טויער האט זיך דאך ניט געעפענט.

און נבוכדנצר איינזעהענדיג דעם פאקט, אז עס איז נוצ-לאז צו באקעמפען אזא שטארק פאלק אויף א נאטירליכען אופן, האט שוין געוואלט געהן צוריק אהיים, און אויפגעבען דעם געפלאנטען קאמפף, האט א בת קול צו איהם אויסגעשריען פון הימעל! עבדא בישא אחריב ביתא דמרך: שלעכטער פערדארבענער שקלאף, מאך חרב דאס הויז פון דיין האר. דאס הייסט, אז פון הימעל האט מען איהם איבערגעגעבען, אז

ער זאָל זיין דער צושטערער פון אידישען לאַנד און פון אידישען פאָלק. און דאַן האָט ער דאָס הערשט געקענט באַווייזען זיי צו באַהערשען, אָבער אין קיין פאַל ניט מיט פיזישער מאַכט. טאָ וואו ליגט די סיבה, און ווער איז שולדיג אין דעם וואָס ירושלים איז דאָך חרוב געוואָרען?

אויף דעם גיבען אונזערע הייליגע חז"ל אן ענטפער. לא חרבה ירושלים אלא שבטלו בה תינוקות של בית רבן. ירושלים איז צושטערט געוואָרען, ווייל אידען האָבען ניט געגעבען זייערע קינדער קיין אידישע דערציהונג, כדכתיב שפוך על עולל בחוץ לא חרבה ירושלים אלא בשביל שביזו בה תלמידי חכמים. ירושלים איז חרוב געוואָרען, ווייל זיי האָבען מבזה געווען די תלמידי חכמים, כדכתיב ויהיו מלעיבים במלאכי אלקים ומתעתעים בנביאיו. לא חרבה ירושלים אלא בשביל שלא הוכיחו זה את זה. ירושלים איז צושטערט געוואָרען, ווייל אידען האָבען ניט געזאָגט קיין שטראָף רייד איינער דעם צווייטען, ווי ירמי' הנביא שפרעכט זיך וועהטאָגליך אויס, נביאיך חזו לך שוא ותפל, ולא גילו על עונך, על מה אבדה הארץ? האָבען די חכמים, נביאים, און אַלע אַנדערע זיך פערוואונדערט געפרעגט ויאמר ד' על עזבם את תורתי לא חרבה ירושלים אלא בשביל שבטלו תרומות ומעשרות, לא חרבה ירושלים אלא בשביל שהעמידו דבריהם על דין תורה, ווייל זיי האָבען זיך שטענדיג געהאַלטען ביים דין, און קיינמאָל ניט געטאָן לפנים משורת הדין.

לא חרבה ירושלים אלא בשביל שהשוו קטן וגדול שנאמר והיה כעם ככהן (ישעיה כ"ד).

לא חרבה ירושלים אלא בשביל שחללו בה את השבת.

לא חרבה ירושלים אלא בשביל שביטלו קריאת שמע שחרית וערבית.

פון די אלע פאקטען מוזען מיר קומען צום באשלוס, אז אלע חובבי ציון וירושלים, אלע וועלכע טרויערען דורות לאנג אויף דעם חורבן ירושלים, און די וועלכע ווילען זי בויען, דארפען צום אלעם ערשטען צוגעהן צום שורש און אויסווארצלען די אלע איבלען און באזייטיגען די אלע סיבות, וועלכע האבען גורם געווען דעם הורבן אמאל, און פארהיטען ישראל ניט צוגעהן ווייטער אין זומפ פון זינד און צושטערונג.

די מיטלען אום צוריק צו בויען ארץ ישראל, דארפען דערום זיין צו היטען שבת קודש ווי געהעריג איז. דערציהען די קינדער אין אידישען וועג. רעספעקטירען און ליעבען א תלמיד חכם. לערנען תורה אליין און אויב מעגליך מיט אנדערע, לכל הפחות קובע זיין עתים לתורה. אויפפאסען אויף אידישקייט אין הויז. ליעב האבען צו הערען תוכחה ומוסר. זעהן צו לעבען בשלום מיט אלע מענשען, און ארויסרייסען פון הארצען יעדען געפיהל און פארדאכט פון שנאת חנם, און זיין פון די, וואס זיינען מרבים שלום בעולם.

און אין דערזעלבער צייט ברייגען צו דער אויפמערקזאמקייט אלע מענשען, אז זיי זאלען אויך געהן אויף דעם זעלבען וועג אין זייער לעבען, ומלאה הארץ דעה את ד׳.

דאן! וועט מען קענען גרינג און אייניג צוטרעטען צום בנין ציון וירושלים. און עס וועט זיין אן אמת׳ער בנין של קיום, אזוי ווי הקב״ה האט געזאגט, כי אני ד׳ באש הצתה, ובאש עתיד לבנותה.

דערמיט פארשטעהן מיר וואס ירמי׳ הנביא האט געמיינט מיט זיין אויסגעשריי, כי רחק ממני מנחם, אז אויב ישראל דענקט און גיט צו דעם פאקט, אז נבוכדנצר און טיטוס הרשע האבען מיט נאטירליכע מיטלען ניט געקענט באהערשען און חרוב מאכען ירושלים!

נאר וואס דען האט פאסירט, ממרום שלח אש. בלע ד׳ ולא חמל, דאס הייסט שוין, אז אלעס האט פאסירט פון דער האנד פון דער השגחה. צו דעם איז שוין דא א שטיק נחמה, אז יעדען טאג און יעדע מינוט איז דא א האפענונג, אז גאט ברוך הוא וועט צוריק בויען ציון וירושלים.

ווארום מיר ווייסען, אז לא עביד קוב״ה דינא בלא דינא. היינט אין דעם מאמענט, ווען מיר וועלען גוט מאכען די פעה־לערען, וועלכע האבען גורם געווען דעם חורבן. מיר וועלען תשובה טאן, מיר וועלען דערנעהנטערען אונזערע הערצער צו גאט ב״ה, וועט דער אויבערשטער זיכער מקים זיין, זיין צוזאג פון ושב ד׳ אלהיך את שבותך וכו׳. דאן וועלען אלע ישועות ונחמות פארווירקליכט ווערען.

אבער צו די שוואכלינגע אין אונזערע רייהען וועלכע דענ־קען אז דער נאציאנאלער אומגליק איז געשעהן אויף א נאטיר־ליכען וועג. (ווי מיר קענען צייטענווייז זעהן, אז א שטארקע ארמיי באזיגט דער שוואכערער), און די קאטאסטראפע פון חורבן איז אויך געשעהן אויף דעם דרך העולם, אז א שטארקע ארמיי האט באזיגט און חרוב געמאכט ציון וירושלים בדרך הטבע, און די ״גאולה״ וועט אויך צו אונז קומען אויף א נא־טירליכען אופן, דאמיט וואס מער וועלען זיך פיזיש שטארקען.

זאגט צו זיי ירמי׳ הנביא דראמאטיש, על אלה אני בוכיה, אויף דעם קלאג איך און וויין. עיני עיני יורדה מים כי רחוק ממני מנחם משיב נפשי, ווייל היו בני שוממים. מיינע קינדער זיינען ווילד און ריידען זיך איין אז עס איז בלויז געווען א פאל פון כי גבר אויב, דאן איז חס ושלום רחק ממני מנחם, איז די טרייסט זייער ווייט.

דאמיט קען מען טייטשען די ווערטער פון ירמיה "וילכו בלא כח לפני רודף" (איכה א׳ ו׳). אז דאס גרעסטע אומגליק איז וואס מיר קריכען צום וואלף אין מויל אריין, מיט אונזער אייגענעם רצון, אהן שום כח און צוואנג פון רודף׳ס זייט, קריכען מיר נאך איהם, באמיהענדיג זיך צו געהן אין זיינע וועגען און איבערצונעהמען זיינע מדות און לעבענס שטייגער. דעריבער איז טאקע מדה כנגד מדה, וילכו בלא כח לפני רודף. צו געהן געגען דעם רודף מיט זיינע נאטירליכע כלי זיין, וועסטו קיין מאכט און קיין כח ניט האבען. אין דער אמת׳ן איז אין הדבר תלוי אלא בתשובה.

און מיט א געבראכענעם געמיט שרייען מיר אוים, השיבנו ד׳ אליך ונשובה חדש ימינו כקדם! ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן.

מאַדהערס דעי.

כל רואיהם יכירום כי הם זרע ברך ה׳.

ויצא בן אשה ישראלית והוא בן איש מצרי בתוך בני ישראל וינצו במחנה בן הישראלית ואיש הישראלי. ויקב בן האשה הישראלית את השם ויקלל ויביאו אתו אל משה ושם אמו שלמית בת דברי למטה דן. (ויקרא כ״ד י. י״א.)

זינט די וועלט עקזיסטירט האָט די מענשהייט פון אזא יום טוב ווי מוטער׳ס טאָג ניט געהערט, און לויט דעם אידישען שטאַנדפונקט איז ניטאָ אזא זאַך, אז עס זאָל זיין א אויסגעזעצ־טער טאָג אין יאָהר, וועלכער זאָל זיין געווידמעט צום געדענקען, ליבען און אַכטען דער מוטער, משמעות אז די איבעריגע דריי הונדערט פיער און זעכציג טעג פון יאָהר מעג מען זי פאַרנאכ־לעסיגען. לויט׳ן אידישען דין ווייסען מיר, אז כבד את אביך ואת אמך. מיר דאַרפען עהרליך האַלטען ביידען, דעם פאָטער מיט דער מוטער יעדען טאָג אין יאָהר. דערפאַר זעהט אויס, אז אויב מיר האָבען אזא ספּעציעלען מוטער׳ס יום טוב, און קיין לאַנד און אין קיין צייט ניט געהאַט, איז שאַפּענדיג אזא טאָג אין 20טען יאָהר הונדערט אַן איבערראַשענדע ערשיינונג.

דאָס ליידער דערצעהלט אונז א גרויסע און טאָפּעלע טראַ־געדיע. נעמליך, די באַציהונג פון דער מוטער צו איהרע קינדער, דאָסזעלבע פון קינדער צו זייער מוטער. די פרוי אין אַלע לענ־דער און אַלע צייטען, האָט געפיהלט, אז זי מיט אַלע איהרע אינסטינקטען און אייגענשאַפטען איז געשאַפען צו דערפיהלען

א הייליגע אויפגאבע צו זיין א מוטער, און אז זי דארף זיך ווידמענען מיט אלע איהרע געפיהלען און חושים צו ווערען א מוטער, א געטרייע דערציהערין און פארזארגערין פאר איהרע קינדער (וועלכע זאלען פארטזעצען דעם קיום העולם), פון פריה באגינען ביז שפעט אין אווענט, און אפילו דורך די נעכט איז זי שטענדיג געווען אויף דער וואך, פון דעם טאג פון זייער געבארען ווערען, ביז זיי זיינען שוין געווען גרוים גענוג און זעלבסטשטענדיג, און אפילו בעת זיי זיינען שוין געווען אוועק פון איהר הויז.

און איהרע קינדער פיהלענדיג זייער מוטער'ס טריישאפט און איבערגעגעבענהייט, האבען זייער מוטער געדאנקט און צוריק-געצאהלט מיט זייערע שעהנסטע קינדערשע געפיהלען, הארציגקייט און איברגעבענהייט.

די קינדער האבען אין זינען געהאט זייער מוטער, יעדען טאג פון יאהר, יעדע שעה פון טאג. עס איז קיין הייליגערע זאך אין זייער לעבען, ווי זייער מוטער ניט געווען.

עס איז אין דער הארמאנישע געגענזייטיגער ליבע און פארשטענדניש געווען געטליכע שעהנהייט, און גוטע מדות און דער אויפפיהרונג.

כל רואהם יכירום כי הם זרע בירך ד'. אלע האבען אין דעם געזעהן א מתנה פון גאט אליין. וואס זעהען מיר אבער אין דעם לאנד היינט אין 20טען יאהר הונדערט.

צום אנפאנג וויל די היגע פרוי אין גאנצען אויסמיידען צו ווערען א מוטער, דאס ווערט פון איהר פארשטייסען אן דער זייט, צוליעב די כלומר'שטע פערזענליכע פרייהייט, פיזישען

געגום און באַקוועמליכקייט, צו וועלכעם די מוטערשאַפט וואָלט אפשר געווען אַ שטערונג.

און ווען אַ פרוי ווערט שוין יאָ אַ מוטער, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג, זוכט זי אוים אויף פאַרשידענע אופנים אַלע וועגען און מיטלען, אַז איהר קינד זאָל איהר ניט זיין קיין שטערונג.

זי שיקט דאָס קינד אין סקוהל, אָדער זיך שפּיעלען אין גאַס, וואו עס טרעפען זיך מיט צווייפעלהאַפטע חברים (וועלכע שאַפען דעם באַדען פאַר דעם קינד'ס שלעכטע אויפפיהרונג), כדי זי די מוטער זאָל זיין פריי און ניט געשטערט אין איהר פאַרגעניגען אַרויסצוגעהן צו טעהאַטער, מואווים, אָדער ברידזש שפּיעלען.

דער קאָנסעקווענץ דערפון איז: אַז דער קינד וואַקסט אוים אַ גאַט'ס לעסטערער, שלעכט צו גאָט און צו מענשען. אַ לאַסט און שאַנד פאַר דער געזעלשאַפט און פאַר זיין פאָלק, ווייל די אשה ישראלית שטרעבט בלויז צו זיין פריי פאַר איהרע באַקוועמליכקייטען. אויף דעם אופן דערווייטערט זי איהר קינד פון זיך און פון זיין פאָלק כמעט אַלע טעג פון יאָהר. און דאָס איז דער גורם, וואָס מיר זעהען זייער אָפט אויף די שפּאַלטען פון די טעגליכע צייטונגען די נעמען פון אידישע קינדער פאַרמישט אין פאַרשידענע פאַרברעכענס, מערדעריי און אַנדערע אויסגעלאַסענע האַנדלונגען, וועלכע עס קען קיין צעהנדליגע בינטלאַך בלומען ניט פאַרשטעלען, און דער יום טוב "מוטער'ס טאָג" צייגט אונז דייטליך די טראַגעדיע, וואָס עס האָט זיך געשאַפען אין אונזער היינטיגען לעבען דורך דער מוטער'ס עגאָאיזם. און דער תכלית דערפון וועט סוף כל סוף ציהען דער וועלט'ס און מוטערליכע אויפמערקזאַמקייט צו דעם פונקט, וואו זיי וועלען מוזען איינזעהן דעם באַגאַנגענעם גרויסען פעהלער צו די קינדער און צו די מענשהייט, אַז עס קען ווייטער אַזוי

ניט אָנגעהן. און די מוטער'ס וועלען זיך נעמען צוריק אויפ'ן וועג פון אמת און נאַטירליכקייט, ווי די פרוי אין דער אַלטער היים. זיי וועלען זיין געצוואונגען פון זיך אליין צו עפענען זייערע אויגען און גוט צומאַכען זייער פעהלערהאַפטע האַנדלונג מיט ברייגנען אַ קרבן צו פאַרבויגען זייערע פערזענליכע פאַר־גענינענס צו זיין אַן אמת'ע מוטער אַלע טעג פון יאָהר.

און די קינדער וועלען זיכער באַמערקען און אָפּשאַצען די גוטע באַציהונג און נאַהנטקייט פון זייער מוטער, און זיי וועלען איהר געבען כבוד און ליבע יעדען טאָג פון יאָהר, דער בונד וועט ווערען ענגער פאַרקניפּט צווישען מוטער און קינ־דער. עס וועלען זיכער באַזייטיגט ווערען פיעל טראַגעדיעס אין אידישע פאַמיליעס און די שוידערליכע איבלען פון אידי־שען לאַגער.

עס וועט זיך ניט איבער'חזר'ן דער פאַל פון — ויקוב בן האשה הישראלית את השם ויקלל. דער פסוק דערקלעהרט אונז, ווי קומט עס, אַז אַ אידישער זוהן זאָל באַגעהן אַזאַ סקאַנ־דאַליעזען אַקט, אַרויסגעהן אין דער מחנה ישראל און לעסטערן גאָט ב"ה?

איז דער תירוץ, ושם אמו. דאָס שטאַמט פון דער מוטער, ווייל ווייסט איהר ווער זיין מוטער איז געווען? שלומית בת דברי. זאָגט דערויף רש"י הקדוש בשם המדרש, דהות פטפטה, שלם עלך, שלם עלך, שלם עליכין מפטפטת בדברים, שואלת בשלום הכל. בת דברי, דברנית היתה מדברת עם כל אדם לפיכך קלקלה.

איהר געדאַנק איז ניט געווען אָפּצוגעבען זיך מיט דער אידישער און מענשליכער דערציהונג פון איהר קינד, נאָר זי האָט שטענדיג געהאַט צייט צום פּלוידערען און פאַרברייגנען

מיט פרעמדע מענער און אלעמען באגריסט שלם שלם. ובת דברי זאגט וויטער רש"י הקדוש, דברנית, היתה מדברת עם כל אדם, זי פלעגט נאר אפגעבען איהר צייט מיט איהר טואלעט, כדי געפעלען צו ווערען אנדערע מענער און פארברייגגען אין זייער געזעלשאפט. פון אזא אויפפיהרונג איז דער רעזולטאט, אז דער בן געהט ארוים און באשמוצט דעם שעהנעם נאמען אפילו פון זיין גרויסען עלטער זיידען. מגיד שהרשע גורם גנאי לו גנאי לאביו וגני לשבטו. שאנד צום גאנצען אידישען פאלק

דערום מוטער'ס! זעהט זיך ארום איידער עס ווערט צו שפעט. ווערט ניט באגייסטערט פון די קוואדערדיקע בוקעטען בלומען אדער אנדערע מתנות, וואס א קינד וועט אייך פרעזענטירען צו אייער מוטער'ס טאג. איהר קענט דערהויבען דעם שעהנעם געפיהל און מאכען, אז דער יום טוב זאל זיין א דויער-האפטער ניט איין טאג אין יאהר. עס ליגט אין אייערע הענט.

אייערע קינדער וועלען אייך פלעכטען לארבער קראנצען מיט בלומען, דעם גאנצען לעבען וועט איהר זעהן נחת איינער פון צווייטען, און עס וועט מקוים ווערען, והשיב לב אבות על בנים, ולב בנים אל אבותם.

אינסטאַליישאָן.

מנהיג לפי דורו

דבי נשיאה גזר תעניתא ולא אתי מיטרא, תנא להו אושעיא זעירא דמן חבריא והי׳ אם מעיני העדה נעשתה לשגגה (במדבר ט״ו-כ״ד) משל לכלה שהיא בבית אביה כל זמן שעיניה יפות אין כל גופה צריך בדיקה, עיניה טרוטות כל גופה צריכה בדיקה (תענית כ״ד, עמוד א׳).

אין כל גופה וכו׳, דודאי כל גופה יפה.

מעיני העדה. זקנים מאירי עיני העם: בזמן שעיניה יפות אין עיניה יפות. הואיל והנהו דבי נשיאה דהוו עיני העדה רשעים דלת העם וכו׳ לכך לא משגחו בהו מן השמים: עכ״ל רש״י.

קען מען דעם דאָזיגען מאמר פון אונזערע חכמים אָנ־ווענדען אויף יעדע אידישע קהלה און איהרע פיהרער. די ראשים ומנהיגים פון אונזערער אַ קהלה ווערען געוועהנליך אָנגערופען "עיני העדה" אָדער "עיני הקהל", די אויגען פון דער געמיינדע, ווי דער פסוק זאָגט "ונעלם דבר מעיני הקהל", (ויקרא ד׳-י״ג), און רש״י זאָגט אויף דעם "אלו סנהדרין", אָדער ווי עס איז דערמאָנט אינ׳ם אויבענדערמאָנטען פסוק אם מעיני העדה וכו׳. ווייל די ראשים ומנהיגים פון יעדער קהלה זיינען די אויגען פון זייערע געמיינדען, וואָס זייער עובדא איז,

צו ווייזען פאר די מענשען, וואו מען דארף געהען און וואס מען דארף טהון.

און ווען די "אויגען" פון א קהלה, דאס הייסט איהרע פיהרער און וועגווייזער, זיינען כשר'ע עהרליכע מענשען, וואס יעדער שריט זייערער מיינט בלויז לשם שמים און ער איז באַ-רעכענט אויסשליסליך פאר דער טובה פון זייער קהלה, איז דאס א סימן, אז די מענשען, וואס האבען אזעלכע ראשים ומנהיגים אויסגעקליבען, זיינען אזוי גוט און אזוי פיין, ווי עס זיינען די "אויגען" זייערע, דאס הייסט: די פיהרער און פאַר-שטעהער, ווייל עס הערשט שטענדיג דער כלל, אז "כלה שעיניה יפות, אין כל גופה צריך בדיקה", ווען די כלה האט שעהנע אויגען, שעהנע פיהרער, איז שוין אודאי אז כל גופה יפה (רש"י) אז זי איז אין גאנצען אהן א מום.

גלייך ווי ביים מענשליכען קערפער איז ביי א קהלה דער עיקר די "אויגען", דאס מיינט די פיהרער, אזוי זאגט זיך דער מדרש: אין לך חביב בכל הגוף כעין", (ספרי פ' בהעלותך), מיינט דאס, אז עס איז נישט פאראהאנען קיין באליעבטערע זאך אינ'ם מענשליכען קערפער ווי דאס אויג. דאס נעמליכע איז אויך ביי א קהלה, אז עס איז נישט פאראהאנען קיין וויכטיגערע פערזאן פונ'ם פיהרער.

דאס מיינט אויך דער פסוק "הנך יפה רעיתי, עיניך יונים". דער אויבערשטער כביכול זאגט צו דער כנסת ישראל: דיינע "אויגען", עיניך אלו סנהדרין — יונים אלו ישראל (שהש"ר רבה א). דאס הייסט דיינע פיהרער, זיינען ווי די טויבען, ווייל גלייך ווי די טויב ענדערט נישט איהר באשערטען, יונה זו משעה שמכרת בן זוגה אינה ממירה אותו באחר. און ווען עס שטארבט אמאל איינער פון א פאר, געהט דער אנדערער טייל אויס פון בענקעניש, אזוי איז אויך תמיד געווען אין אונזערע

אלטע קהלות, אז דער פיהרער פלעגט וואקסען מיט דער קהלה. גלייך זיי וואלטען געווען איין קערפער, און ווען עס איז אמאל אזא פיהרער אוועקגעגאנגען פון זיין קהלה, איז עס געווען ממש ווי א חורבן און עס האט גענומען א לאנגע צייט, ביז עס האט זיך געקענט באווייזען א נייער פיהרער, וואס זאל זיך פאסען צו יענער קהלה — און אמאל האט אזא פארלוסט אויס-געזעהען גלייך ווי א מענש פארלירט זיין אויג און ער זוכט, אריין צו זעצען אין זיין פלאץ א ניי קינסטליך אויג, וואס פון אויסענווייניג איז עס אן אויג, אבער אין אמת'ן קען מען דורך איהם גאר נישט זעהען. רמ"ח איברים יש באדם וכולם אינם הולכים אלא אחרי העינים כך אין ישראל יכולים לעשות דבר חוץ מסנהדרין שלהם (שם).

טאמער איז אבער די ראיה ביי די "אויגען" פון דער קהלה קאליע געווארען, ווי עס איז איבערהויפט דער שטייגער אין אמעריקא, וואס די מענשען ווערען דא קורצזיכטיג און מען דארף אנטהון גלעזער, איז דאס א סימן, אז דער עולם האט גע-וואלט צו ווייט און צו שנעל געהען, ווי די גמרא זאגט "פסיעה גסה נוטלת אחד מחמש מאות ממאור עיניו של אדם" (תענית דף י', עמוד ב'), דאס מיינט, אז א "פסיעה גסה", א צו גרויסער שפרייז, וואס א מענש מאכט אמאל, נעמט אוועק א פינפ-הונדערטסטעל פון דער זעה-קראפט. מיט א "פסיעה גסה" קען דער מענש נישט ווייט קומען. מיט לויפען צום ציעל טרעפט זיך זעהר אפט, וואס מען פארשפעטיגט. דורך א לאנגזאמען שטרעבען קומט מען גיכער צום ציעל און פיעל זיכערער, ווי מען קען קומען דורך לויפען.

א "פסיעה גסה" מיינט אויך, ווען א מענש וויל אריבער-קלעטערן איבער די קעפ פון אנדערע, ווען דאס פיהרען פון א קהלה איז אמאל צו ווינציג פאר דער אמביציע און מען גארט צו א העכערן שטאפעל אין דער מענשליכער געזעלשאפט.

אזוי האט זיך עס אויך דער תנא ר׳ אלעזר בן שמוע גערעכענט פאר א גרויסע זכיה, וואס ער האט געקענט זאגען ״לא פסעתי על ראשי עם קדוש״ (מגילה דף כ״ז עמוד ב׳), אז ער האט נישט קיינמאל געקלעטערט איבער די קעפ פונ׳ם הייליגען פאלק, צו דערגרייכען א העכערען אמט.

עס דארף אויך באאכטעט ווערען, אז ווען די ״עיני העדה״, די אויגען פון א קהלה, וועלכע זיינען ווי א סנהדרין, אז ווען זיי קלויבען זיך אויס א פיהרער, א ״רועה צאן קדשים״, א מדריך, א רב, דארפען זיי זעהען אויסצוקלויבען אזעלכען, וואס זאל זיך פאסען צו דער ערקלערונג פון דער גמרא אויפ׳ן אויס־דרוק ״ונשוא פנים״, ״זה שנושאים פנים לדורו בעבורו״ (חגיגה דף י״ד עמוד א׳), וואס אלע זיינען נושא פנים און גיבען אפ כבוד צו זיין דור צוליעב איהם.

אזוי איז אויך פארהאנען א מיינונגספארשיעדענהייט אין דער גמרא צווישען ר׳ יהודה נשיאה און די רבנן, ״חד אמר דור לפי פרנס וחד אמר פרנס לפי דורו״ ערכין דף י״ז

די קשיא איז דארט, צי דער איינפלוס פון א פיהרער געהט אזוי וויט, ער זאל קענען פארמירען די צורה פון זיין דור, אדער דער פיהרער פארמירט זיך אליין, לויט ווי דער דור זיינער זעהט אויס. קען מען אפילו גערעכט געבען צו ביידע מיינונגען אין מען קען זאגען, אז אמאל פארמירט זיך דער פיהרער לויט די מענשען פון זיין דור און אמאל פארמירען זיך די מענשען לויט זייער פיהרער, און ווען דער מדרש זאגט (במדבר רבה פרשה י״ט) ״ראש הדור ככל הדור״, קען דאס אויך אויסגעטייטשט ווערען לויט ביידע מיינונגען.

וועגען דעם זעלבען ענין ווערט דערצעהלט, אז דער ראפ־משיצער צדיק ז״ל האט אמאל בעמערקט אויף דעם, וואס די

גמרא זאגט "שהראה הקב"ה לאדם הראשון דור דור ודורשיו, דור דור ומנהיגיו", אז דער אויבערשטער האט געוויזען צו אדם הראשון אלע דורות און זייערע מנהיגים, (און ביי ר' עקיבא האט זיך אדם געפרעהט מיט זיין גרויסקייט אין דער תורה און האט געטרויערט ווען ער האט וועזעהן ר' עקיבא'ס אכזריות'דיגן טויט.) (סנהדרין דף ל"ח עמוד ב') און ווען אדם הראשון האט געזעהען, אז ער, דער ראפשיטצער הייסט עס, וועט אויך זיין א מנהיג פון א דור, האט ער אין זיך אריינ־געשמייכעלט, ווי איינער זאגט: "מ'שטיינס געזאגט א מנהיג", האט איהם דער אויבערשטער אויף דעם געענטפערט: "האב געדולד, ווארט א מינוט, זעה פריהער דאס דור, אויב אזוי, האט אדם געענטפערט: פאר אזא דור פאסט זיך שוין פאר א מנהיג אפילו אזא פערשוין ווי דער ראפשיצער".

דארף מען אפילו די דאזיגע מעשה נישט נעהמען אזוי שטארק ווערטערליך בנוגע צום ראפטשיצער, ווייל דער ראפטשיצער ז"ל האט פון זיך זעהר ווייניג געהאלטען און דאס עניוות זיינס איז געווען אהן א שיעור. יעדענפאלס שטעקט אין אט דעם זאג פונ'ם ראפשיצער, אז יעדער דור האט זיך אזא מנהיג ווי עס פאסט פאר איהם.

האט אבער דער דור די אויפגאבע, אויפצוהויבען זיך צו דער מדרגה פון זיין מנהיג און דער מנהיג טאר זיך קיינמאל נישט ארונטערלאזען צום מעמד פון זיין דור, ווי דער פסוק זאגט "ויהי בימי שפוט השופטים", איז דער טייטש דערפון, אז עס איז א גרויסע צרה, ווען דער דור נעמט זיך משפט'ן זיינע שופטים, ווייל עס איז דא דער סוף, אז "ויהי רעב בארץ", עס ווערט א הונגער אינ'ם לאנד, און דער דאזיגער הונגער איז "לא רעב ללחם ולא צמא למים, כי אם לשמוע את דבר ה'", ווייל דער עולם נעמט זיך קריטיקירען זיין מנהיג, קען דער מנהיג נישט האבען דעם ריכטיגען מוטה, דעם עולם צו

באלעהרנען, וואקסט דאן אין אזא קהלה א הונגער נישט צו ברויט און א דורשט נישט צו וואסער, נור צום אויבערשטען'ס תורה.

דערפאר דארף זיך יעדע קהלה משתדל זיין, אז דער רב, וואס זי האט זיך אויסגעקליבען, זאל קענען ארויסזאגען אהן מורא זיין מיינונג ביי אלע ענינים פון דער קהלה, ער זאל קענען זיין א "יושב ודורש", באזארגט מיט אלע מאטעריאלע באדערפעניששען, ווי די חכמים האבען געזאגט: "כשחכם יושב ודורש, הקב"ה מוחל עוונותיהם של ישראל". אט אזא צושטאנד אין א קהלה ברענגט צו שלום און אחדות אינ'ם אידישען לאגער — און ווי גרויס עס איז די חשיבות פון אחדות פאר כלל ישראל, איז נישט נויטיג דא צו ערקלערען.

לפדיון הבן

וכל בניך למודי ה׳.

במאי בעית טפי, ליתן לי בנך בכורך או בעית לפדותו כדמחייבת מדאורייתא. (שאלת הכהן לאבי הבן).

ווען מיר הערען, ווי דער כהן פרעגט ביי א "פדיון הבן" דעם פאטער פון א בכור: מאי בעית טפי? וואס ווילסטו גיכער, צי ווילסטו מיר אוועקגעבען דעם עלטעסטען זוהן דיינעם, אדער דו ווילסט איהם אויסקויפען פאר פינף סלעים ?" — קען אונז אזא פראגע מאכען צו דענקען, אז דער פאטער פון דעם בכור האט דא טאקי די ברירה, אויסצוקלויבען איין וועג אדער דעם אנדערן, אויסצוקויפען דאס קינד פונ׳ם כהן, אדער איבערצו־לאזען עס צום כהן, ער זאל זיך עס נעהמען.

זאגען אויף דעם די מפרשים, אז די דאזיגע פראגע איז נישט מעהר ווי א פארמולא, ווייל די מצוה פון "פדיון הבן" איז איינע פון די תרי"ג מצוות, און ווען א פאטער לייזט נישט אוים זיין זוהן, דארף מען דעם זוהן אויפהענגען א קמיע אויף׳ן האלז, איהם צו דערמאנען, אז ווען ער וועט קומען צום שכל און ער וועט האבען די מעגליכקייט, זאל ער וויסען, אז ער דארף זיך אליין אויסקויפען. דערפאר זיינען אנדערע גאר אין גאנצען נישט גורם סיי די פראגע פונ׳ם כהן און סיי די אנטווארט פונ׳ם פאטער, ווייל די תורה גיט גאר נישט אזא ברירה, ווען זי זאגט בפירוש "וכל בכור אדם בבניך תפדה". אהן שום קאמפרא־מיסען.

איז עס אבער א מנהג ישראל, וואס דער כהן, דער פאר-טרעטער פון דער אידישער הייליגקייט, דארף שטעלען די דאזי-גע פראגע צום פאטער — ומנהג ישראל תורה, יעדער אידישער מנהג דארף געהאלטען ווערען אזוי וויכטיג ווי א מצוה מן התורה, איז דער געדאנק פונ׳ם כהן׳ס פראגע ביי א "פדיון הבן" געבויעט אויף די אומשטענדען פון די היינטיגע צייטען, וואס די מענשען זיינען נאכלעסיג געווארען ביי דער ערציהונג פון זייערע קינדער און דער אידישער פאטער איז נישט מעהר באשטרעבט, צו ערציהען זיין קינד בדרך התורה, ווי עס האט זיך שטענדיג געפיהרט ביי אידען, וואס יעדער איד האט געוואלט, זיין זוהן זאל אויסוואקסען אן עלוי, א גרויסער רב אדער לכל הפחות א שעהנער בעל-הבית א תלמיד-חכם. אין יענע צייטען פלעגט ביי אונז דער גייסט, און דוקא דער אידי-שער גייסט, פארנעהמען דעם אויבען-אן. איינצופלאנצען דעם דאזיגען גייסט ביי זיין קינד אין הארצען, פלעגט יעדער פאטער מקריב זיין אלע זיינע כחות, און ווען ער האט געהאט די זכיה צו זעהען, אז די ארבייט זיינע איז א געראטענע און ער האט דערגרייכט זיין וואונש, האט ער געקליבען נחת פון זיין קינד. אמת אידישען נחת, וועלכער קען גאר נישט אפגעשאצט ווערען אין זיין ווערטה.

נישט אזוי איז דאס אבער בעוונותינו הרבים אין אונזער צייטען, וואו די מענשען זיינען פארקאכט אין מאטעריאליזם און ביי יעדען ענין אינ׳ם לעבען פארפאלגט איטליכען בלויז איין צוועק, וועלכער געפינט זיין אויסדרוק אין דאלארס און סענטען. דערפאר איז מען נישט מעהר מקפיד אויף׳ן דאוונען, אויף לערנען דעם אויבערשטענס הייליגע תורה, אויף שמירת שבת, אויף אכילת כשרות וכדומה. דאס זעלבע איז אויך מיט דעם קינד׳ס ערציהונג, מען וויל עס זאל אויסוואקסען א דאקטאר, א לאיער, אן אינזשעניר, אדער מען וויל איהם געבען אן אנדערע גוט-בעצאהלטע פראפעסיאן, עס זאל שפעטער זיין "חי געלעבט"

ווייל תורה לערנען לויהנט זיך נישט פאר קיינעם, היינטיגע צייטען צאָהלט עס זיך נישט אוים. . —

דערפאר דארף דער כהן דערמאנען דעם פאָטער: "ברודערקע! מאי בעית טפי? וואָס איז דיר ליעבער, די סלעים, אָדער דיין בכור? צי ביזטו גרייט מקריב צו זיין די סלעים, און צו ערציהען דיין קינד בדרך התורה והיראה און צו דער הייליג־קייט פונ'ם אידישען פאָלק, ווי דער אויבערשטער האָט געזאָגט קדש לי כל בכור, אָדער עס זיינען ביי דיר וויכטיגער די סלעים פאר וועלכע דו ווילסט מקריב זיין דיין קינד, און דעם קינד'ס אידישקייט הארט דיך גאָר נישט?". :

און ווען מיר ריידען שוין וועגען די פליכטען פונ'ם פאָטער צו זיין בכור, מוזען מיר געדענקען, אַז דער בכור דארף זיין אַ "פטר רחם לאמו", דער בכור ביי דער מוטער. טאָר מען דער־פאר נישט פארגעסען, אַז אין אַלע צייטען שפיעלט די מוטער די הויפט־ראָלע ביי דער ערציהונג פון איהרע קינדער. דער טאַטע איז געוועהנליך אַ טרוד אין דער פרנסה און דאָס קינד געפינט זיך מעהר אינ'ם רשות פון דער מוטער, איידער איז דער האַנט פונ'ם פאָטער.

דער חכם מכל האדם, שלמה המלך האָט מיט גרוים בעגייס־טערונג געזונגען וועגען זיין מוטער (שיר־השירים: ג' י"א) "צאינה וראינה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו ביום חתונתו וביום שמחת לבו", וואָס דער טייטש דערפון איז: געהט אַרוים, איהר טעכטער פון ציון, און זעהט אויפ'ן קעניג שלמה די קרוין, וואָס זיין מוטער האָט איהם באַקרוינט אינ'ם טאָג פון זיין חתונה, ווען דאָס הארץ איז ביי איהם געווען אָנגעפילט מיט פרייד!"

צו צוועלף יאָהר האָט שלמה המלך זוכה געווען צו גלוי שכינה, דערנאָך איז אויף איהם געזאָגט געוואָרען "ויחכם מכל

האָדם״, ער איז געוואָרען א ״מושל בכיפה״ און ער האָט גע־האָט די ממשלה איבער אַלע באַשעפענישען פון דער וועלט. ביז אויבען אַרויף צו די מלאכים אין הימעל האָט געגרייכט זיין ממשלה.

וואָס איז געווען די אורזאַך, וועלכע האָט איהם גע־בראַכט צו דער דאָזיגער הויכער - מדרגה און אַזאַ אומ־געהייערער חכמה? דאַרף מען דאָס זוכען ״בעטרה שעטרה לו אמו״, אין דער קרוין, וואָס זיין מוטער האָט איהם באַקרוינט, דאָס הייסט: אין דער ערציהונג, וואָס די מוטער האָט איהם געגעבען.

זאָגט וועגען דעם מדרש, אַז ווען שלמה המלך האָט חתונה געהאַט מיט פרעה׳ס טאָכטער, האָט ער דאַן געוואַכט אַ גאַנצע נאַכט, האָט ער דערנאָך אויפ׳ן אַנדערן טאָג לאַנג געשלאָפען, און אַזוי ווי ער האָט געהאַט די שליסלען פונ׳ם בית - המקדש אונטער זיין קאָפּען־קישען, האָט מען אין יענעם טאָג נישט געקענט מקריב זיין דעם קרבן־תמיד של שחרית אין צייט. האָט איהם די מוטער זיינע דערפאַר אויסגע׳מוסר׳ט און זי האָט גע־זאָגט: ״מה ברי ומה בר בטני, ווי קומט דאָס צו מיין זוהן, אַז ער זאָל דאָס טהון? אַלע ווייבער פון דיין פאָטער האָבען גע־וואָלט האָבען זוהן, וועלכע זאָלען זיין ראוי למלכות ווירדיג אלס טהראָנפאָלגער, און איך האָב בלויז געוואָלט, אַז מיין זוהן זאָל זיין מלובן בתורה, אויסגעלייטערט צו דער תורה. ביי די אַנ־דערע מאמעס איז געווען דער הויפט־צוועק און הויפט ציעל, זיי זאָלען האָבען קינדער, וואָס זאָלען זיך אריינפאַסען צום פרינצליכען לעבען, האָט מען זיי געלאָזט לערנען תכסיסי מלחמה, פאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע. אַזוי ווי איך האָב אָבער בלויז געשטרעבט, צו האָבען אַ זוהן, שיהיה מלובן בתורה, וועלכער זאָל זיין קלאָר אין דער תורה, האָב איך נישט פון דיר

ערוואַרט, אַז דו זאָלסט פאַרשלאָפּען מיט די שליסלען פונ'ם בית-המקדש צו-קאָפּענס".

האָט דערפאַר שלמה המלך געהייסען, די טעכטער פון ציון (המצויינות) זאָלען זיך גוט איינקוקען פאַרוואָס יענע זיהן וועמענס מוטערס האָבען זיי ערצויגען אויסשליסלעך למלכות האָבען דאָצו ניט זוכה געווען, און איך האָב יאָ זוכה געווען למלכות, "בעטרה שעטרה לו אמו", וואָס אַ דאַנק דער אויפ-ריכטיגקייט פון זיין מוטער בת-שבע האָט ער זוכה געווען צו כבוד, צו חכמה און צו גדולה. אָט דאָס איז געווען די קרוין, וואָס די מוטער זיינע האָט איהם באַקרוינט אינ'ם טאָג פון זיין חתונה — און וואָס זי האָט פאַר איהם געטהון, איז כדאי, אַז אַלע אידישע טעכטער זאָלען טהון דאָסזעלבע צו זייערע קינדער.

דאָס ווילען אונז אויך די חז"ל דערצעהלען (יומא דף מ"ז עמוד א'), אַז אַ פרוי אַ צדקת מיט'ן נאָמען קמחית האָט גע-האַט זיבען זיהן און אַלע זיינען זיי געווען כהנים גדולים. זאָגט דאָרט די גמרא: "אמרו לה חכמים, מה עשית שזכית לכך? אמרה להם, מימי לא ראו קורות ביתי קלעי שערי", דאָס מיינט, אַז ווען די חכמים האָבען זי געפרעגט, אין וואָס פאַר אַ זכות זי האָט דערגרייכט אַזאַ גדולה, וואָס אַלע איהרע זיבען זיהן האָבען זוכה געווען צו זיין כהנים גדולים, האָט זי זיי גע-ענטפערט, אַז אפילו די בעלקעס פון איהר הויז האָבען קיינמאָל נישט געזעהען איהרע אייגענע האָהר. (אַ זאַך וועלכעס אפילו אָרטאָדאָקסישע רבי'צענס אין אמעריקא, זיינען נישט נזהר).

קען מען דערפון ארויסלערנען, אַז די דאָזיגע קמחית האָט דערצויגען איהרע קינדער אין די וועגען פון צניעות און צדקות, ווי דער מהרש"א ערקלערט דאָס דאָרט אויף דעמזעלבען אָרט, פאַרוואָס האָבען די חכמים נישט געפרעגט דעם פאָטער און

זיך פאַראינטערעסירט וועגען איהם? און מען האָט די דאָזיגע זיבען זיהן גערעכענט נאָר אויף זייער מוטער'ס נאָמען? ווייל דאָס צדקות און די צניעות פון דער מוטער באַאיינפלוסט די פיהרונג פון'ם קינד פיעל מעהר ווי די באַשטרעבונגען פון'ם פאָטער. ווייל דער פאָטער איז אַ טרוד על המחיה ועל הכלכלה, אָבער די מוטער איז "כל כבודה בת מלך פנימה" איז דער חנוך הבנים מער אָבהענגיג אין איהר.

ביי אָט דער געלעגענהייט דאַרף די מוטער געדענקען דעם פסוק פון דער תורה, "מראשית עריסותיכם תתנו לה' תרומה לדורותיכם", דאָס מיינט, אַז פון'ם ערשטען וויעגעל אייערן ("עריסה" איז דער טייטש אַ וויעגעל), דאָס הייסט באַלד ביים ערשטען קינד אייערן, זאָלט איהר דאָס קינד ערציהען אין אידי-שען גייסט, איינשלעפערן דאָס קינד און אויפוועקען מיט אַ לידעל אין ווערטער פון אידישען כאַראַקטער, ער זאָל אויס-וואַקסען אַ געטרייער דינער צום אויבערשטען, ראשית חכמה יראת ה', וועט דאָס זיין אַ "תרומה לדורותיכם", אַ דערהויבונג פאַר אַלע אייערע שפעטערע דורות, ווייל עס איז אַזוי געוועהנ-ליך דער סדר עולם, אַז די אינגערע דערציהען זיך אויף דעם-זעלבען שטייגער לויט דער ערציהונג פון'ם בכור.

און אַזוי ווי בת-שבע האָט אויפגעצויגען איהר זוהן שלמה צו דער תורה, נישט ווי די אַנדערע פרויען פון דוד המלך, וועלכע האָבען ביי דער ערציהונג פון זייערע קינדער בלויז אין זינען געהאַט, צו האָבען אַ טהראָנפאָלגער, און ווייל קמחית האָט געשטרעבט צו דיענען צו איהרע קינדער אַלס אַ מוסטער פון צניעות, דעריבער האָט בת-שבע זוכה געווען צו זעהען די גדולה פון שלמה המלך, און אזא פרומע פרוי ווי קמחית האָט געהאַט זיבען זיהן כהנים גדולים.

דאָסזעלבע איז אויך ביי היינטיגע צייטען, אז וועלכע מו־טער עס האָט אין זינען, צו ערציהען איהר קינד צו דער תורה און צו אידישקייט, האָט זי דערנאָך די זכיה, צו זעהען איהר קינד גרויס אין דער מענשליכער געזעלשאַפט. האָט זי אָבער בלויז אין זינען, צו ערציהען איהר קינד פאַר דער מענשליכער געזעלשאַפט, בלייבט ער דערנאָך נישט אַהין און נישט אַהער.

נישט אַלע קינדער קענען זיין זשעניען אין מוזיק, און ווען עס כאַפּט זיך אַמאָל ארויס א איד אַ זשעניע אין מוזיק, איז נאָך נישט דערפון געדרונגען, אז הונדערטער אַנדערע אידישע קינדער קענען דאָס נאָכטהון. נישט אַלע אידישע קינדער קע־נען זיין אוניווערזיטעט - פּראָפעסאָרען, קאָנגרעס - לייט, סענאַטאָרען אָדער גאָווערנאָרס. אָבער אַלע אידישע קינדער אָהן אויסנאַהם דאַרפען זעהען, עס זאָל אויף זיי מקוים ווערען דער פסוק "וכל בניך למודי ה'", אַלע אידישע קינדער זאָלען קענען דעם אויבערשטענ'ס תורה, ווייל מען וועט ערשט דאַן קענען זאָגען "אל תקרא בניך אלא בוניך", אז די וואָס קענען דעם אויבערשטענ'ס תורה, דאַרף מען נישט רופען "דעם אוי־בערשטענ'ס קינדער", נור מען דאַרף אויך אויף זיי זאָגען, אז זיי זיינען "די אויפבויער פונ'ם אויבערשטענ'ס תורה".

אונזערע אַמאָליגע משכילים פלעגען אָנזאָגען צו זייערע נאָכפאָלגער: "דאַרפסט זיין אַ איד ביי זיך אין שטוב און אַ מענש אויף דער גאַס". איז דאָס אפילו אין זייער צייט געווען אַ פאַלשער שטאַנדפונקט, ווייל ווען מיר ווען ערציהען אונ־זערע קינדער אַלס אידען, וועלען זיי שוין ממילא זיין מענשען, סיי אין שטוב און סיי אויף דער גאַס. דער אידישער גייסט איז איבערהויפּט אַזעלכער, אז דאָס באַוואוסטזיין אַליין, ווער און וואָס מיר זיינען, האַלט אונז אויף דער העכסטער מאָראַ־לישער מדרגה. מען דאַרף אויך נישט היינט פאַרדעקען דאָס אידישקייט, ווייל עס קען נישט קיינעמען שאַדען צו זיין קאַ־

ריערע, ווען ער קען און היט אָפּ די מצוות פון אונזער הייליגער תורה, גלייך ווי דאָס שאַדט נישט דעם אַמעריקאַנער בירגער פון יעדען אַנדערן גלויבען, ווען ער האַלט זיך ביי זיין אמונה.

ובזכות זה, וואָס מיר וועלען זיך באַשטרעבען, איינצו־פלאַנצען אין די הערצער פון אונזערע קינדער דאָס קענען און דאָס אָפּהיטען אונזער הייליגע תורה, וועלען מיר זוכה זיין צו "בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות", ושלום על ישראל עד ביאת הגואל, אמן, כי"ר.

* *

צאתכם לשלום

מתוך דבר הלכה.

די גמרא זאָגט: הנפטר מחברו אל יפטר אלא מתוך דבר הלכה", ווען איינער פאָרט אַוועק אין מרחקים, זאָל מען זיך געזעגענען מיט איהם מיט אַ דבר הלכה. דיזער מאמר איז שווערליך צו פערשטעהן, ווייל ווי מיר ווייסען, איז ווען מען דארף זיך געזעגענען מיט פריינד און בעקאַנטע בעפאָר מען פאָרט אָפּ אין אַ ווייטען וועג, איז מען דאן צו טראַגען, די הארץ איז פארביטערט, טאָ ווי אזוי קען מען זיך דאן אָפּגעבען מיט אַ דבר הלכה ?, די גמרא זאָגט : "שמעתתא בעי צילותא כיומא דאיסתנא", צו אַ דבר הלכה דאַרף די קאָפּ זיין קלאָר, די נערוען בערוהיגט. זאכען, וואס אַ מענש קען ניט בעזיצען, ווען ער שטעהט אויפ'ן וועג. עס איז אויך ניט פערשטענדליך דער אויסדרוק "מתוך" דבר הלכה. עס האָט געדאַרפט שטעהן "בדבר" הלכה.

קען מען דאָס ערקלערען מיט פאָלגענדעס. אונזערע חז"ל האָבען געזעהן ברוח קדשם, אז אידען וועלען האלטען אין איין וואנדערן אין דעם לאנגען גלות, פון איין לאנד צו דער צווייטער. ומגוי אל גוי, וממלכה אל עם אחר. פאמיליען וועלען ווערען צוריסען. דער פאָטער אין איין לאַנד, און דער זוהן אין אַ צווייטער. איין ברודער אין רוסלאַנד, דער צווייטער אין רומעניע, דער דריטער אין אמעריקא, אָדער אין א"י. און ארום וואנדערינג דארף מען האָבען סיעתא דשמיא, מען זאָל קענען בלייבען אַ אמת'ער איד. דערפאַר האָבען אונ-

זערע חז"ל אויסגעדריקט זייער וואונש, הנפטר מחברו, אל יפטר אלא "מתוך" דבר הלכה, דאָס מיינט, מען זאָל זיך צושיידען מיט דעם געדאַנק, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין מיט'ן פון די ווערטער "הבר הלכה", דער מיטעלסטער אות פון "דבר" איז א 'בית' און די מיטעלסטע אותיות פון "הלכה" איז 'כ' און "למד" צוזאַמען איז דאָס וואָרט "בכל", דאָס מיינט צו זאָגען, אַז פאַר דעם צושיידען זיך, זאָל מען זיך בענשען מיט דער ברכה פון אברהם אבינו, ווי עס ווערט דערמאָנט אין פסוק (חיי שרה כ"ד) "ואברהם זקן בא בימים וד' ברך את אברהם בכל". און דאָס לערנט אונז, אַז אום צו זיין ווערט צו ווערען געבענשט מיט דער ברכה "בכל", דאַרף מען געהן אין די וועגען פון אברהם אבינו. וואָס איז געווען אברהם אבינו'ס וועג אין וועלכען מיר דאַרפען געהן? אום דאָס צו פאַרשטעהן דאַרפען מיר גוט בע-טראַכטען דעם פריהער געבראַכטען פסוק, אייגענטליך איז דאָך דער פסוק זיך אַליין סותר. פאַנגען פאַנגט ער זיך אָן "ואברהם זקן", אברהם איז געווען אַ אַלטער מאַן. און ווייטער זאָגט דער פסוק "בא בימים", דאָס מיינט, אַז ער איז נאָך געווען יונג. ווי איז דאָס מעגליך אַזאַ שאַרפער קאָנטראַסט צו זיין אין איין און דער זעלבער צייט, אַלט און יונג? גיבען אונז די מפרשים צו פאַרשטעהן, אַז דער פסוק לערנט אונז, אַז דער מענש דאַרף בעזיצען די אייגענשאַפטען פון אַלט און יונג אין דער זעלבער צייט.

נעמליך, ווען עס קומט צו טאָהן אַ עבירה זאָל זיך דער מענש באַנעמען דערצו קאַלט און געלאַסען, ווי אַן אַלטער בעציהט זיך צו זאַכען. און צו אַ דבר מצוה, זאָל דער מענש בענוצען ענערגיע און פלינקייט, מיט וועלכע די יוגענט איז געבענשט, ווייל ביידע אייגענשאַפטען, יונג און אַלט בעזיצען אַ מעלה און אַ חסרון. די מעלה פון דער יוגענט בעשטעהט אין דעם וואָס מיט יוגענטליכע פלינקייט קען מען שנעל און פינקטליך אָפּטאָהן אַ דבר מצוה. פאַרמאָגט אָבער די יוגענט אויך דעם פעלער,

וואס מיט דער זעלבער ערנערגישער פלינקייט קען מען אפ־טאהן א דבר עבירה, דער עלטערער מענש טהוט לאנגזאם א דבר מצוה. דערפאר איז זיין צוגאנג צו א דבר עבירה אויך קאלט און לאנגזאם, און דאס זעלבע קאלטקייט בענוצט ער אויך אפילו צו א מצוה. און דאס לערנט אונז דער פסוק ואברהם זקן, און בא בימים, אז דער מענש דארף זיך בענוצען מיטביידע אייגענשאפטען אין איין און דער זעלבער צייט, יונג און גע־שיקט דארף דער מענש זיין צו טאהן א מצוה, און קאלט און גע־לאסען, ווען עס האנדעלט זיך צו טאהן א עבירה.

אט די אויבענדערמאנטע געגענגעזעצטע אייגענשאפטען האט אברהם אבינו בעזעסען, ווי די גמרא דריקט זיך אויס, מטבע של אברהם אבינו זקן וזקנה מצד זה, ובחור ובתולה מצד זה, דער געדאנק פון דעם איז, אז אברהם אבינו און זיין פרוי שרה האבען בעזעסען די אייגענשאפטען פון זקן וזקנה און בחור און בתולה און איין און אין דער זעלבער צייט, זיי האבען געהאט אזוי פיל קאנטראל איבער זיך, אז זיי האבען צו גע־פאסט די עלטער און די יוגענט צו דער געלעגענהייט צו וועל־כער זיי האבען זיך געדארפט צופאסען. קומענדיג צוריק צו דעם ערשטען מאמר פון וועלכען מיר האבען ארויסגענומען דעם ווארט "בכל", באטאנען מיר, אז אום זוכה צו זיין צו קענען קומען צו דער ברכה פון "בכל", דארף מען פריהער קומען צו דער מדרגה פון סיי זקן, און סיי בא בימים, יונג און אלט אין דער זעלבער צייט.

מיט דעם זעלבען געדאנק טייטשט דער בינה לעתים דעם פסוק, וואס שלמה המלך זאגט: "צנים פחים בדרך עקש שומר נפשו ירחק מהם". (משלי ו"ב), דאס מיינט, היטץ און קעלט אין א קרומע וועג, אבער דער וואס היט זיין נפש ווערט דער־ווייטערט פון זיי, דייטליכער געזאגט, דער מענש בעזיצט אין זיך די אייגענשאפטען פון היטץ און קעלט, אין השי"ת האט

דעם מענשען שכל געגעבען, ער זאָל בענוצען יעדער אייגענ־שאפט אין צייט, און וואו עס פאסט, הייסקייט און ענערגיע צו טאָהן א דבר מצוה, קאלטקייט און געלאסענקייט, ווען עס האלט צו טאָהן א עבירה. ווי איז אָבער, אז צנים פחים בדרך עקש, אז דער מענש בענוצט אַט די אייגענשאַפטען אין א פאַרקערטע וועג, הייס און האסטיג צום זינדיגען, און קאַלט און געלאַסען צו טאָהן א דבר מצוה, דאַן איז שומר נפשו ירחק מהם.

דעם זעלבען געדאַנק געפינען מיר ביי יוסף'ן, ביי דער געשיכטע פון אשת פוטיפר. דער מדרש דערצעהלט, אַז יוסף האַט שוין געהאַלטען דערביי, אַז ער זאָל זינדיגען, נאָר נראתה לו דמות דיוקנו של אביו, ער האַט דאַן דערזעהן דעם געשטאַלט פון זיין אַלטען פאַטער, האָט ער ניט געזינדיגט.

דאָס צייגט אונז, אַז יוסף מיט זיינע יונגע כחות איז שיער ניט אריינגעפאלען אין די נעץ פון זינד, נאָר דאָס בילד פון זיין אלטען טאַטען האַט איהם געראַטעוועט.

און אַט דער אויבענדערמאַנטער געדאַנק ליגט אויך אין דער ערשטען מאמר, אל יפטר אלא מתוך דבר הלכה, אז מיר גע־זעגענען זיך אַפּ צופאַרען אין ווייטע לענדער מיט דער היינ־טיגער ציוויליזאַציע, זאָל מען געדענקען צו קאָנטראָלירען די מענשליכע אינסטינקטען, און אויסנוצען די כחות פון יוגענט און עלטער און אין זינען האָבען די "דבר הלכה", ווען מען דאַן זוכה זיין צו דעם דערגרייכען דעם "בכל".

לחתונה

מצא אשה מצא טוב

ויאמר ה' אלקים לא טוב היות האדם לבדו

אעשה לו עזר כנגדו. (בראשית, ב, יח.)

דער אויסדרוק פון דער תורה "אעשה לו עזר" צייגט, אַז הקב"ה איז מזוג זווגים, ווי די חז"ל זאָגען: "הקב"ה יושב ומזוג זווגים". דער כלל האַלט אָבער ניט אויס, ווען מיר בע־טראַכטען אונזער היינטיגע יונגוואַרג, וועלכע האַלטען זיך אַליין פאַר גרויסע "בריות" און מבינים, און פאַרלאָזען זיך גאַנץ ווייניג אויף דער "השגחה", און עס איז צו בעוואונדערן אונ־זער יוגענד, וועלכער איז ניט אַזוי אָפּגעהיט אין אַלעם וואָס אונזער הייליגע תורה זאָגט, דאָך פון דעם "אסור", וואָס די חז"ל האָבען געזאָגט "אסור לאדם לקדש אשה עד שיראנה" (קידושין מ"א, ע"ב) האַלטען זיי זעהר פיעל, און זיינען איהם מקיים פולע הונדערט פּראָצענט. מען זעהט זיך, און מען געהט אוים צוזאַמען מאַנכעס מאָל גאַנצע יאָהרען; און זיי פאָלגען נאָך אַ צווייטען מאמר חז"ל: אין אדם שותה בכוס אלא אם כן בודקו (כתובות ע"ה, ע"ב). און אפילו דעם רמב"ם (הלכות איסורי ביאה, פרק כ"א, הלכה ג') : ומותר להסתכל בפני הפנויה ולבדקה כדי שיראה אם היא נאה בעיניו וישאנה. ואין בזה צד איסור. ולא עוד אלא שראוי לעשות כן. ע"כ. קענען זיי אויך פון אויסוויינינג און געהען אפילו לפנים משורת הדין. . . .

און נאכאלעמען זיינען דא ביי היינטיגן טאג אזוי פיעל פא מיליע טראבעלס און גט׳ן ספעציעל אין דיזען לאנד. מעהר ווי אין פריהערידיגע צייטען, ווען חתן כלה האבען זיך גאנץ ווייניג געזעהן בעפאר דער חופה, ווייל דעם שדוך האבען געטאהן די עלטערן, און אויב די מחותנים זיינען זיך געפעלען געווארען, איז דער שדוך מיט מזל געשלאסען געווארען ניט פרעגענדיג ביי די קינדער, צו זיי שטימען איין צו ניט. מוזען מיר קומען צום בעשלוס, אז דער "עד שיראנה" מיינט ניט פשוטו כמשמעו פון פיזישען שטאנד פונקט, ער זאל איהר זעהן, ווארום ווען דאס זאל זיין דער זין פון דעם, האט דאך דא אין אונזער מאדערנעם לאנד, וואו עלטערן האבען גאר קיין דעה ניט אין דער אנגעלעגענהייט, און חתן כלה קענען זיך לאנג בעפאר, דאך געדארפט דער פערהייראטער לעבען זיין א גליקליכער, א צופרידענער און א דויערהאפטיגער. ווארום ווייזט אונז די פראקטיקע אזוי פיל צוריסענע פאמיליעס, און אן א צאהל גט פראצעסען, א זאך, וואס האט ניט געדארפט זיין? מוזען מיר זאגען, אז דער "עד שיראנה" מיינט א טיפערער בליק ניט נאר אויף איהר קערפער, נאר אויף איהר יחוס, פון וואנען זי שטאמט, און ווער איהרע עלטערן און פאמיליע זיינען.

און מיט דעם געדאנק וועט אונז קלאר ווערען נאך א מאמר חז״ל. די גמרא זאגט: "כלה שעיניה יפות אין כל גופה צריך בדיקה", דאס מיינט אז א כלה וואס האט שעהנע אויגען, איז א סימן, אז זי אלס א גאנצע איז שעהן אהן א חסרון. ווען מיר זאלען אננעהמען דעם מאמר אט אזוי ווי ער איז, קען דער כלל ניט אויסהאלטען, ווייל עס קען גאנץ געמאלט זיין, אז א כלה זאל האבען שעהנע אויגען, און דאך האבען ערגעץ אנדערש א פעהלער. מוזען מיר דארום אננעהמען, אז אונזערע חז״ל האבען דא געמיינט א גאנץ אנדער זאך, ווי בעוואוסט דרשנ׳ען די חז״ל אומעטום וואו אין דער תורה הקדושה געפינט זיך דער אויסדרוק "עיני העדה" מיינט מען די סנהדרין,

די פיהרער פון פאָלק. אזוי קען מען דאָ אויך זאָגען דעם מיינונג "כלה שעיניה יפות" מיינט די פיהרער, די עלטערן, די ערציהער פון דער כלה, וועלכע זיינען געגליכען צו אויגען. ווי מיר זעהן פון דער גמרא, אז די כלה'ס עלטערן שפילען זעהר א גרויסע ראָלע ביי דעם ענין פון זווגים. די גמרא זאָגט: "ארבעים יום קודם יצירת הולד מכריזין בת פלוני — לפלוני", ביים חתן ווערט דערמאָנט נאָר "פלוני" און ניט "בן פלוני", ביי דער כלה שטעהט שוין "בת פלוני", צו צייגען אז ווען מען זוכט א זיווג זאָל מען נעהמען אין אָנבעטראַכט ווער די עלטערן זיינען. מיט דעם קען מען פאַרטייטשען דעם פסוק "אשא עיני אל ההרים", איך הויב אויף "את עיני" אל ההרים — ההורים, ווי די חז"ל טייטשען, שמעו הרים דבר ד'. מיינט דאָס — הורים. די אבות, די עלטערן, מאין יבוא עזרי? פון וואַנען וועט קומען מיין עזר? און זי זאָל ניט זיין קיין כנגד, איז דער ענטפער: "עזרי מעם ד' עושה שמים וארץ". ווי די חז"ל ברייגנען, אז די מטרנותא האָט געפרעגט, וואָס טהוט דער רבונו של עולם פון ששת ימי בראשית אָן? האָט מען גע-ענטפערט: הקב"ה יושב ומזג זווגים. לויט דעם געדאנק פער-שטעהן מיר גאַנץ ריכטיג, אז כל כלה שעיניה יפות אויף דעם ארט ווי מיר האָבען פריהער ערקלעהרט, איז אין כל גופה צריך בדיקה, ווייל מען קען זיין זיכער, אז זי וועט זיין א עזר, און ניט קיין כנגד.

דערמיט קענען מיר אויך פאַרשטעהן דעם מאמר חז"ל (ברכות ח'), "במערבא כד נסיב אינש אתתא אמרי ליה הכא: מצא או מוצא. מצא, דכתיב, מצא אשה מצא טוב, מוצא, דכתיב, ומוצא אני מר ממות את האשה". איז דאָך א פראַגע, ער ווייסט דאָך נאָך אליין ניט וואָס פאַר א מציאה ער האָט איינ-געהאַנדעלט, טאָ פאַרוואָס פרעגט מער איהם שוין און צו וואָס פאַר א צוועק? מוז מען פאַרשטעהן, אז דאָ ליגט א אַנדער

כונה, און מיט דער פראַגע גיט מען אַ אַנצוהערעניש, אַז די ענטשיידונג פון דער פראַגע ליגט ביי איהם אין זיינע הענט זעלבסט, ווייל ווי מיר ווייסען דאַרף אַ חתן ביום חופתו תשובה טאָהן, און דער טאָג דאַרף זיין ביי איהם הייליג ווי יום כפור, און אַזוי ווי יום כפור איז מכפר נאָר מיט תשובה, אַזוי איז אויך הקב"ה מכפר די עוונות פון דעם חתן אין העם טאָג פון דער חופה, נאָר בתנאי, אַז ער טהוט תשובה, דאַן איז ער אין דער בחינה פון זכה, ווי די חז"ל זאָגען אויף דעם פסוק אעשה לו עזר כנגדו, זכה — נעשית לו עזר, לא זכה — כנגדו, דערפאַר שטעלט מען איהם די פראַגע: זאָג נאָר דו יונגער חתן, מצא או מוצא? האָסטו זיך משתדל געווען, אַז זי זאָל זיין אַן עזר, אָדער דו ביסט געווען גלייכגילטיג און דיך ניט שטאַרק גע־קימערט וועגען דעם זכה און דאַן וועט זי חלילה זיין אַ כנגד, און מיט דעם קען מען אויך ערקלערען דעם פסוק: "כי יקח איש אשה חדשה, לא יצא בצבא נקי יהיה לביתו שנה אחת, ושמח את אשתו אשר לקח", קען מען זאָגען אַז דער מיינונג איז, אַז איינער וועט הייראַטען אַ פרוי, איז אום לא יצא בצבא, אַז זי זאָל נישט זיין אַ כנגדו, און ער זאָל ניט דאַרפען אימער זיין ווי אַ סאָלדאַט גרייט צו מלחמה האַל־טען מיט דער פרוי, איז נקי יהיה לביתו שנה אחת, זאָל ער זיין ריין ווי אַ קינד פון אַ יאָהר פון זינד. דאַמאָלסט ווען ער הייראַט ווי די חז"ל זאָגען, ביתו זו אשתו, ולא יעבור עליו לכל דבר, דאָס מיינט, ער זאָל ניט עובר זיין אויף דער תורה, וואָס ווערט אָנגערופען "דבר", ווי די חז"ל זאָגען: דבר צוה לאלף דור, דבר זו תורה, דאַן וועט ער זוכה זיין ושמח את אשתו אשר לקח, וועט ער האָבען אַ גוט פריילאַך לעבען, און דער זיווג וועט עולה ליפה זיין.

* *

הספד

והחי יתן אל לבו.

ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה.

ווען אברהם איז צוריק געקומען פון דער עקדה, און האט דערהערט די טרויעריגע נייעס, וואס איהם האט פאסירט מיט'ן פלוצלונגדיגען טויט פון זיין געטרייע פרוי שרה. זאגט די תורה, ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה, אברהם איז געקומען מאכען א הספד אויף שרה'ן און איהר בעוויינען. דארף מען פערשטעהן, ווי בעוואוסט, וויינט מען פריהער און נאכהער מאכט מען א הספד, פארוואס זאגט דא דער פסוק אנדערש. פריהער לספוד און נאכהער ולבכותה? זאגט דערויף דער מדרש, ווייל שרה האט אויסגעלעבט איהרע יאהרען און האט געהאט א גוטע עלטער. דערפאר האט אברהם ניט געהאט קיין אורזאכע צופיעל צו וויינען אויף איהר טויט, און דערפאר שטעהט טאקע "ולבכותה" מיט א קליינעם כ', ווייל דער טויט איז אומפערמיידליך פאר יעדען מענשען, און ווען א מענש לעבט אוים זיינע יאהרען מיט צו־פרידענהייט איז ניטא קיין אורזאכע צופיל צו וויינען. און דארום איז ביי אברהמ'ן געווען דער עיקר דער הספד, ווייל אזא גרויסע פערזענליכקייט ווי שרה איז געווען, האט גע־פאדערט, מען זאל איהר א גרויסען הספד מאכען. נאך א זאך, וואו עס איז שווער זיך צו טרייסטען אויף דעם גרויסען פערלוסט איז נאטירליך אז מען זאל פיעל וויינען. אבער דא האט אברהם געהאט א טרייסט, זיין זוהן יצחק די "עולה

תמימה״ איז מיט זיינע נאָבעלע מעשים געווען די פאַרטזעצונג פון זיין פרוי שרה. און די הייליגע אַטמאָספערע, וועלכע האָט אַנגעפילט זיין הויז ביי שרה׳ס לעבען, איז ניט געמינערט גע־וואָרען אפילו נאָך איהר טויט, דארום איז דאָרטען ניט געווען קיין אורזאכע פיל צו וויינען. אנדערש איז אָבער דער טראַגי־שער בראָך, וואָס דער מאַן און די קינדער האָבען ערליטען היינט, מיט דעם פערלוסט פון זייער געטרייע פרוי און מוטער רבקה, וועלכע איז אַזוי טראַגיש אוועקגענומען געוואָרען פון זיי אין די עכטע בליהענדע יאָהרען פון איהר לעבען, על דא ודאי קא בכינא, אויף דעם וואָס דער לעבענס פאַדעם פון דער רבקה איז איבער געהאַקט געוואָרען דאַרף מען פיעל וויינען און קלאָגען.

אַ שוידערליכער שטורם האָט פלוצלונג פארלאָשען דאָס ליכט פון דער נאָבעלער פאמיליע, און די טרייסט איז זעהר ווייט.

מיט׳ן זאָגען דעם הספד ווילען מיר עטוואָס נוצליכעס ארוים ברייגגען, געווים איז דאָס ניט דער וויינען און שרייען, וועלכע ברייגגען פיליכט קיינע נוצען ניט צו ביידען, ניט צום נפטר ר״ל און ניט צו דער פאמיליע, דער עיקר פון א הספד איז ״והחי יתן אל לבו״, דער לעבעדיגער מענש זאָל דאָס אריינעהמען אין הארצען, און עפּעס לערנען פון דעם. אָט לאָמיר אין דיזען מאָמענט בעטראַכטען, דער מענש פאר־מאָגט ביי זיין לעבען דריי נאָהענטע פריינד, אויף וועלכע ער האָט גערייכנט און געהאָפט, אז זיי וועלען איהם ראַטעווען אין א עת צרה. דער ערשטער און וויכטיגסטער פריינד, וואָס אַ מענש רעכענט איז געלט; זיין געלט האָפט ער וועט איהם פון אַלע צרות ארויסנעהמען. דער צווייטער פריינד איז, די בני בית, די פרוי, די קינדער, קרובים, דאָס הייסט, די משפחה. דער דריטער פריינד, וועלכען מען האַלט פאר ניט אַזוי וויכטיג ווי

די ערשטע צוויי, דאָס איז די תורה, מצוות און מעשים טובים, ביים לעבען קען מען נים ריכטיג אָפּשאַצען ווער פון די דריי איז דער געטרייסטער, דער בעסטער און דויערהאַפטסטער פריינד, ערשט ווען עס קומט די צייט, און דער מענש דאַרף פארלאָזען די וועלט און געהן אָפּגעבען דין וחשבון פאר'ן מלך מ"ה, דאן אנערקענט ער ערשט, דאָס דער ערשטער פריינד, דאָס געלט, וועלכעס ער האָט ביים לעבען געהאַלטען פאר'ן בעסטען פריינד, איז גאָר נים, ווי דער פסוק זאָגט: לא יועיל הון ביום עברה, ער בלייבט זיך רוהיג ליגען אין הויז און לאָזט דעם נפטר אוועקגעהן אַ ליידיגער אליין. אויך די צווייטע פריינד, דער מאַן אָדער די פרוי און קינדער זיי לאָזען נים אַזוי גיך אַליין, זיי האַלטען מיט איהם מיט קאָמ־פאני און בעגלייטען איהם צו זיין אייביגע רוה. אָבער נים מעהר, און אַזוי שנעל ווי דער נפטר ווערט אַראָפּגעלאָזען אין קאַלטען, פינצטערן קבר, קערען זיי זיך צוריק אַהיים, און ער בלייבט איבער אַליין; ווער באַגלייט איהם אָבער יאָ, ווער ראַטעוועט איהר ווען ער קומט אָפּגעבען דין וחשבון פאר'ן מלך מ"ה? דאָס איז דער דריטער פריינד, וועלכער איז ביים לעבען געוועזען פארעכענט פאר אומבעדייטענד, זייי די תורה, מצוות ומעשים טובים געהן מיט איהם צו זיין אַ מליץ יושר פאַר איהם. ווי דער תנא זאָגט אין "אבות" (פרק ו') "שבשעת פטירתו של אדם אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב, ולא אבנים טובות ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד", און ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: "צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו" אויף דעם זאָגט ווייטער דוד המלך. "לבי סחרחר עזבני כחי ואור עיני גם הם אין אתי", מיין האַרץ איז ערשיטערט, פאַרוואָס? ווייל איך זעה זיך ארום אז דאָס געלט, וואָס דער מענש האַלט פאַר דעם עיקר, דער "כחי ואור עיני" אין אתי, דאָס געלט פאַר וועלכען איך האָב מקריב געוועזען מיין לעבען, מיין געזונט, זיינען ניטאָ מיט מיר און מיך איבערגעלאָזען אַליין. "אוהבי ורעי" מיין באליבטע

משפחה "גם הם אין אתי", זיי זיינען אויך ניטא, "וקרובי מרחוק עמדו", מיך לאזט מען אראפ אין קבר און זיי בלייבען שטעהן פון דער ווייטענס. היינט אויף וועמען קען איך זיך פערלאזען, "כי לך ה' הוחלתי" נאר צו דיר גאט קען איך האפען דיינע מצוות ומעשים טובים וועלען מיר העלפין, זיי וועלען מיך ראטעווען.

אין דעם זעלבען פריינד אין וועלכען דער נפטר אדער נפטרת געפינען שוץ און טרייסט קענען אוין די לעבעדיגע געפינען טרייסט, זאלען די טעכטער אנהאלטען דעם אידישען גייסט פון דער מוטער, זאלען די קינדער זעהן פארטצוזעצען די ליכט, וואס די מוטער האט געצונדען אין דעם הויז, זאלען די זיהן זעהן אפהיטען תפילין, שבת, קדיש און משניות, וועט דאס זיין א זכות פאר דער נפטרת, און אויך א טרייסט צו די לעבעדיגע, הקב"ה זאל העלפען עס זאל זיין בילע המות לנצח במהרה בימינו, אמן.

יזכור

לד׳ הארץ ומלואה.

גוזל אביו ואמו ואומר אין פשע. חבר הוא לאיש משחית, (משלי כ״ח).

עס איז ביז היינט ניט פעסגעשטעלט געוואָרען, פון וואַנען האָט זיך גענומען דער מנהג ביי אידען צו זאָגען יזכור, אום יום טוב, מזכיר צו זיין די נשמות און שנדר׳ן צדקה פאַר זיי, מיר געפינען ניט אויף דעם קיין רמז אין דער תורה, און ניט אין תלמוד, היינט פון וועמען האָבען מיר דעם מנהג אדאָפּטירט? און פון וועלכער צייט האָט ער זיך ביי אונז אָנגעפאַנגען? הערשט די אחרונים ברענגען וועגען דעם. הרמ״א מביא מנהג זה בשם המרדכי, ומזכירין נשמותיהם, (אורח חיים, הלכות יום כפורים, סימן תרכ״א, סעיף ו׳), וזה רק ביוכ״פ שלפי הספרי גם המתים מתכפרים בו, ולכן מסביר המהר״יו — נקרא יום הכפורים בלשון רבים שהכפרה בו לחיים ולמתים.

יש אומרים שמנהג זה התפתח בימי הגזירות משנת תתנ״ו, בעת שנהרגו אלפי ישראל ונשרפו על קדושת השם ושמות ההרוגים נרשמו לזכר עולם בספרי הזכרונות של הקהלות להיות נזכרים בכל שנה ושנה.

און עס איז שווער צו פערשטעהן, פאַרוואָס פילע מנהגים, וועלכע זיינען באמת עקרים מן התורה איז די באַ-

ציהונג פון דעם המון צו זיי א גאנץ קאלטע, וועהרענד יזכור האט אין זיך איא מאגנעטישע קראפט, וועלכע ברייננגט אין שוהל אריין, אלט און יונג, רעליגיעזע און פרייגעזאנענע, און מיר זעהן בחוש, אז אפזאגענדיג יזכור פיהלט זיך יעדער איינער דערלייכטערט אויף דער נשמה, ריכטיג ווי עס וואלט זיי ארונטער גענומען געווארען א שווערער שטיין פון הארצען. מיט וואס ערקלערט זיך אט דיזע רעטעניש?

אום צו פארענטפערען, וואו עס ליגט די געהיימע קראפט וועלכע בריינגט אלעמען צוזאמען צו זאגען יזכור, מוזען מיר א בליק טאהן און בעטראכטען דעם גאנג און די ענטוויקלונג פון נאטור ערשיינונגען אין דער וועלט, אין וועלכער מיר לעבען, דאן וועלען מיר זעהן, אז דער צו ציהונגס קראפט פון יזכור ליגט אין אונזער בעוואוסט - זיין, מיר פיהלען, אינסטינקטיוו, אז מיר זיינען א טהייל פון די נפטרים, און אבוואהל אנדערע קערפערס פון די נפטרים וועלכע מיר זיינען מזכיר זייערע נשמות היינט זיינען שוין לאנג פערניכטעט געווארען. דאך עקזיסטירען זיי נאך אלץ, ווייל דאס איז דער געזעץ פון דער נאטור, אז קיין קערפער ווערט ניט פארניכטעט אין גאנצען, נאר ער איז פושט צורה ולובש צורה, ער ווערט פארנאנדער גענומען צו זיינע עלעמענטען און ער ווערט פערוואנדעלט אין א אנדער קערפער, און עקזיסטירט אזוי לאנג ביז דער נייער קערפער ווערט צו נומען אויף זיינע יסודות און ווערט פערוואנדעלט ווייטער אין א נייעם קערפער, ווי איינער פון אונזערע משוררים שטעלט דאס פאר אין איינינע ווערטער: כשב אוכל עשב, אדם אוכל כשב, דאס מיינט, אז ווען דער מענש שטארבט, דאן ווערט דער קערפער באהאלטען אין דער ערד, אדם יסודו מעפר וסופו לעפר, און דער קערפער ווערט צו פאלען אויף זיינע יסודות און ווערט ערד. קומען די זונען שטראלען און ציהען ארויס די פייכקייט און פערוואנדלען זיי אין וואלקענס, וועלכע ווערען פערוואנ-

דעלט אין רעגען, וועלכער מאכט וואקסען פון זיין קערפער גראז, דער שעפס עסט די גראז און דער מענש עסט דעם שעפס, און אז. וו. וחוזר חלילה, דעם מענשענס קערפער הערט ניט אויף צו עקזיסטירען נאר ער ווערט פערוואנדעלט, פריהער אין ערד אלס א דומם, נאכהער אלס א צומח. נאכהער אין א חי, נאכהער אין א מדבר, און אזוי ווערט דער קערפער מגולגל אין פערשיידענע עלעמענטען ביז ער קריגט זיין תקון, און ער ווערט געהייליגט דורך דעם וואס די שפייז, וואס קומט ארוים פון איהם ווערען געגעסען מיט א ברכה, די ברכה קען אבער נאר כשר'ע שפייזען, און אלס א קאנזעקווענץ וועט ער שוין ממילא אכטונג געבען דאס זיין עסען זאל זיין עפ"י דרך התורה, מצוה גוררת מצוה, און דעריבער דארף יעדער איד הייליג האלטען זיין קערפער נאר מיט כשר'ע שפייזען, וועט ער איהם ברייגגען צו אזא שטופע, אזוי ווי זיין נשמה, וועלכע איז א גייסטיגער געגענשטאנד, און נאך דעם מענשענס טויט קערט זי זיך אום צו איהר ערשטען מקור, אזוי וועט דעם מענשענס קערפער ווערען אויסגעאיידעלט, ער זאל מער ניט דארפען דורכמאכען די אויבענדערמאנטע עוואלוציעס און גלגולים.

ווען אבער ביים מענשענס לעבען ווערט דער קערפער ניט געגעבען די געהעריגע אויפמערקזאמקייט, און ממילא קען שוין דער קערפער ניט דערגרייכען די פיינע מדרגה צו וועלכער זיין נשמה קען דערגרייכען, מוז זיך דער קערפער אזוי לאנג לייטערן, און דורכמאכען אט די אלע גלגולים ביז ער קומט צו זיין ריכטיגען תקון.

ווי אזוי קען זיך דער מענש פערפאלקאמען אום ווערט צו זיין צו קומען צום רעכטען מקור? ענטפערען אויף דעם אונזערע חז"ל מיט א מאמר (ברכות ל"ה) "כל הנהנה מן העולם הזה בלי ברכה כאלו נהנה מקדשי שמים", שנאמר

"לד' הארץ ומלואה", די געדאנקען פון דעם מאמר איז, לד' הארץ ומלואה, אלעס וואָס געפינט זיך אויף דער ערד, מוז מיט דער צייט ווערען הימעלישעס, הארץ ומלואה — לד' — ווי אזוי? מיט דעם וואָס מיר מאַכען אַ ברכה איבער אונזער עסענוואַרג אָדער געטראַנקען, הייליגט זיך די זאַך, און דורך דעם עסען ווערט אויך דער קערפּער געהייליגט, און הויבט זיך אויף צו דער הויכער געטליכער מדרגה, און ער שפּאַרט איין דורכצומאַכען די פריהער אויסגערעכענטע עוואָלוציעס און עס בלייבט אין דער מדרגה פון לד', דורכאוים הימעל־שעס, אזוי ווי זיין נשמה איז א הימעלישע און זי געהט צוריק נאָך זיין טויט אין הימעל.

און דאָס מאַכט אונז קלאָר ר' יהודא פון שמואל'ס וועגען מיט אַ מאמר: כל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה דער וואָס געניסט פון דער וועלט אָהן אַ ברכה, און ער הייליגט ניט דעם מאכל ווען ער עסט דאָס, כאלו נהנה מקדשי שמים, איז גלייך ווי ער וואָלט געגאָסען פון הימעלישע הייליג־קייט, ווייל ווען מיר עסען ברויט אָדער פרוכט, וועלכעס האָט מעגליך אין זיך אַ טהייל פון אונזערע פּאָטערס, מוטערס אָדער אַנדערע נאָהענטע (לויט די פריהער אויסגערעכענטע עוואָ־לוציעס, וואָס דעם מענשענס קערפּער מוז דורך מאַכען.) און מיר עסען די שפּייז אָהן אַ ברכה ניט ווי אַ איד דאַרף עסען, דאַן זיינען מיר גורם, אַז די פּערזאָן זאָל דאַרפען נאָך אַמאָל דורך מאַכען אָט דעם פּראָצעס, וועלכער איז זיכער ניט גע־שמאַק דורך צו מאַכען. אויף דעם זאָגט ר' חנינא בר פּפּא: "כל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה כאלו גוזל להקב"ה וכנסת ישראל", שנאמר (משלי כ"ח) גוזל אביו ואמו ואומר אין פּשע, חבר הוא לאיש משחית, פון דעם פּסוק זעהן מיר, אַז דורך דעם וואָס דער מענש האָט עסענדיג ניט געמאַכט קיין ברכה אויף די שפּייז, בע'גזל'ט ער דערמיט זיין פאָטער און מוטער, ווייל צוליב זיין נאַכלעסיגקייט און ניט אידישע

אויפפיהרונג ביים עסען וועלען זיינע עלטערען מוזען דורכ־מאַכען די עוואָלוציע פון לייטערן זיך, ווייל ער געניסט פי־לייכט אַ טהייל פון זייערע קערפּערס, וועלכעס געפינט זיך איז זיין שפּייז.

און זאָל דער אויבענדערמאָנטער געדאַנק זיין פאר אונז אַ וואָרענונג אין יעצטיגען מאָמענט ווען מיר זיינען דאָ אַלע פארזאמעלט צו זאָגען יזכור נאָך אונזערע עלטערן און אנדערע קרובים, מיר זאָלען נעהמען אויף זיך פון יעצט און ווייטער צו היילי‌גען אונזער עסען און טרינקען צו מאַכען די געהעריגע ברכות. זעהן וואָס מיר עסען און וואָס מיר טרינקען, צו איז דאָס כשר, צו עסען מיר ניט ח"ו קיין נבלה וטרפה, כדי מיר זאָלען ניט בע׳גזל׳נען אונזערע פאָטערס, מוטערס און קרובים, זיי זאָלען ניט דארפען צוליב אונז דורכמאכען די אלע אומזים־טע גלגולים, מיר זאָלען ניט זיין ווי עס ווערט דערצעהלט אין אַ וויץ, אַ דייטשישער יהודי, וועלכער האָט פון אידישקייט ניט געוואוסט און ניט געהאלטען, האָט אָבער געדענקט איין זאַך, דעם פאָטערס יאָהרצייט, און דאָס האָט ער אָפּגעהיט פּינקטליך, און אום דאָס אויסצודריקען אויף אַ העכט אידי־שען שטייגער פלעגט ער אן דעם טאָג אריין געהן אין אַ אידי־שען רעסטאָראַן און הייסען זיך געבען אַ פּאָרציע געפילטע פיש, איינמאָל קומט ער אריין און זאָגט צו דעם רעסטאָראַ־טער, היינט וויל איך עסען אַ טאָפּעלע פּאָרציע פיש, מיין פאָ־טער וואָר זעהר אַ עהרליכער יהודי, און ער האָט זיך דאָס עהרליך פארדינט. מיט צוויי מאָהל עסען פיש האָט ער גע־וואָלט בעצייכענען זיין פאָטערס העכסטע אידישקייט, און דערמיט איהם פארשאפען אַ נחת רוח.

מיר דארפען אָבער וויסען, אז ניט דער עסען איז די הויפּט זאַך, און אויך ניט דער זאָגען יזכור, אויב עס ווערט געזאָגט מיט אַ געווויסען וואָס איז ניט גאַנץ ריין.

אַ גאַנץ יאָהר דאַרף מען זיך צופּאַסען צום יזכור זאָגען. און זיך אָפּהיטען מיט'ן עסען און מיט אלע אונזערע מעשים, וועלכעם קומט אַלס אַ קאָנזעקוועגץ פון עסען. ווי זאָגט א בעריהמטער דייטשער געלערנטער: דער מענש איזט וואָס ער איסט! דאן וועט אונזער יזכור זאָגען זיין א אמת'ער נחת רוח פאַר די פערשטאָרבענע, זיי וועלען זיין הייליג, זייערע קערפּערם ווי זייערע נשמות, און עס וועט מקוים ווערען די תפלה פון יזכור, ויצרור בצרור החיים את נשמתם, וינוחו בשלום על משכבם, אמן.